STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05109

A GLIK

M. Artsybashev

Permanent preservation of this book was made possible
by Eugene Herscher
in memory of
his loving parents, Reuben & Eva Herscher

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ארציבאשעוו.

א גליק

(ערצעהלונג.)

איבערזעצט פון ז. ראזעס.

פערלאג „קולטור" לאנדאן.

1910.

פארװארט.

דער יודישער ליטעראטור איז דער נאמען ארציבאשעװ ניט לאנג בעקאנט געװארען, חאטש ער פארנעהמט אבכבוד־דיגען ארט אין דער רוסישער ליטעראַטור מעהר װי צעהן יאהר. און בעקאנט איז געװארען ארציבאשעװ אין דער יודישער ליטעראטור ניט צוליעב זיין קינסטלערישען טאלאנט, ניט צוליעב דער רייכקייט און זאנפטקייט פון זיין שפראך און זיינע שילדערונגען, נאָר צוליעב דאס פיקאנטע טהעמא פון פרייע ליעבע, װעלכע ער האט פאָרגעבראַכט אין זיין לעצטען בוך "סאנין".

די לעזער פון „סאנין" האבען דאדורך אויסגעארבייט א פאלשען בעגריף װעגען ארציבאשעװ'ן זעלבסט. זיי שטעלען זיך איהם זיכער פאָר אלס לעבענדיגען, לוסטיגען יונגען מאן, װעלכער פיהלט ניט און װייס ניט קיין זאך אויסער זיין ענגע זעלבסט-צופריעדענהייט, װעלכע דארף זיך אויסדריקען אין װאס א גרעסערען געשלעכטליכען גענוס.

ארציבאשעװ'ן פערזענליך, װעט בעסער װיא אלעס כאראקטעריזירען זיינע אייגענע װערטער, װעלכע ער האָט דא ניט לאנג געשריבען װעגען זיך.

„איך בין אלט 30 יאהר — שרייבט ארציבאשעוו, — און ווען איך קוק זיך ארום אויף דער פערגאנגענהייט דאכט זיך מיר, אזוי וויא איך וואָלט געגאנגען אויף א גרויסען בית־עולם, און וואלט גאָרנישט געזעהן אחוץ קברים און מצבות"...

און ווייטער:

...לעבערליך איז געווען אין דער מינוט צו פֿאָרדערן פון מיר ליעבע און רחמנות צו דיזע מיליאנען קרעמער, הער־שער פון לעבען, ווילדע חיות און לומפּען"...

א קבר פון לעבען און איינער פֿון די ווילדע חיות און לומפען זיינען געשילדערט אין זיין קליינער ערצעהלונג „א גליק".

ז. ראזעס.

זינד ביי דער גאסען־פרוי סאשקען איז איינגעפאלען דער נאָז און איהר געוועזענע שעהנע און קאַפריזנע געזיכט איז געוואָרען עהנליך צו א צופוילטען שאַרבען, האט איהר לעבען פערלאָרען אלעס, וואס מען האט געקענט אנ־רופען מיט׳ן נאמען ל ע ב ע ן.

דאס איז געוועזן בלויז א שרעקליכע, טרויעריגע עקזיס־טענץ, ביי וועלכער דער טאג האט פערלארען זיין ליכט און איז פערוואַנדעלט געווארען אין א פינסטערער נאכט, און די נאכט איז געווארען א אונענדליך שווערער ארבייטס־טאג. הונגער און קעלט האבען געריסען אויף שטיקער איהר מא־גערען קערפער, איהרע דארע פיס און איינגעפאלענע ברוסט, אזוי ווי הינד רייסען א נבלה. פון די גרויסע גאסען איז זי אוועק געגאנגען אויף די פוסטע פלעצער און האט זיך דארט פערקויפט צו די שמוציגסטע און גרויזאמסטע מענשען, וועלכע זיינען געבוירען געווארען דאכט זיך, פון שמוץ און פינסטערניש.

איינמאל, אין א קאלטע פראסטיגע לבנה־נאכט, האט סאשקע פערבלאנדזשעט אויף א נייער גאס, וועלכע איז ערשט

אין הערבסט אויסגעלעגט געווארען איבערן ברייטען פלאץ, וואס איז בעשטאנען דורכאויס פון בערגלאך און טהאלען, ביים עק שטאדט, הינטערן באהן. דא איז געווען שטיל און פוסט. א קייט פון לאמטערנעס האט דונקעל געשיינט ביי דער בלאהער לבנה-ליכט, וועלכע האט פייערליך און גלייך בעגאָסען דעם שווייגענדען פעלד. שווארצע שאָטענס האבען זיך געטונקט אין די גריבער מיט עזות און שרעק, און די טעלעגראפען-קלעצער מיט די דראטהען אויבען, האבען גע־היימניספאל, אזוי ווי נאכט-גייסטער העל געבלאנקט פון פראָכט אונטערן דונקעל-בלאהען הימעל. די לופט איז געווען ריין און טרוקען און האט געשניטען און געברענט אונער־טרעגליך מיט איהר אונבעוועגליכען פראסט. עס האט זיך געדאכט אז פון גרויס קעלט איז אלעס אין דער וועלט פער־שטיינערט געווארען און צום גאנצען קערפער, צו אלע אויסערליכע טהיילען זיינע איז אזוי ווי צוגעלעגט א גליהענדער אייזען, און דער קערפער איבערלאזענדיג שטיקלעך הויט, רייסט זיך אפ פון איהם מיט בלוט. דער דאמפף פון מויל האט זיך געצויגען אזוי ווי אַ וואלקען און איז שטיל, אונ־בעמערקט צוגאנגען אין דער ריינער פראָסטיגער לופט אויפ־הייבענדיג זיך אין דער הויך צום בלאהען הימעל.

סאַשקע האט שוין ניט געהאט פערדינט גאנצע פינף טעג, און מיט א טאג פריהער האט מען זי גוט צושלאגען, ארויסגעטריבען פון דירה, און צוגענומען ביי איהר דעם לעצ־טען ווארעמען בגד.

עלענד און אונזיכער האט געטראטען איבער דעם פוסטען וועג איהר קליינינקע צוזאמענגעקארטשעטע פיגור און איהר האט זיך געדאכט, אז אין דער גאנצער וועלט איז זי אליין און זי וועט קיינמאל ניט פטור ווערען פון דעם פוסטען פעלד, פונ׳ם קעלט, וואס פערהאפט דעם אטהעם, און פון דעם פראסטיגען לבנה־שיין.

איהרע פים זיינען געפרוירען געווארען און זי האט גע־טראטען איבערן סקריפענדען שנעע מיט אזא וועהטאג, אזוי ווי מען טרעט מיט א פערבלוטיגטען נאקעטען ביין אויף הארטע שטיינער.

און ערשט דא, אויפ׳ן פעלד האט סאשקע צום ערשטען מאל פערשטאנען דעם גאנצען אונזין און שרעק פון איהר לעבען, און זי האט זיך פערנאנדערגעוויינט. די טרעהרען האבען זיך געקייקעלט פון איהרע קראנקע, פערפראָרענע אויגען, און זי זיינען פערקיהלט געווארען אין גריבעל, וואו עס איז אמאהל געוועזען ביי איהר דער נאז, און איצט— פער־פוילט. קיינער האט ניט געזעהען דיזע טרעהרען, און די לבנה איז אזוי ווי פריהער הערליך געשוואומען הויך איבערן פעלד, אין איהר ריינעם און קאלטען בלאהען שיין.

קיינער איז ניט דורכגעגאנגען, און איין אונאויסדריק־ליכער געפיהל פון טהירישער פערצווייפלונג, אויפהייבענדיג זיך אלץ העכער און העכער, האט גענומען דערגעהן צו יע־נער שטופע, ווען דעם מענשען דאכט זיך, אז ער שרייט מיט

א שרעקליכען, הילכיגען געשריי איבערן גאנצען פעלד, איבער דער גאנצער וועלט, און אין אמת'ן שווייגט ער און דריקט נאר שוידערהאפט צונויף די ציינער.

—חאטש שטארבען... אך, חאטש שטארבען... —האט זיך געבעטען סאשקע און האט געשוויגען.

און דא, דערנעבען, אויפ'ן ווייסען וועג האט זיך געזעהען טרעטענדיג א הויכע און שווארצע מענער־פיגור. ער איז שנעל געגאנגען אין סאשקע'ס ריכטונג, און עס האט זיך שוין גע־הערט ווי דער שנעע סקריפעט אבגעהאקט און אויפ'ן קול, און עס האט זיך שוין געזעהען ביי דער לבנה דער גלאנץ פון זיין האריגען קאלנער. סאשקע האט פערשטאנען, אז דאס מוז זיין א בעאמטער פון פאבריק, וואס איבערן וועג.

זי האט זיך געשטעלט אויפ'ן זייט וועג און, אריינגעה־מענדיג איהרע פערפרארענע הענד אין די ארבעל, אויפהיי־בענדיג די אקסלען און שפרינגענדיג פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, האט זי געווארט. די ליפען זיינען ביי איהר געווען אזוי ווי גומילאסטענע, זיי האבען זיך בעוועגט שווער און הארט, און סאשקע האט זעהר מורא געהאט, אז זי וועט גארנישט קענען ריידען.

—קאוואַ־ער... —האט זי אונפערשטענדליך געמורמעלט.

דער פערבייגעהער האט א ווילע א קעהר געטאהן צו איהר זיין געזיכט און איז אוועק ווייטער, טרעטענדיג שנעל און זיכער. נאר מיט דער דרייסטקייט פון דער העכסטער

פֿערצווייפֿלונג האָט איהם סאַשקע איבערגעיאָגט און, געהענדיג איהם אַנטקעגען, הינטערוועריטס, האָט זי אונגאַטירליך פֿרעה־ליך אין לעבהאַפֿט גענומען ריידען:

—קאַוואַ־ער... קומט... כ׳לעבען... נו, וואָס איז דארט, קומט!... איך וועל אייך אַזעלכעס ווייזען, אַז איהר וועט פּלאַצען פֿאַ־ געלעכטער... קומט, נו... ביי גאָט, איך וועל ווייזען... קום,— יִבינקער...

דער ד־רכגעהער איז געגאַנגען ניט אומקוקענדיג זיך אויף איהר; און אויף זיין אונבעוועגליכע געזיכט האָבען גע־בלישצעט ביי דער לבנה שיין זיינע בולט׳ע אויגען, אזוי ווי גלעזערנע.

סאַשקע האָט אַנטקעגען איהם געטאַנצט אויף הינטען, און הייך אויפֿציהענדיג די אַקסלען, מיט אַ קלאָגענדע שטימע פֿול פֿערצווייפֿלונג, פֿערשטיקענדיג זיך מיט׳ן קעלט, וואָס איז איהר אנגעגאנגען אין האלז, האָט זי צו איהם געזאגט:

—איהר קוקט ניט קא־ווא־ער, וואס איך בין אזאַ... מיין קערפער איז ריין... איך האב אַ צימער... ניט וויט... קומט־זשע, נו...

די לבנה איז זיך געשוואומען הויך איבערן פֿעלד, און סאַשקעס שטימע האָט מאדנע שוואך געציטערט אין דער פֿראָסטיגער לופֿט.

—נו, קומט... האָט סאַשקע געזאָגט פֿערשטיקט, פֿאַ־לענדיג פֿון די פֿיס, נאך אַלץ טאַנצענדיג אויף הינטען:—נו, איהר ווילט ניט, טא גיט האָטש אזוי צוואַנציג קאפיקעס...

אויף ברויט... א גאַנצען טאָג ניט געגעסען... בבב... גיט... נו חאָטש צעהן, קאַוואַ־ער... —יבינקער... גאָלדענער... גיט!

דער פערבייגעהער איז שווייגענדיג געגאַנגען פאָראויס אויף איהר, אזוי ווי פאר איהם וואָלט געווען א פוסטער ארט און זיינע זאָנדעבאַרע גלעזערנע אויגען האבען אַלץ אזוי טויט געבלישצעט ביי דער לבנה. ביי סאַשקען האָט זיך אבגעריסען איהר שטימע און די ברעמען זיינען איהר צונויפגעפראָרען פון טרעהרען.

—נו, גיט בלויז צעהן קאפיקעס.. גוטינקער קאַיואַ־ער, וואָס פאַר אַ ווערטה האָט דאַס ביי אייך...

און פלוצלינג איז איהר ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען א לעצטער פערצווייפעלטער געדאַנק:

—איך וועו— אייך טאָהן, וואס איהר ווי-ט... ביי גאָט איך וועו— אייך ווייזען אַזאַ קונץ... ביי גאָט... איך בין א גרויסע שטיפערקע!.. איהר ווי־ט ווע־איך אויפהייבען דאָס קלייד און זעצען זיך אויפן שנעע... גאנצע פינף מינוט ווע־איך זיצען, אָט ועט איהר זעהען... ביי גאָט!... פאר איינע צעהן קאָפיקעס... אוי, וועט איהר־אַבען, קאוואַ־ער...

דער דורכגעהער האָט זיך אבגעשטעלט. זיינע גלעזערנע אויגען האבען אויפגעבליצט מיט עפּעס אַ המצאה און ער האט זיך צולאכט מיט א מאדנעם קורצען געלעכטער. סאַשקע איז געשטאנען אַנטקעגען איהם, און טאַנצענדיג פאר קעלט האָט זי זיך אויך געסטארעט צו לאַכען, קוקענדיג אין דער זעלבער צייט אויף זיין געזיכט און אויף זיינע הענד.

—ווילסט, אנשטאט צעהן קאפיקעס בעקומען אַ גאנצע פינף רובעלדיקע?-האט דער דורכגעהער זי געפרעגט און האט זיך ארומגעקוקט.

סאשקע האט זיך געטרייסעלט פאר קעלט, זי האט ניט געגלייבט און געשוויגען.

—דו... טהו זיך אויס איינגאנצען נאקעט און שטעה, איך וועל דיר געבען צעהן קלעפ... צו האלבען רובעל פאר א קלאפ, ווילסטו?...

ער האט געלאכט און זיין געלעכטער איז ארויסגעקומען ציטעריג, פערשטיקט און העסליך.

—ס'איז קאלט...,האט טרויעריג געזאגט סאשקע און אַ ציטער פון פערוואונדערונג, שרעק, הונגער און אונצוטרוי האט שוידערליך און נערוועז געטרייסעלט איהר קערפער.

—נו מאלע וואס... דערפאר גיב איך דאך אַ פינ־פערל, ווייל ס'איז קאלט!...

—איהר וועט זעהר שטארק שלאגען...—האט פיינליך ארויסגעמורמעלט סאשקע ניט קענענדיג זיך בעשליסען אויף דעם.

—נו, איז וואס, אז שטארק... דו האלט אויס, וועסט בעקומען אַ פינף רובעלדיגע!

דער דורכגעהער האט גענומען געהן ווייטער. דער שנעע האט זיך געהערט סקריפען.

סאשקען האט אלץ שטארקער און שטארקער געטריי־סעלט א אינערליכער שוידער.

ניט בעסער אזוי ... חאטש פינף קאפיקעס ...
דער דורכגעהער איז אוועק געגאנגען.

סאשקע האט איהם געוואלט אנהאפען פארן האנד, נאר ער האט זיך אויף איהר פערמאסטען מיט אזא אונערווארטעטע, שרעקליכע שנאה, אבליץ טהוענדיג מיט זיינע ארויסגעקרא-כענע ווילדע אויגען, אז זי איז צוריקגעשפרונגען.

דער דורכגעהער איז שוין אפגעגאנגען עטליכע טריט.

—קאווא־ער, קאווא־ער!... נו גוט... קאווא־ער! —האט עלענד און טרויעריג סאשקע אויסגעשריהען.

דער דורכגעהער האט זיך אבגעשטעלט און האט זיך אומגעקעהרט. די אויגען האבען איהם געבלישצעט און זיין געזיכט איז אזוי ווי שווארץ געווארען.

—נו,—האט ער מיט א חריפ ארויסגערעדט פון צווישען די ציין.

סאשקע איז געשטאנען אביסעל ניט בעגרייפענדיג איהם, דערנאך האט זי מיט א טעמפען שמייכעל גענומען פאנאנדער־שפילען איהר בלוזע מיט פערפראָרענע, אזוי ווי פרעמדע פינ־גער, אין זי האט, אליין ניט וויסענדיג פארוואס, ניט געקענט אוועקנעהמען די אויגען פון זיין זאנדערבארען, שרעקליכען געזיכט מיט גלעזערנע טויטע אויגען.

נו דו... מאך דאס אביסעל שנעלער, א ניט וועט נאך עמיצער פערבייגעהן! —האט געבורטשעט דער דורכגעהער.

א שרעקליכע קעלט האט דער נאקעטער סאשקען ארומ־גענומען פון אלע זייטען. עס האט איהר פערחאפט דער

אטהעם. אזוי ווי אַ געברענטער אייזען האט זיך מיט אמאל צוגעקלעפּט צו איהר גאנצען קערפּער און, האט דאכט זיך, גענומען רייסען איהר גאנצע אייז־געפּרארענע הויט.

—שלאגט גיבער... האט געמורמעלט סאשקע, אליין אומקעהרענדיג זיך צו איהם מיט'ן פּלייצע און טרייסלענדיג מיט די ציין.

זי איז געשטאנען איינגאנצען נאקעט און אויסערגעוועהנ־ליך פרעמד איז געוועזען דער קליינער, נאקעטער קערפּער אויפן שנעע אין מיטען לבנה'דיגען, פראסטיגען פעלד ביי נאכט.

נו... —האט ער שטיקענדיג זיך פון עפּעס אַ שרעק־ליכען געפיהל, גראב ארויסגערעדט: —זעה... וועסטו אויס־האלטען—בעקומסטו פינף רובעל, וועסטו ניט אויסהאלטען, אדער דו וועסט שרייען, דאן—געה צום טייוועל...

—גו־ו־ט... —שלאגט שויז, האבען קיים אפּגעקלאפּט איהרע ליפּען וואס האבען געשפּרונגען פאר קעלט. און איהר גאנצער קערפּער האט זיך געטרייסעלט אזוי ווי אין אַ קדחת.

דער דורכגעהער איז אפּגעגאנגען פון דער זייט און פּלוצ־לינג, אויפהייבענדיג א דינעם שטעקען, האט ער מיטן גאנצען כוח מיט אזא מארנעם טעמפּען קלאנג א קלאפּ געטאהן סאש־קען איבערן מאגערן, איינגעשרומפּטען הינטען.

א שרעקליך שניידענדער וועהטאג האט דורכגענומען איהר גאנצען קערפּער ביז צום מארך און, ס'האט איהר גע־דאכט, אז דער גאנצער פעלד, די לבנה, דער דורכגעהער, דער הימעל, די גאנצע וועלט—אלעס האט זיך צונויפגעגאסען אין

איין פֿינסטערן פֿיהלען דעם מאוים׳דיג שניידענדען וועהטאג.

—אב... —האט זיך ארויסגעריסען פֿון סאשקעס ליפּען א קורצער, אזוי ווי דערשראקענער הילך און סאשקע איז אפּ־געלאפֿען א פּאר טריט, אנחאפּענדיג מיט ביידע הענד פֿאר דעם געשלאגענעם ארט.

—די הענד, די הענד לאז אראפּ! —האט ער פֿערשטיקט א געשריי געטאהן, שנעל דעריאגענדיג זי.

סאשקע האט טרייסלענדיג צוזאמענגעדריקט איהרע עלענ־בויגענס, אוועקגענומען די הענד, און א צווייטער קלאפּ האט זי אויגענבליקליך א ברען געטאהן מיטן זעלבען אונערטרעגליכען וועהטאג. זי האט א געשריי געטאהן און איז געפֿאלען אויף אלע פֿיער. און ווען זי איז שוין געלעגען, האט זיך מיט א שרעקליכער שנעלקייט געשאטען אויף איהר נאקעטען קערפּער איינער נאכ׳ן אנדערען פֿייער־שניידענדע קלעפּ, און בייסענדיג דעם שנעע, כמעט פֿערליהרענדיג איהר בעוואוסטזיין האט די ווילד געווארענע סאשקע געפּויזעט מיטן נאקעטען בויך אויפ׳ן שנעע.

—ניין! —האט אבגעצעהלט א פֿערשפּארטע צוגויפּ־געדריקטע שטימע און א בליץ האט א ברען געטאהן דעם נאקעטען קערפּער מיט עפּעס א נייעם נאשען קלאנג. עפּעס האט אזוי ווי א סקריה געטאהן, אזוי ווי א פֿערפּראַרענער קרויטקעפּיל, און ס׳האט א שפּריץ געטאהן אויפ׳ן שנעע.

סאשקע קארטשענדיג זיך אזוי ווי א שלאנג, האט זיך איבערגעקהערט אויפ׳ן רוקען, פֿערשמירענדיג מיט בלוט דעם

שנעע און איהר איינגעפאלענער בויך האט דונקעל געגלאנצט ביי דער לבנה מיט זיינע שארפע, ביינערדיגע ריפען.

און אין דער זעלבער מינוט האט עפעס א אומגלויבליך שארפער אייזען דורכגעשניטען איהר לינקע, טעמפ—אויפגע-הויבענע ברוסט.

—צעהן! —האט ערגיץ זעהר ווייט ווער עס איז א געשריי געטאהן און סאשקע האט פערלארען איהרע געדאנקען נאר זי האט זיך גלייך אויפגעחאפט.

—נו שטעה אויף, שטיק פגר... בעקום דאס דייניגע... האט חריפענדיג איבער איהר געדעדט א טרייסלענדע פער-חליפעטע שטימע. —ווען ניט וועל איך אוועקגעהן... נו?

די לבנה האט געשיינט הויך און ליכטיג. בלאה האט אויסגעזעהן דער שנעע און פוסט האט געשוויגען דאס פעלד. סאשקע א נאקעטע, גאר ניט עהנליך צו א מענשען, פאלענ-דיג און אנחאפענדיג זיך פאר דער ערד מיט טרייסלענדע הענד, האט זי זיך אויפגעהייבען אויפ'ן מיטען וועג און איבער איהר, ביים לבנה, ווייסען קערפער, האבען שנעל אראפגע-פויזעט שווארצע, דינע שלענגעלאך. זי האט שוין ניט געפיהלט קיין קעלט, נאר עפעס א מאדנע שוואכקייט, און איבעלקייט א ליידענדען ציטער און א ברעכעניש אין איהר גאנצען קערפער, דורכגעשניטען מיט א שארפען ברענענדען וועהטאג, שטארק אנחאפענדיג דעם צוקלאפטען נאשען ארט, האט זיך סאשקע דערקליבען צו איהרע קליידער און האט זיך לאנג אנגעטאהן אין די פערפארערענע שמאטעס, שטיל פארקענדיג זיך אין דעם לבנה בעלייכטענעם פוסטען פעלד.

ערשט ווען זי האט זיך אנגעטאהן, און דער שווארצער שאטען פון דעם דורכגעהער איז ווייט פערשוואונדען אין דעם לייכטען לבנה נעבעל, האט זי פאנאנדער געעפענט איהר האנד און אקוק געטאהן. א גלינקע גאלדענע מטבע האט ווי א פונק א בלאנק געטאהן אויף איהר פערבלוטיגטער שווארצער האנד.

פינף! —האט סאשקע געטראכט און א געפיהל פון אונגעהויער גרויסע, ערלייכטערענדע שמחה האט זי פלוצלינג ארומגענומען. שטארק דריקענדיג דעם גאלדשטיק אין האנד· האט זי זיך לויפענדיג אויף איהרע טרייסלענדע פיס געלא־זען אין שטאדט. איהר קלייד האט זיך פון הינטען געקלעפט צו עפעס נאשעס און האט געריבען דעם ברענענדען וועה־טאג; נאר סאשקע האט אויף דעם ניט געקוקט; און איהר גאנצעס וועזען איז געוועזען אנגעפיהלט מיט א ליכטיג און פרעה־ליך געפיהל פון גליק—עסען, ווארעמקייט, רוהע, בראנפען!...

וועגען דעם, וואס מען האט זי ערשט אזוי שרעקליך און שענדליך געשלאגען, האט סאשקע ניט געקלערט.

—ס'איז נאך בעסער... ניט קאלט! —האט זי פריהליך בעמערקט צו זיך אליין און האט זיך פערקעהרט אין א גע־סיל, וואו עס האבען איהר גלייך א שיין געטאהן די פרעה־ליכע פייערן פון א נאכט־שענק.

מ. אַרציבּאַשעוו

אײפערזוכט

א דראַמע אין פינף אַקטען

איבערזעצט פון רוסישען

פון

מאַרק שווײד

מ. גורעװיטש פערלאַג, ניו יאָרק.
M. GUREWITCH, 202 E. Broadway, New York
1914

פינסקי־מזל פרעס, אינק.
446
125 קאַנעל סטריט.

פערזאנען:

סערגעי פּיעטראָוויטש.

יעלענא ניקאָלאַיעווּנא, זיין ווייב.

אַנדרעי איוואַנאָוויטש.

קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ.

סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, איהר מאַן.

קניאַז דאַרבעליאַני.

סעריאָזשאַ, אַ סטודענט.

סאָניאַ, אַ גימנאַזיסטקע.

איוואַנאָוו, אַ פּאַרוטשיק.

קאָוואַלענקאָ, אַ מיליטער־דאָקטאָר.

פּיאָטר, אַ לאַקיי.

גרוזינער מוזיקאַנטען.

ערשטער אַקט.

(אַ פּיקניק אין די בערג. אַ טייכעל אַרומגערינגעלט מיט הויכע אַלטע סאָסנעס. דאָס טייכעל ענדיגט זיך מיט אַ גלייכען באַרג און אַ גרויסען שטיין, וואָס הענגט איבער׳ן אָבגרונד. איבער דעם באַרג, טונקעלע מיט בוימער בעוואַקסענע בערג. צווישען די בערג אַ טיעפער שפּאַלט, פון וועלכען עס קריכען אַרויס נעבלען; איבער זיי אַנדערע, ווייטע בערג מיט שנעע־שפּיצען, וועלכע זיינען בעלויכטען פון דער אונטערגעהענדער זון. ביים באַרג אויף דער ערד איז אויסגעשפּרייט אַ טישטוך מיט עסענוואַרג און געפּעס; דערנעבען אַ סאַמאָוואַר און אַ קויש מיט וויין; לעדיגע פלעשער וואַלגערען זיך אויפ׳ן גראָז. סערגעי פּיעטראָוויטש און דאָקטאָר קאָוואַלענקאָ זיצען אויף אַן איבערגעקעהרטען בוים און טרינקען ווייז. דער דיקער סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש פּאָרעט זיך ביים סאַמאָוואַר. אַנדרעי איוואַנאָוויטש ליעגט אויפ׳ן בויך און קוקט אויף די בערג. נעהנטער אויף אַ באַרג שטיינער זיצט יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ — אַ שעהנינקע, עלעגאַנטע פרוי, אין אַ העל קלייד און אַ גרויסען שטרויענעם הוט, וואָס מאַכט זי אויסזעהן ווי אַ יונג קאָקעטיש מיידעלע, און קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, אָנגעטהאָן עלעגאַנט, גאָר ניט ווי צו אַ פּיקניק. די גימנאַזיסטקע סאָניאַ דריקט זיך צו יעלענאַ׳ס קניהען און קוקט אַרויף צו איהר מיט גרויסע, טונקעלע און פערליעבטע אויגען. נעבען זיי אויף דער ערד זיצען: דער סטודענט סעריאָזשאַ און דער פּאָרוטשיק איוואַנאָוו, אַ פראַנטישער אָפיציר. דער קניאַז אין אַ ווייסען טשערקאַסישען אַנצוג, שטעהט נעבען יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ. דער צענטער פון דער גרופּע מענער איז יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ, עס ווייזט אויס, אַז זי ווייס דאָס און עס איז איהר אַנגענעהם. עס ווערט ביסלעכוויין טונקעלער און אויף די בערג בעווייזט זיך אַ פולע ליכטיגע לבנה.)

פערגעי (צום דאָקטאָר). ניין, דאָקטאָר, ווי עס זאָל נישט זיין, די מענשליכע געפיהלען און טהאטען הענגען נישט אָב אַזוי פיעל פון דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען, נאָר פון א גאַנצער נעץ איינצעלהייטען און קאָמבינאַציעס, וועלכע מען קען כמעט נישט אויפכאַפּען. און קיין מענש קען נישט גאַראַנטירען פאַר דאָס, וואָס ער וועט טהון אין דעם אָדער אין יענעם פאַל.

דאָקטאָר. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען — אַזוי איז עס.

אַנדרעי. נו, און איך פערשטעה עס נישט. יעדער מענש דאַרף זיך אָבגעבען א דייטליכען רעכנונג אין אַלעם. א מענש האָט נישט קיין רעכט צו זיין א נאַר... (פויזע.)

סעריאָזשא (מיט א באַס). פּאַרוטשיק, האָט איהר שוועבעלעך?

פּאַרוטשיק. און א פּאַפּיראָס וועט איהר געבען? איך האָב פערגעסען מיין ציגאַרענטאַש.

סעריאָזשא. דאָס יאָ. וואָס — וואָס, אָבער פּאַפּיראָסען האָב איך שטענדיג ביי מיר. און א סך.

סאָניא. איהר רויכערט שרעקליך פיעל, סעריאָזשא.

סעריאָזשא. מען קען נישט העלפען: א געוואוינהייט... איך רויכער דאָך שוין פון זיעבען יאָהר אָן. מיין אָרגאַניזם איז פאַר'סם'ט מיט אַלקאָהאָל, מיט ניקאָטין. אין גימנאַזיע בין איך פאַר רויכערען יעדע וואָך, פּינקטליך, געזעסען אין קאַרצער.

קניאַז. און וואַרשיינליך פּינקטליכער ווי ביי די לעקציעס.

סעריאָזשא. וויצעלט אייך נישט, קניאַז... דאָס פּאַסט אייך גאָרנישט צו אייער פּנים. איהר דאַרפט נאָר רעטזעלהאַפט שווייגען און שמייכלען מיט פעראַכטונג: אַלע גרויסע העלדען שווייגען רעטזעלהאַפט און שמייכלען מיט פעראַכטונג. און דערביי דאַרפט איהר וויסען אַז אין גימנאַזיע דאַרפען נישט פּאָרקומען קיין לעקציעס. נעמט אייך דאָס אין קאָפּ אריין. (דער קניאַז שמייכעלט פערעכטליך און ציהט די פּלייצעס). אָט... א דאָס פאַרשטעה איך.

וואָס דען, וויצען... סטיל, סטיל דאַרף מען אויסהאַלטען, קניאַז....
אין סטיל ליגט אַלץ.

יעלענאַ. ווי גוט דאָ איז. ווייסט איהר, ערשט אַצינד האָב איך מיך אָנגעהויבען צוצוגעוואוינען צו קאַווקאַז און פיהלען זיין גאַנצע גרויסקייט און שעהנקייט. אין אָנהויב האָב איך איינפאַך מורא געהאַט פאַר איהם. אַך, אַ שאַד, וואָס מיר פאָהרען אין גיכען אַוועק.

פּאַרוטשיק. טאַ בלייבט דאָ, יעלענאַ ניקאָלאַיעווונאַ.

סאָניאַ. געוויס, בלייבט... ליעבע, טייערע יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, בלייבט דאָ. זעהט, וואָס קאָסט דאָס אייך? און איך דאַרף דאָך נאָך דאָ בלייבען אַ גאַנצען חודש. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך אויף קיין פאַל פריהער נישט אַוועקלאָזען.

דאָקטאָר (פון ווייטען). איהר וועט דאָך ווידער אָנהויבען צו הוסטען... מען דאַרף זיך גוט אויסרוהען, פּאַפּראַווען זיך...

סאָניאַ. איך וועל מיך סיי ווי סיי נישט פּאַפּראַווען....
(פּויזע.)

פּאַרוטשיק. טאָמער וואָלט איהר געבליבען, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. איך וואָלט געקראָגען פאַר אייך אַן אויסגעצייכענטע פערד. מיר וואָלטען געריטען אין די בערג....

יעלענאַ. איך וואָלט געבליבען, סערגעי קען אָבער אויף לאַנג נישט איבערלאָזען די רעדאַקציע.

פּאַרוטשיק. נו, זאָל סערגעי פּיעטראָוויטש פאָהרען און איהר בלייבט מיט אונז.

קניאַז (פערעכטליך). יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, אַלס אַ געטריע פרוי, קען אויף קיין פאַל נישט לעבען אָהן איהר מאַן.

יעלענאַ. וואָס מיינט איהר?

קניאַז. וואָס? אַז איהר זענט די געטרייסטע פון אַלע פרויען... אָה, האָב איך דען אַ העזה צו צווייפלען אין דעם?

סעריאָזשאַ. דעם קניאַז, ווייזט אויס, פאַרדריסען אויסערגעוועהנליך די דאָזיגע אונפּאַראויסגעזעהענע אומשטענדען...

קניאַז. נישט שאַרפזיניג... (קלאַוודיאַ לאַכט).

יעלענא. וואס לאכסטו, העסליכע בלאנדע?

קלאודיא. אזוי, ס'איז לעכערליך... קיין געטרייע פרויען זענען נישטא, קניאז.

קניאז. וואס הייסט, עס זענען נישטא? אט איז יעלענא ניקאלאיעוונא די ערשטע.

סאניא (צערטעלט זיך צו יעלענא'ן און גלעט איהר האנד). ווי ליעב איהר זענט, יעלענא...

קלאודיא. נו, יעלענא ניקאלאיעוונא... ווענען אנווע־זענדע רעדט מען נישט, קניאז... דאס איז ערשטענס. און צוויי־טענס .. מיר זענען אלע אומשולדיג פון געבוירען... מיר זענען אלע טריי ביז א געוויסער צייט... קלאפט זיך דאס אריין אין קאפ.

יעלענא (קוקט צום מאן). בלאנדע, רעד נישט קיין נא־רישקייטען.

אנדרעי (דרעהט זיך איבער). מיך וואונדערט שטענדיג איין זאך: יעדער מאן, ווען אפילו ער איז נישט קלוג, נישט שעהן און גארנישט אינטערעסאנט, האט דאך אין פערלויף פון זיין לעבען עטליכע פארבינדונגען מיט פארהייראטע פרויען. און אזוי ווי פארהייראטע פרויען זענען געווים דא ווייניגער ווי מענער, באווייזט, אלזא, דער איינפאכער אריפמעטישער רעכנונג, אז יעדע פארהייראטע פרוי דארף כאטש עטליכע מאל אבנארען איהר מאן.

סערגעי. און עס קען זיין, אז מהייל פרויען נארען אב זייערע מענער צו פיעלע מאל און שאפען דערמיט א גלייכגעוויכט. (אלע לאכען).

סעריאזשא. יעדענפאלס פיהרט דאס ארויף אויף גע־וויסע געדאנקען. איך וואלט אויף קיין פאל נישט חתונה געהאט.

קלאודיא. אלע יונגלעך רעדען אזוי. נו, און ווען איהר זאלט בעגעגענען אזא פרוי...

סעריאזשא (גראב). מיט אייך וואלט איך יעדענפאלס נישט חתונה געהאט.

קלאודיא. וואס איז דאס, חוצפה גאר?

סעריאזשא. ווי ס'געפעלט אייך.

יעלענא. סעריאָזשאַ, איהר זענט אונערטרעגליך מיט אייערע שאַרפקייטען... (סעריאָזשאַ דרעהט זיך אוים בייז. קלאַוודיא לאַכט הויך) און דאָך ווילט זיך נישט אַוועקפאָהרען. אין מאָסקווע וועלען מיר לאַנג נישט זיין און דערנאָך ווידער אויף אַ גאַנצען ווינטער אין דעם העסליכען כּארקאָוו. אָך, ווען איהר וואָלט געוואוסט ווי כּארקאָוו האָט מיר דערעסען... (פּויזע). איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר ווייזט זיך אַלץ אוים, אַז איך וועל מעהר פון דאָרט נישט אַרויס. איך וועל מסתמא אין גיכען שטאַרבען. (לאַכט).

פּ א ר ו ט ש י ק. נו, זעהט איהר, און איהר ווילט אַוועקפאָהרען. כּאָטש פאַר'ן טויט בלייבט מיט אונז אַ ביסעל לענגער.

י ע ל ע נ א. ליידער. איך קען נישט. איבריגענס, מיר זענען דאָך אַלע לאַנדסלייט. מיר וועלען זיך אין גיכען ווידער זעהן.

ס אָ נ י א. נישט אַלע.

ק נ י א ז. איך וועל קומען צו פאָהרען צו'ן אייך קיין כּארקאָוו. (יעלענא קוקט אויף איהם גנב'יש).

ס ע ר י אָ ז ש א (ווי פאַר זיך). מען וועט איהם דאָרט אַוועקשטעלען אין גאָרטען איבערצושרעקען די פייגעל...

ק נ י א ז. וואָס?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. גאָרנישט.

י ע ל ע נ אַ. סעריאָזשאַ...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איך טהו גאָרנישט, יעלענא ניקאָלאַיעוונאַ. אויף מיין וואָרט גאָרנישט. איך האָב מיך געוויצעלט...

ק נ י א ז. איך האָב נישט ליעב קיין וויצען, הערר סטודענט.

ס ע ר י אָ ז ש א (גיט זיך אַ ריס פון אָרט.) אהא... שוין אַ „הערר". נו, און איך האָב מיך ליעב צו וויצלען, ווען מיר געפעלט, הערר קניאַז...

י ע ל ע נ אַ. הערט דאָך אויף, מענער. וואָס איז דאָס אַזוינס? קניאַז, איך בעט אייך...

ק נ י א ז. איהר קענט באַפעהלען, יעלענא ניקאָלאַיעוונאַ.

י ע ל ע נ א (קאָקעטיש). נו, איך באַפעהל... איהר הערט? איך באַפעהל.

ק נ י א ז. איך פאָלג אייך.

(סעריאָזשאַ לאַכט בייזהאַרציג און פארדרויכערט).

ס ע מ י אָ ן. וואָס איז דאָס, מיינע הערדען? קיינער טרינקט גאָרנישט... וואָס זשע איז דאָס פאר אַ פּיקניק?

ק ל א ו ו ד י א. דערפאר, דוכט זיך, טרינקסטו שוין פאר אַלע.

ס ע מ י אָ ן (לאַכט). ווי דאַרט פאר אַלע... מען טאָר נישט, קלאַוואַטשקאַ. אַזאַ שעהנער אָוונד...

ק ל א ו ו ד י א (טרוקען). אַ שעהנער אָוונד איז נישט קיין אויסרייד אויף אָנצו'שכור'ען זיך.

י ע ל ע נ א. און איך וועל, דוכט זיך מיר, היינט אויף אַן אמת זיין שכור... קניאַז, האָט איהר מיך אַ מאָל געזעהן שכור? איך וועל אייך דאַן אַלע די קעפּ פארדרעהען. איך וועל זינגען, טאַנצען... (פלוצלונג) אַך, וואָס פאר אַן אָוונד. אַזאַ אָוונד וועל איך שוין נישט האָבען אין מיין לעבען.

ס אָ נ י א. צו וואָס רעדט איהר דאָס. ס'איז אַזוי טרויעריג...

ד אָ ק ט אָ ר. יאַ, טרויעריג... אָט האָב איך דריי נעפּעהרליך קראַנקע און איך ליעג גאָר דאָ. אָט דאָס איז טרויעריג.

א נ ד ר ע י. איהר האָט מיר דערעסען, דאָקטאָר, מיט אייערע קראַנקע. ביי מיר ליעגט שוין די צווייטע וואָך אַן ארטיקעל נישט פארענדיגט און איך רעד גאָרנישט.

ס ע ר ג ע י. די קראַנקע וועלען אָהן אייך אויך שטאַרבען, דאָקטאָר. פון דעם וועט זיי נאָר גרינגער אָנקומען דער טויט.

ס ע מ י אָ ן. סעריאָזשאַ, פאָרוטשיק, ווײַן?

ק ל א ו ו ד י א. ווירקליך. לאָמיר בעסער טרינקען. קומט, סעריאָזשאַ. אַז רוסישע מענשען זיצען לאַנג צוזאַמען, טרינקען נישט און שפּיעלען נישט אין קאָרטען, הויבען זיי אונבעדינגט אָן צו רעדען וועגען ליטעראַטור אָדער וועגען טויט... אומעטיג! (שטעהט אויף און געהט צו דער גרופּע ביים סאַמאָוואַר).

ס ע ר ג ע י. אַ גאַנץ ריכטיגע באַמערקונג...

ס ע מ י אָ ן (מיט פרייד). אָה, מיין קלאַוואַטשקאַ איז אַ חכמת... איהר קענט זי נאָך נישט. איינמאָל האָט זי...

ק ל א ו ו ד י א (גיסט אָן וויין, קניהענדיג). הער אויף, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, אַז נישט וועל איך באלד ווידער מאכען א ריכ־טיגע באמערקונג. ווען א מאַן איז ענטציקט פון זיין פרוי, איז ער אָדער א נאר...

ד אָ ק ט אָ ר. אָדער זי...

ק ל א ו ו ד י א. אָדער זי נאַרט איהם גאַנץ קונציג אָב.... (לאַכט) אלזאָ, געהען מיר היינט צום וואסערפאל אָדער נישט?

ס אָ נ י א (שפּרינגט אויף.) געווים געהען מיר. סעריאָזשא, שטעהט אויף.

ס ע ר י אָ ז ש א (שטעהט פויל אויף). וואָס איז דאָרט אזוי אינ־טערעסאַנט? א וואסערפאל ווי א וואסערפאל... ס'גיסט זיך וואַ־סער. וואָלטען מיר בעסער געגאנגען טהיי טרינקען, הא...

פּ אָ ר ו ט ש י ק. אָנגיסען זיך מיט וואסער וועלען מיר שפּע־טער, ווען די לבנה וועט אויפגעהן.

י ע ל ע נ א. פּאָרוטשיק, ברענגט מיר וויין. עס איז מיר אזוי גוט, אַז פאר פוילקייט גלוסט זיך מיר פון אָרט נישט צו ריהרען.

פּ אָ ר ו ט ש י ק (רייסט זיך אויף פון אָרט). געווים. וועלכען וויין?

י ע ל ע נ א. אַלצאיינס... (בלייבט אַליין מיט'ן קניאַז).

ק נ י א ז. זענט איהר צופריעדען דערמיט וואָס איך פאָלג אייך, יעלענא ניקאָלאיעוונא? גלויבט מיר, אַז דאָס יונגעל האָט מיר דערעסען, און ווען נישט אייער באפעהל...

י ע ל ע נ א. איהר זענט אַליין נאָך אויך א אינגעל...

ק נ י א ז. וועט איהר ווירקליך אוועקפאָהרען?

י ע ל ע נ א. ליידער, יא.

ק נ י א ז. בלייבט.

י ע ל ע נ א. צוליעב וואָס?

ק נ י א ז. צוליעב וואָס? ניין, צוליעב וועמען...

י ע ל ע נ א. נו, צוליעב וועמען?

ק נ י א ז. צוליעב מיר...

י ע ל ע נ א. צוליעב אייך? (זי קוקט איהם אין די אויגען

און לאזט אראב איהר האנד, אזוי ווי נישט ווילענדיג. ער קושט שטארק איהר האנד. יעלענא ניקאלאיעוונא לאכט שטיל און קוקט איבער דער פלייצע צו די איבריגע. דער פארוטשיק קומט צו).

פארוטשיק. ערלויבט, יעלענא ניקאלאיעוונא. (זי בע־פרייט שנעל איהר האנד) און איהר, קניאז, וואס טרינקט איהר עפעס גארנישט?

קניאז. ווען איך טרינק ווייך בין איך פעהיג צו באגעהן גרויסע נארישקייטען.

יעלענא (גיט שנעל א קוק אויף איהם און לעגט צו דאס גלאז צו די ליפען, גיט מיט א מאל א טרינק אויס און הויבט אויף דאס גלאז מיט טריאומפף). אט ווי אזוי... (לאכט).

פארוטשיק. בראוואָ! אין אזא אווענד, אין דער אנ־וועזענהייט פון אזא פרוי, ווי יעלענא ניקאלאיעוונא, קען מען אהן ווייך אויך באגעהן נארישקייטען...

סעריאזשא (קומט צו). און דו ברוט?

פארוטשיק. פארוואס ברוט?

סעריאזשא. אה, עס זענען דא אזעלכע פאפיראסען „ברוט"... צעהן שטיק — זעקס קאפיקעס.

פארוטשיק. וואס עפעס אין מיטען דרינען פאפיראסען?

סעריאזשא. גארנישט, גלאט, אזוי זיך...

יעלענא. סעריאזשא, שוין ווידער?

קלאווריא (פון ווייטען). קניאז, קומט נאר אהער, איך וויל מיט אייך אויסטרינקען אויף ברודערשאפט.

סעמיאן (ווארנענדיג). קלאוואטשקא!

קלאווריא. איך לאך דאס... סעמיאן סעמיאנאוויטש וויל טרינקען.

קניאז. איך טרינק קיינמאל נישט אויף ברודערשאפט.

קלאווריא. איהר ווילט ניט? נו, וועל איך טרינקען מיט סעריאזשא'ן. סעריאזשא, ווילט איהר מיט מיר אויסטרינקען אויף „דו"?

ס ע ר י אָ ז ש א (אָנגעבלאָזען). ניין. לאָזט מיך צורה אויף „איהר“, איך בעט אייך.

ק ל א ו ו ד י א. סיי ווי סיי וועט איהר מיט מיר זיין אויף דו...

ס ע ר ג ע י. פארוואָס מיינט איהר אזוי?

ק ל א ו ו ד י א. אזוי ווייזט זיך מיר אויס... (לאַכט).

ס ע ר י אָ ז ש א. טאָ צלמ'ט אייך איבער, עס זאָל זיך אייך נישט אויסווייזען.

י ע ל ע נ א. שוין ווידער. וואָס איז מיט אייך, סעריאָזשא? צו אַלע טשעפּעט איהר זיך, יעדען זאָגט איהר חוצפה'דיגע זאכען...

(דער קניאַז מיט'ן פּאָרוטשיק געהען צום באַרג און רעדען עפּעס, קוקענדיג אויף סעריאָזשאַ'ן).

ס ע ר י אָ ז ש א. איך קען נישט צוזעהן, יעלענא ניקאָלאַיעווּר־נאַ, ווי אייך רינגלען ארום אזעלכע נידריגע און נארישע מענשען... איך פארשטעה נישט, ווי אזוי איהר קענט געפינען פארגניגען אין זייער געזעלשאפט... לויט מיין מיינונג, לאָזט איהר זיך שוין צו־פיעל אראָב.

י ע ל ע נ א. אָך, סעריאָזשאַ, איהר זענט נאָך יונג, דארום האָט איהר פיינט קאָמפּראָמיסען. אין אמת'ען זענען דאָך דאָס אַלע א ביסעל לעבערליכע, אָבער איינפאכע און ליעבע מענשען. מען דארף פון זיי נישט פיעל פאָדערען...

ס ע ר י אָ ז ש א. אָך, גאָט מיינער... ווייניג האָב איך מיך ארומגעשלעפּט מיט געמיינהייטען. אָבער זייער געזעלשאפט ער־נידריגט אייך; עס מאכט אייך עהנליך צו אַלע...

י ע ל ע נ א. סעריאָזשאַ, איך בין דאָך ווירקליך אזא מענש ווי אַלע.

ס ע ר י אָ ז ש א (מיט יוגענדליכער בעגייסטערונג). ניין, איהר זענט נישט אזוי ווי אַלע. איהר ווילט אפשר זיין אזעלכע, אָבער עס גיט זיך אייך נישט איין.

י ע ל ע נ א. איך פארשטעה אייך נישט, סעריאָזשאַ. איהר זענט זעהר א וואויל אינגעל, אָבער וואָס אזוינס געפינט איהר אין

מיר? איך פארזיכער אייך, אז איך בין די איינפאכסטע פרוי. מיין מאן׳ס ווייב און ווייטער גארנישט.

סעריאזשא. איהר ווייסט אליין נישט, יעלענא ניקאלאיעווונא, וואס פאר א מענש איהר זענט...

יעלענא. איינפאך, איהר זענט א בעגייסטערט אינגעל, סעריאזשא. איך קען נאך מיינען, אז איהר זענט פארליעבט אין מיר...

סעריאזשא. פארוואס רעדט איהר דאס? פארליעבט... דאס איז א געמיין ווארט. דער פארוטשיק איז פארליעבט, דער קניאז איז פארליעבט...

יעלענא. ענטשולדיגט. איך האב עס געלאכט. (זי נעמט זיין האנד און צערטעלט איהם מיט די אויגען).

סעריאזשא. איהר זענט אן אונגעוועהנליכע פרוי. אין פארגלייך מיט אייך, זעהט אלץ אויס עפעס אזוי טרויעריג, געמיין... איך קען אייך אלץ זאגען: ביז איצט האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך ליעב סאניע׳ן, און אצינד איז מיר בלויז א רחמנות אויף איהר. עפעס איז זי אזא׳ן אומעטיגע, א קוים בעמערקבארע... אך, ווען איהר וואלט וויסען, ווי עס טהוט מיר וועה, וואס איך זעה אויס אין אייערע אויגען נאר ווי א יונגעל...

יעלענא (לאזט אב זיין האנד). פון וואנען ווייסט איהר דאס, סעריאזשא?

סעריאזשא (האסטיג). וואס ווילט איהר זאגען, יעלענא ניקאלאיעווונא? עס קען נישט זיין...

סערגעי (קומט צו). לענא, פארוואס זיצסטו אויפ׳ן שטיין? קענסט דיך נאך פארקיהלען. וועגען וואס קאכט איהר זיך אזוי, סעריאזשא?

סעריאזשא (טרויעריג). אזוי. וועגען גארנישט.

יעלענא (שנעל). ער באקלאגט זיך פאר מיר אויפ׳ן קניאז... א, ס׳איז ווירקליך קאלט געווארען. גיב מיר דיין האנד. ווייסט, איך האב היינט א סך געטרונקען... דאס איז נישט גוט.

ס ע ר ג ע י (העלפט איהר אויפשטעהן). אפשר וואלסטו גע־טרונקען טהיי?

י ע ל ע נ א. ווירקליך. קום. (זי נעמט איהם אונטער'ן אָרעם און געהט. זי קוקט צוריק איבער דער פלייצע צו סעריאָזשאַ'ן. סער־יאָזשאַ קוקט איהר נאָך, נעמט אראָב דאָס היטעל, ווישט זיך אָב דעם שטערען און שמייכעלט גליקליך, קוקענדיג אויף די בערג, אויף די סאָס־נעס, אויפ'ן הימעל).

ק ל א ו ו ד י א (קומט צו און זעצט זיך אויף יעלענאַ'ס אָרט). זענט איהר אליין? האָט איהר גאָרנישט געגען מיין אנוועזענהייט?

ס ע ר י אָ ז ש א. הא? גאַנץ עגאל...

ק ל א ו ו ד י א. ליעבענסווירדיג... זאָגט מיר, סעריאָזשאַ, פארוואָס האסט איהר מיך אזוי?

ס ע ר י אָ ז ש א. פון וואנען נעמט איהר דאָס?

ק ל א ו ו ד י א. נו, פון וואנען... איהר קוקט אויף מיר שטענ־דיג אזוי ווילד, איהר רעדט צו מיר מיט חוצפה, איהר טשעפעט זיך צו מיין יעדען וואָרט. בין איך איך ווירקליך אויף אזוי וויט פארהאסט?

ס ע ר י אָ ז ש א (גראָב). יא.

ק ל א ו ו ד י א (שמייכעלט וועהמוטהיג). דאָס איז כאָטש אָפענהערציג.

ס ע ר י א ז ש א. צו וואָס־זשע פרעגט איהר?

ק ל א ו ו ד י א. גאָרנישט. אמת איז אמת. אייגענטליך געפעלט מיר דאָס, וואָס איהר זענט אזוי אָפענהערציג און גראָב. אין דער ווירקליכקייט זענט איהר א גאַנץ ליעב יונגעל, א גוט יונגעל, און נאָך גאָר אומשולדיג...

ס ע ר י א ז ש א. און דאָס געפעלט אייך אממייסטען.

ק ל א ו ו ד י א (לאַכט אונהיימליך). נו, וואָס... ס'איז אינ־טערעסאנט...

ס ע ר י א ז ש א. זעהר?

ק ל א ו ו ד י א. יא, זעהר. און ווען איהר וואָלט נישט זיין אזוי האָפנונגסלאָז פארליעבט אין לענאַ'ן...

ס ע ר י א ז ש א. וואָס רעדט איהר נאַרישקייטען?

ק ל א ו ו ד י א. נו, גענוג. דאָס זעהען דאָך אַלע. און וואָס איז דאָ אַזוינס? איהר זענט נאָך יונג און לענאַ איז זעהר אַ שעהנע, אַ פּיקאַנטע פרוי... דאָס איז נאַטירליך. אויב איהר ווילט וועל איך אייך געבען אַן עצה.

ס ע ר י א ז ש א. איך דאַרף נישט. באַפרייט מיך פון אייערע עצות.

ק ל א ו ו ד י א. איהר ווילט נישט? אומזיסט. איך קען דאָך פרויען בעסער פון אייך. איהר האַלט זיכער פאַר אַ גאָטסלעסטע-רונג אַפילו אַ קוק צו טהון אויף לענאַ'ן, אַזוי ווי אויף אַ פרוי; און זי, אַזוי גוט ווי אַלע פרויען, דאַרף גאַרנישט מעהר ווי דאָס...

ס ע ר י א ז ש א. איהר זאָלט זיך נישט דערוועגען צו רעדען וועגען יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ אַזעלכע געמיינהייטען.

ק ל א ו ו ד י א. פאַרוואָס? לענאַ איז פּונקט אַזאַ פּרוי, ווי מיר אַלע זינדיגע פרויען. געוויס, זי האָט זעהר ליעב איהר מאַן, אָבער אייביג איינס און דאָס זעלבע, אייביג איינס און דאָס זעלבע — לאַנגווייליג. און אויף אייער זייט איז יוגענד, נישט פאַר-שווענדטע קרעפטען... איהר האָט דאָך נאָך קיינעם נישט גע-ליעבט? איהר מיינט, אַז איהר איז דאָס נישט אינטערעסאַנט? זי איז נישט נייגעריג? און אין אַ פרוי דאַרף מען צו אַלעמערשטען דערוועקען די נייגעריגקייט. איהר זייט אַ ביסעלע דרייסטער, אַ ביסעל מעהר נאַכאַל...

ס ע ר י א ז ש א. איך פאַרוועהר אייך צו רעדען אין אַזאַ טאָן וועגען יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ אין מיין געגענוואַרט.

ק ל א ו ו ד י א (וויציג). פאַרוואָס און פאַרוועמען? געדענקט, סעריאַזשאַ, אַז פרויען שעצען נישט יענע מענער, וואָס טהון תפלה צו זיי... אַ פרוי האָט געוויס זעהר ליעב פאַרעהרונג, אָבער זי גיט זיך אָב נאָר יענעם, ווער עס פאַראַכט זי אַ ביסעל. דערפאַר וואָס איהר פאַרגעטערט אַזוי יעלענאַ'ן, דערפאַר דערנעהנטערט זי אייך אַ ביסעלע; וועט קומען עפּעס אַ קניאַז און וועט זי גאַנץ רוהיג אַוועקרייסען פון אונטער אייער נאָז...

סעריאזשא. אויב איהר וועט נישט אויפהערען...

קלאודיא. נו, גוט. איך וועל נישט מעהר. פארגעטערט זי און קניהט פאר איהר. ווי איהר ווילט אייך. ווייסט איהר, סעריאזשא, ווען איהר בייזערט זיך ווערט איהר א גאנץ אינטערע־סאנטער מאנספערשוין.. איך וואלט געוואלט וויסען, ווי אזוי איהר זענט מיט א פרוי. ווען איהר וואלט געווען מיין געליעבטער, וואלט איך אייך עקסטרע געדייצט און געפייניגט מיט אייפערזוכט. איהר זענט מסתמא שרעקליך אייפערזיכטיג, סעריאזשא. איהר וואלט מיך געשלאגען...

סעריאזשא. איך וואלט אייך גוט געשלאגען, אבער נישט אויס אייפערזוכט.

קלאודיא. דאס איז אינטערעסאנט. מיך האט נאך קיינער נישט געשלאגען. אך, א שאד, וואס איהר זענט נישט מיין געליעבטער.

סעריאזשא. זאגט מיר, איך בעט אייך, זענען פאראן פיעל צווישען אייערע בעקאנטע מענער, וואס האבען נאך נישט געהאט די עהרע צו זיין אייערע געליעבטע?

קלאודיא. יא. איהר זענט דער ערשטער. (סעריאזשא ציהט מיט די פלייצעס). אך, סעריאזשא, סעריאזשא, אומזיסט פאר־אכט איהר מיך אזוי. אויף מיין ווארט, איך בין נישט ערגער פון אנדערע פרויען. איך בעהאלט נאר נישט דאס, וואס אנדערע בע־האלטען. און וואס ווילט איהר פון מיר? איך זאל זיין געטריי מיין סעמיאן סעמיאנאוויטש'ען? גיט נאר א קוק אויף איהם. און איך בין דאך יונג און שעהן... דאס וועט איהר נישט אבלייי־קענען? מיר ווילט זיך אויך לעבען, ליעבע, שעהנע מאמענטען...

סעריאזשא. נישטא וואס צו רעדען: שעהנע מאמענ־טען... איבערגעבען זיך צו יעדען איינעם...

קלאודיא. נו, איבערגעבען זיך... נישט דאס איז די הויפטזאך. דאס איז שוין דער אונפארמיידליכער סוף, וועלכען איהר מענער פאדערט. און איך וועל אייך זאגען, מיין ליעבער, אז א פרוי איז נאר דאמאלס אינטערעסאנט, לעבעדיג, שארפזיניג, ווען עס

ריגגעלם זי ארום אַנ'אַטמאַספערע פון פּאַרליעבטקייט... אַנדערש ווערט זי זויער, טעמפּ און בלייבט איינפאַך אַ נאַרישע, פעטע באַבע... איך קען נישט פאַרטראַגען קיין נאַרישע פעטע באַבעס...

סעריאָזשאַ. פאַרוואָס פונקט אַ פעטע? און פאַרוואָס קענען מענער לעבען אָהן אַנ'אַטמאַספערע פון פאַרליעבטקייט?

קלאַודיאַ. דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. מענער האָבען פיעל אַנדערע אינטערעסען — געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, קונסט, ליטעראַטור... און מיר וואָס? וואָס וועל איך, צום ביי־שפּיעל, טהון, ווען איך וועל מיך אוועקזעצען נעבען מיין סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש'ען, וואָס שלאָפט דריי שעה נאָך יעדען מיטאָג; כראָפּעט און שפּיעלט גאַנצע אָוועגדען אין קאָרטען?

סעריאָזשאַ. אַ פרוי האָט אויך פיעל צו טהון.

קלאַודיאַ. וואָס? ליעגען אין קימפּעט? וואַשען די פּאַדלאַגעס?

סעריאַזשאַ. פאַרוואָס פונקט די פּאַדלאַגעס?

קלאַודיאַ. אַך, סעריאָזשאַ, איך בין געווען אויף קורסען, געלערען רעפעראַטען, געלאָפען אויף לעקציעס און פאַרזאַמלונגען. דאָס אַלץ איז נאָר נאָכגעקרימט זיך. פאַר אַ מאַן איז דאָס אַ גאַנצע וועלט, וועלכע ער האָט אַליין בעשאַפען און וואו ער פיהלט זיך היי־מיש. פאַר אַ ווירקליך מענעריש לעבען דאַרף מען פאַרשטאַנד, טאַלענט און ווילענסקראַפט און געזונטע מוסקולען... ווען אַ פרוי נעמט זיך צו מענערישער טעטיגקייט ווערט זי נאָר לעכערליך און הילפלאָז. ביז איצט האָט נאָך קיין פרוי קיין איין מינדעסטען זעלבסטשטענדיגען געדאַנק ניט אויסגעטראַכט, ווי אַזוי־זשע קען זי קעמפען מיט אייך? אַמאָל, אַמאָל, אפשר אין דרייהונדערט יאָהר ארום, ווען דאָס גאַנצע לעבען וועט זיך ענדערען און די פרוי וועט אויך ווערען גאַנץ אַנדערש, דאַמאָלס, קען זיין, וועט די פרוי אויך געפינען איהר אייגענטליכע בעשעפטיגונג און מענער וועלען קוקען אויף איהר גאַנץ אַנדערש, אָבער אַצינד...

סעריאַזשאַ. און אַצינד איז אויך, לויט מיין מיינונג, בעסער טאָקע פּאַדלאַגעס צו וואַשען, איידער...

קלאווידיא. נו, דאָס איז שוין גוט יענעם צו זאָגען... איהר פּראָבירט נאָר אליין צו וואשען די פּאָדלאגעס און דערנאָך וועלען מיר רעדען. איך וואָלט גוט אויסגעזעהען מיט א נאסער שמאטע און אַן'עמער וואסער...

סעריאזשא. יעדענפאלס בעסער ווי אצינד.

קלאווידיא. פאַרוואָס־זשע האָט איהר זיך נישט פאַר־ליעבט אין אונזער קעכין פעקלא? זי וואשט אויסגעצייכענט די פּאָדלאגעס. לענא לעגט דאָך אויך קיינמאָל נישט אריין א האַנד אין קאלטען וואסער... לאָזט אָב, איך בעט אייך, אייערע דרשות. בעסער גיט נאָר גוט א קוק אויף מיר...

סעריאזשא. נו, איך קוק...

קלאווידיא. און איהר זעהט, פארשטעהט זיך, גאָרנישט?

סעריאזשא. איך זעה, אז איהר זענט — א ציעמליך שעהנע פרוי... נו, וואָס־זשע איז?

קלאווידיא. נאַריש יונגעל, וואָס איהר זענט. נאָך גאָר א נאר... איהר ווייסט, איך בין אויף אייך אזוי בייז, אז איך בין בערייט ארויפצוואַרפען זיך אייך אויפ'ן האלז.

סעריאזשא. פאַרוואָס?

קלאווידיא. צו באַווייזען אייך, אז אלע אייערע שעהנע ווערטער זענען בלויז ביכערישע דומהייטען און איהר אזוי גוט ווי אלע, דאַרפט נאָר האָבען א שעהנע פרוי... איך וואָלט אייך געוואָלט אזוי דעם קאָפּ פאַרדרעהען, אז איהר זאָלט מיר נאָכקריכען אויף אלע פיער...

סעריאזשא. איך דאַנק אייך זעהר.

קלאווידיא. און דערפאַר וויל איך זיין אייערע, איהר הערט?

סעריאזשא. איהר ווילט מיך פשוט איבערראַשען מיט אייער ציניזם. אומזיסט. אין אונזער צייט קען מען קיינעם נישט איבערראַשען.

קלאווידיא (בויגט זיך צו צו'ן איהם מיט'ן גאנצען קערפּער). איך וויל קיינעם נישט איבערראַשען, נאָר פּאַסט מיר ווילט זיך

אזוי... דאָס איז מיין קאַפּריז... איהר ווייסט, מאָרגען אָוועַנד וועל איך זיין אַליין, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש שפּיעלט אין קלוב. קומט. איך האָב זעהר אַ דורכזיכטיגען רויטען כאַלאַט און איך זעה אויס אין איהם זעהר אינטערעסאַנט. איך וועל איהם אָנטהון צוליעב אייך, איהר הערט? איהר האָט דאָך נאָך מיך נישט געזעהן? איך בין פיעל שענער פון אייער יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ. קומט, איך וועל וואַרטען אויף אייך...

ס ע ר י אַ ז ש אַ. איך וועל נישט קומען.

ק לאַ וו ד י אַ. איהר וועט נישט קומען?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. ניין.

ק לאַ וו ד י אַ (בויגט זיך צו נאָך נעהנטער און קוקט איהם אין די אויגען אַריין מיט אַ מאָדנעם, כמעט שרעקליכען בליק). איהר וועט קומען?

ס ע ר י אָ ז ש אַ (אויפגערעגט). צו וואָס דאַרפט איהר מיך?

י ע ל ע נ אַ (קומט צו אַרומגענומען מיט סאָניען). וועגען וואָס קריעגט איהר זיך דאָ?

ס אָ נ י אַ. סעריאָזשאַ ווערט אונערטרעגליך מיט זיינע קריעגערייען.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. זאָל איך קלאַוודיא מיכאַילאָוונאַ אַליין דערצעהלען, וואָס זי האָט מיר פאָרגעלעגט...

י ע ל ע נ אַ. בלאָנדע!

ס ע ר י אָ ז ש אַ. דער טייוועל ווייסט, וואָס דאָס איז... (געהט אַוועק).

ס אָ נ י אַ (לאָזט אָב יעלענאַ'ן און לויפט איהם נאָך). וואָס איז געשעהן, סעריאָזשאַ?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. גאָרנישט. איהר, סאָניאַ, זענט נאָך אַ מיידעלע און ווייסט נאָך פיעל זאַכען נישט... און ווען איהר וועט זיי געוואָהר ווערען וועט איהר אַליין ווערען אַזעלכע.

ס אָ נ י אַ (וויינענדיג). איך פאַרשטעה נישט, סעריאָזשאַ. (זיי געהען צום באַרג, וואו עס זיצען אויפ'ן שטיין און רויכערען דער פּאָרוטשיק מיט'ן קניאַז).

יעלענא. דאָס איז שוין נישט שעהן, בלאָנדע.

קלאוודיא. וואָס?

יעלענא. סעריאָזשאַ'ן, אמוועניגסטענס, האָסטו געמעגט צורוה לאָזען...

קלאוודיא. דו ביזט אייפערזיכטיג?

יעלענא. אויף וועמען? מיט וועמען? סעריאָזשאַ מיט דיר? דו ביזט משוגע געוואָרען, בלאָנדע...

קלאוודיא. נו יא, איך בין אַ משוגע'נע, אַן אויסגעלאַסענע, און איהר אַלע זענט מלאכים פון ריינקייט און צניעות... אָה, לאָזט מיך צורוה. מאַך דיך נישט, איך בעט דיך, פאַר אַזאַ בעלײדיגטע אומשולד. מיט דעם קענסטו נאָר אָבנארען דיינע פאַרעהרער, אָבער נישט מיך.

יעלענא. דו ביזט משוגע געוואָרען.

סעמיאָן (קומט צו מיט אַ טעלער). קלאוואָטשקא, טאָמער וואָלסטו עפּעס געגעסען...

קלאוודיא (גיט איהם אַ שטויס אָב. דער טעלער פאַלט איהם ארויס). אַך, געהט צום טייוועל! איהר האָט מיר אַלע דערעסען. (זי געהט צום פּאָרוטשיק אויפ'ן שטיין און זעצט זיך ביים סאַמע ברעג פונ'ם אָבגרונד).

סעמיאָן. קלאוואָטשקא... איך... קלאוואָטשקא... ווייסט איהר נישט, וואָס מיט איהר איז? אפשר האָב איך?... ווען איהר זאָלט וויסען, ווי ביי איהר זענען די לעצטע צייט די נערווען צו־רודערט... איך בעט מיך ביי איהר זי זאָל זיך קורירען, און זי בייזערט זיך... איך בין געזונד, זאָגט זי... נו, ווי געזונד זי איז... איהר זעהט אַליין, וואָס מיט איהר איז. און אַזוי איז שטענדיג. איך וויים נישט פאַרוואָס. נו אָט, זעהט איהר, זי וועט דאָך נאָך אריינפאַלען אין וואַסער, קלאוואָטשקא... איך וויים שוין אַליין נישט וואָס מיט איהר צו טהון...

אנדרעי. דו פּרווו זי נאָר אַביסעלע גוט דורכצוקלאַפּען... (קלאוודיא לאַכט).

סעמיאָן. וואָס הייסט דאָס דורכצוקלאַפּען? וואָס מיינ־

סטו דיר, אַנדרעי איוואַנאָוויטש? איך וואָלט דיך געבעטען צו זיין אביסעלע פּאָרזיכטיגער אין דיינע אויסדריקען. דו האָסט קיין רעכט נישט, איך בעט דיך זעהר...

אַנדרעי. נו, פּרעה דיך, איך האָב נאָר געשפּאַסט...

סעמיאָן. ניין. איך בעט דיך טאַקע זעהר. איך קען נישט ערלויבען, אַז אין אַזעלכע אויסדריקען... ווי דו ווילסט דיר, אָבער דו מוזט בעטען ענטשולדיגונג ביי קלאַוואַטשקאַ'ן...

אַנדרעי. גוט מאָרגען. אַ נייע געשיכטע.

סעמיאָן. מיין ווייב — אַן אויסגעצייכענטע, אַ וואונדערבאַרע פרוי... זי איז אַ קראַנקע, זי האָט נערוועז, אָבער דו וועסט נישט דערוועגען...

סערגעי. לאָזט שוין אָב, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש. גלייך איהר וואָלט נישט געקענט אַנדרעיען.

סאָניא (פון באַרג). זעהט, די לבנה, די לבנה...

יעלענאַ. ווי שעהן!

דאָקטאָר. יאָ, שעהן... איך האָב דריי קראַנקע און איך זיץ דאָ און קוק אויף דער לבנה.. ווי מאָדנע דאָס קומט נישט אויס, און אין אמת'ן איז עס אַ גרויסע חזיר'יי...

סאָניא. פאַרגעסט אייערע קראַנקע, דאָקטאָר. איך בין דאָך אויך אַ קראַנקע. געפינט איהר זיך, אַלזאָ, דאָרט וואו איהר ערפילט אייערע פליכטען. זעהט בעסער, ווי גוט דאָ איז. און ביי אונז אין מאַלאַריאַסיע שפּרינגט מען היינט איבער די פייערען...

סערגעי. לאָמיר אויך מאַכען אַ פייער. איך האָב ליעב די פייערען אויפ'ן פעלד אין אַ לבנה־נאַכט. וואונדערליך זעהען אויס די שאָטענס, וואָס קריכען אַרום דעם פייער; אַ רויך, אַ באַוועגונג, אַ קנאַקעריי, און אַז מען הויבט אויף די אויגען אין דער הויך? דאָרט איז אַזאַ רוהיגע, הייליגע שטילקייט. און שטענדיג ווערט מיר טרויעריג אויפ'ן הארצען, פאַרוואָס אונזער וואָרט איז אַזוי אָרעם, אַז מען קען דאָס אַלץ נישט איבערגעבען...

יעלענאַ (שלאָגט איבער). ווייסט איהר וואָס, לאָמיר אויך שפּרינגען איבער'ן פייער...

ס אַ נ י אַ (שפּרינגט אויף פּרעהליך). לאָזט, לאָזט. יעלענאַ ניקאָלאַיעװנאַ, טייערע, לאָזט! סעריאָזשאַ, איהר װעט שפּרינגען איבער'ן פייער?

ס ע ר י אָ ז ש אַ (גערט צו). פאַרװאָס נישט?

י ע ל ע נ אַ. און איהר, פּאָרוטשיק, װעט שפּרינגען?

פּ אָ ר ו ט ש י ק. פאַר אייך װעל איך שפּרינגען נישט נאָר איבער'ן פייער, נאָר אפילו אין פייער אַריין.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. דערביי אין דעם גאַנצען פּאַראַדנעם אוני־פאָרם.

י ע ל ע נ אַ. אָט אַזוי. (זי נעמט איהם אונטער'ן אָרעם און גיט זיך אַ לייכטען דריק צו צו'ן איהם). איך האָב נישט געװאוסט, אַז איהר זענט אַזאַ העלד. און איהר, קניאַז, װאָלט געשפּרונגען אין פייער אַריין צוליעב מיר? קומט, לאָמיר אַריינשפּרינגען און פאַר־ברענט װערען.

ק נ י אַ ז. צוזאַמען?

י ע ל ע נ אַ. צוזאַמען.

ק נ י אַ ז. איך בין בערייט.

ס ע ר י אָ ז ש ע. דער קניאַז װעט נישט שפּרינגען איבער'ן פייער. װאָס הייסט, אַזאַ העלד, און אין מיטען דערינען גאָר שפּרינגען איבער'ן פייער... דאָס פּאַסט נישט...

ק נ י אַ ז. שפּרינגען װעל איך אפשר טאַקע נישט, אָבער אַריינװאַרפען אין פייער װעל איך, דוכט זיך, יאָ אימעצען...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. אַך, װי שרעקליך.

ק נ י אַ ז. עס קען זיין שרעקליך אָדער נישט שרעקליך, אָבער אימעצען װעל איך היינט די אויערען אויסרייסען...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. װאָס?

ס ע ר ג ע י (שטעלט זיך צװישען זיי). נו, גענוג! (דער קניאַז דרעהט זיך אוים און גערט אַװעק. סעריאָזשאַ קוקט איהם נאָך).

ס ע ר י אָ ז ש אַ. גראַביאַן...

ס ע ר ג ע י. איהר זענט אַליין שולדיג. מען קען דאָך נישט

א גאנצען טאָג צושטעהן צו'ן א מענשען און נישט בעשטראָפט ווערען.

סעריאָזשא. איך וועל איהם אָנרייבען א מאָרדע.

סערגעי. איהר וועט שוין נישט רייבען, איך גאראנטיר אייך. וואָס טהוט זיך דאָס היינט מיט אייך?

קלאָוודיא (פון ווייטען, מיט גאל). אייפערזיכטיג...

יעלענא (שנעל). געהען מיר היינט צום וואסערפאל אָדער נישט?

סערגעי (קאַלט). ווי איהר ווילט.

פּאָרוטשיק. מען דאַרף געהן. די לבנה איז אויפגע־גאנגען. איצט זעהט דאָרט אויס וואונדערבאר. קלאוודיא מיכאַי־לאָוונא, איהר געהט?

קלאָוודיא. געוויס געה איך. און איהר וועט זיין מיין קאוואליר? (זי געהט צו זיי).

פּאָרוטשיק. קלויבט אָן א סך האָלץ אין וואלד. איך וועל אייך אָבקאָכען א שאשליק, וועט איהר אין גאַנץ קאווקאז אזוינס נישט געפינען.

סעריאָזשא. גוט.

(סעריאָזשא געהט מיט סאָניען. קלאוודיא מיט'ן פּארוטשיק. דער קניאַז ווארט).

יעלענא. און דו ועסט געהן, סערגעי?

סערגעי. געהען מיר, אויב דו ווילסט. (דער קניאַז דעריאָגט דעם פּאָרוטשיק מיט קלאָוודיא'ן).

יעלענא (לאַשטשענדיג). וואָס ביזטו אזוי אומעטיג?

סערגעי. אזוי.

יעלענא. ביזט מיט מיר אונצופריעדען?

סערגעי. פארוואָס? ניין.

יעלענא. נו, טאָ, טאָ... איך קען מיך נאָך צוגעוויינען.

סערגעי (שמייכעלט נישט ווילענדיג). קינד דו... קען מען דען אויף דיר ערנסט אין כעס זיין?

י ע ל ע נ א. און מען דארף אויך נישט. קען מען זיך דען בייזערען אויף אזא שעהן ווייבעלע, ווי איך...

ס ע ר ג ע י. דו ביזט היינט ווירקליך שעהן. א קאָקעטקע ביזטו ביי מיר, לענאָטשקאָ. האָסט ליעב, ווען מען גיט זיך מיט דיר אָב...

י ע ל ע נ א. אָ, נארישקייטען. זעהר נויטיג. גלאַט אזוי, עס איז מיר פרעהליך. (קוקט איהם אין די אויגען). בין איך היינט אינטערעסאנט, וואָס? און די ווילסט מיר אפילו נישט א קוש טהון?

ס ע ר ג ע י. איך וויל יאָ, און זעהר שטארק.

י ע ל ע נ א (דריקט זיך צו צו'ן איהם). קום אין וואלד אריין. ווייטער, ווילסט?

(ער דריקט פעסט איהר האנד. זי קוקט איהם אין די אויגען און לאַכט שטיל. זיי געהען ארוים און ביים טייכעל, וואָס איז שוין בע־לויכטען מיט דער לבנה בלייבען נאָר: דער דאָקטאָר, אנדרעי, וועלכער האָט זיך איבערגעזעצט אויפ'ן בוים, און סעמיאָן, וועלכער צינדט אָן צוויי ליכט אונטער גלעזלעך).

ס ע מ י אָ ן. און איהר וועט נישט געהן?

ד אָ ק ט אָ ר. וואָס האָב איך דאָרט נישט געזעהן? איך וועל שוין בעסער דאָ זיצען. וואָס האָב איך פון וואסערפאל? איך האָב איהם שוין הונדערט מאָל געזעהן. און אין אלגעמיין, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, אכטאונפערציג יאָהר קוק איך אויף די שעהנהייטען פון דער נאטור און זיי האָבען מיר שרעקליך דערעסען.

ס ע מ י אָ ן. אלטע לייט זענען מיר דאָקטאָר... און דו, אנדרעי איוואנאָוויטש, וואָס ביזטו אזוי אומעטיג היינט?

א נ ד ר ע י. דאָס אלץ רעגט מיך אויף. נישט קיין פיקניק, נאָר עפעס א ווילדער טאנץ פון ליידענשאפט... איך פארשטעה נישט יעלענא ניקאָלאַיעוונא.

ד אָ ק ט אָ ר. וואו א פרוי דאָרט איז ליידענשאפט. אזוי איז דאָס געזעץ פון דער נאטור און קיינער קען דערצו נישט העל־

פען. איהר זאָגט, איהר פאַרשטעהט נישט יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ... און איך פאַרשטעה נישט זיך אַליין: איך האָב דריי קראַנקע, מיין צאַרט איז דאָרט און איך ליעג דאָ. און וואָס איך ליעג דאָ, ווייס איך אַליין נישט.

אַנדרעי. איהר, דאָקטאָר, זענט אויך אביסעל פאַרליעבט.

דאָקטאָר. ניין, ווייס איך וואָס. מיר איז שוין צו שפּעט צו פאַרליעבען זיך. און איך קוק אויף די זאכען גאַנץ פּראָסט: אַ שעהנע באַבע, נו, ציהט עס... נאַריש. איך ווייס דאָך, אַז איך בין אַן אַלטער בחור, פון וועלכען, אַזוי ווי מיין קעכין דריקט זיך אויס, עס שמעקט שוין מיט פאַדלע. איך ווייס, אַז איך וועל מיך שוין צו גאָרנישט דערשלאָגען און איך וויל מיך צו גאָרנישט דערשלאָגען, נאָר אָט שלעפּ איך מיך נאָך איהר. זיץ, שווייג. אַ נאַר בלייבט אַ נאַר... אייגענטליך גערעדט איז עס אַ גרויסע חזיר׳יי...

אַנדרעי. אָט וואָס איך פאַרשטעה נישט. אויב אַ מאַן געהט נאָך אַ פרוי איז עס דאָך מיט אַ געוויסען צוועק. הייסט עס, אַז די פרוי געפעלט איהם, ער דאַרף זי... און אַ פרוי פאַרנאַרט, קאָקעטירט, צינדט אָן די ליידענשאַפט אפילו דאַן, ווען דער מאַן איז איהר אינגאַנצען נישט נויטיג און נישט אינטערעסאַנט. עס געפעלט איהר צו זיין דער אָביעקט פון ליידענשאַפט און ווייטער גאָרנישט. דוכט זיך, וואָס איז דאָ אַזוי אינטערעסאַנט, צוציהענד? און בלויז צוליעב דעם, אַז דער מאַן זאָל פון זינען אַראָב פאַר איהר קערפּער, איז די פרוי בערייט אַלץ צו טהון...

דאָקטאָר. וועגען דעם רעדט נישט. אַך! און וואָס פאַר־מאָגט אַ פרוי אַחוץ איהר קערפּער? גאָרנישט... נעמט צום ביי־שפּיעל מיך: איך בין אַ מענש אַן אָבגעלעבטער, אַן אָבגעלאָזענער, אַ געענדיגטער מענש. ביי מיר אין דער נשמה איז שוין לאַנג קיין שום הייליגע זאַך נישט געבליבען, און דאָך געדענק איך, אַז איך האָב מיינע קראַנקע, און דאָס פייניגט מיך. אַ פרוי אָבער לעבט נאָר מיט זיך. איהר קערפּער איז דער גאַנצער זין פון איהר לעבען. ווען צום ביישפּיעל אַ פרוי האָט שעהנע פּלייצעס, האַלט זי פאַר דער בעסטער מענשליכער אייגענשאַפט שעהנע פּלייצעס. ביי מיר איז

געווען אַ שעהנע דאַמע פון אַ יאָהר זעכציג האָט זי מיך אַלץ פאַר־זיכערט, אַז זי האָט זעהר יונגע פּלייצעס, און דאָס האָט זי געטרייסט אין אַלע איהרע צרות. יאַ....

אַנדרעי. אָט דאָס איז עס. און מיר זוכען אַלע ריינע מלאכים, און מיר באַמערקען נישט, אַז זיי זיינען נישטאַ און קענען נישט זיין, ווייל זיי עקזיסטירען נאָר אין אונזער מענערישער פאַנ־טאַזיע. מיר אַליין נעמען אונזערע נאַרישע קיהעלעך און מיט דער קראַפט פון אונזער פאַנטאַזיע פארוואַנדלען מיר זיי אין וואונדער־שעהנע דולצינעאַס און אַזוי ווי אמת'ע דאָן קיכאָטען זענען מיר זיי מקריב אַלע קרעפטען פון אונזער פאַרשטאַנד און געפיהלען... און פאַר אַ פרוי זענען די אַלע זאַכען גאָרנישט. זי איז אינגאַנצען אין דער ערד, אין ליידענשאַפטען, אין קליינליכקייטען, אין די עמפּפינדונגען פון איהר קערפּער, און זי דאַרף נישט האָבען קיין רייכטהימער פון פאַרשטאַנד און האַרץ, נאָר איינפאַך....

סעמיאָן. עס עקעלט צו הערען. איהר זענט קלוגע מענ־שען, אינטעליגענטע, מאָדערנע מענשען, און איהר רעדט וועגען דער פרוי אַזוי, אַז די אויערען וועלקען... ניין. אָט בין איך געווען פאַרהייראַט דריי מאָל. דאָס ערשטע ווייב האָט מיך אַוועקגעוואָר־פען, די צווייטע איז אַוועק מיט אַן אינזשעניר...

אַנדרעי. די ערשטע אַוועקגעוואָרפען, די צווייטע איז אַוועק... און וואָס איז דאָ דער אונטערשיעד?

סעמיאָן. דער אונטערשיעד?... קיין אונטערשיעד איז אפשר נישטאָ... אָבער איך מיין נישט דאָס. דו שלאָג מיר נישט איבער... וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַניר? איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז דאָס ערשטע ווייב האָט מיך אַוועקגעוואָרפען, און דאָס צווייטע, נו.... האָט מיך אויך אַוועקגעוואָרפען, און דאָך ליעב איך און שעץ אַ פרוי דערפאַר ווייל זי טראָגט אריין אין אונזער לעבען שעהנקייט און פּאָעזיע. זי מאַכט זיסער און גרינגער דאָס לעבען.

דאָקטאָר. מאָהל נישט ווי אַ מיהל, סעמיאָן סעמיאָנאָ־וויטש.

סעמיאָן. ניין, דאָס איז אמת: אַ פרוי — דאָס איז אַ

וואונדערבארער, געפיהלפולער אינסטרומענט, וואס אויף איהם קען יעדער איינער שפיעלען וואס ער וויל און קען. זעלבסטפארשטענד־ליך, אז א בעטהאווען שפיעלט אויפ'ן קלאוויר סאנאטען, און א קאליקע א קלעזמער קען אויף איהם מעהר ווי א פאלקע נישט אויס־צימבלען. אבער ווער איז שולדיג, אז מיר זענען נישט אלע בעטהאווענס? אליין זענען מיר טאלענטלאזע, נישטיגע, טעמפע קלעזמארים, און מיר בייזערען זיך אויפ'ן קלאוויר פארוואס עס קומט פון איהם גארנישט ארויס. ניין, איהר זענט נישט גערעכט, מיינע הערען: די פרוי איז א געפיהלפולע, עמפפינדליכע, צארטע, פאעטישע נאטור. גאט האט אונז געגעבען די פרוי, אז זי זאל בע־שיינען אונזער לעבען, און מיר האבען זי אליין קאליע געמאכט און דערנאך בעקלאגען מיר זיך...

אנדרעי. דאס האסט דו זי קאליע געמאכט.

סעמיאן (שטעלט זיך אויף די קניהען, מיט היטץ). און וואס מיינסטו טאקע? איך אויך. לאמיר זאגען, קלאוואטשקא... פארשטעה איך דען נישט, אז איך בין שוין אלט, נאריש, האב שוין פארגעסען אלץ, וואס איך האב געקענט, אינטערעסיר מיך מיט קיין זאך נישט, אחוץ בראנפען, די סלוזשבע און קארטען? איך האב איהר שוין לאנג בעדארפט פריי מאכען דעם וועג, און איך — אט לעב איך, ווער פארפרוירען און לאז נאך זי אויף פריהרען נעבען מיר. און זי איז דאך אזוי יונג, אזוי שעהן... איך בין אזוי ווי א זשאבע, וואס צורייסט א שעהנע רויז. און אצינד זאגט מיט א ריין געוויסען, האב איך א רעכט מיך צו וואונדערען, וואס ביי איהר ווערט קאליע דער כאראקטער, וואס זי ווערט אלץ מעהר צורייצט, קליינליך און קען טהון אזעלכע זאכען, וועלכע זי בעדויערט שפעטער אליין? ניין. איך פארשטעה דאס אלץ גאנץ גוט און איך בעדויער מיין קלאוואטשקא. זי גיט מיר איהר יוגענד, איהר שעהנקייט, און וואס קען איך איהר דערפאר געבען?

אנדרעי. דו? דו קענסט איהר טאקע גארנישט געבען.

(אין וואלד הערט מען לאכען און סאניע'ס שטימע פון וויטען:

או־ו־ו...)

ס ע מ י א ן (הערט זיך צו). איהר זידעלט די פרוי, איהר פאַרערט פון איהר עפּעס. צו וואָס? איהר דאַרפט אייך נאָר שפּיעלען מיט זיי... זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, ווען איך הער אָט אַזא קול'כעל קומען מיר ארוים טרערען פאר פרייד. ווייל עס איז שעהנ־הייט, מוזיק און ווייטער גאָרנישט... (סאָניאַ'ס שטימע נעהנטער) איהר הערט? אַזוי ווי אַ פייגעלע קלינגט עס... האַרצעדיג מיידעלע, טהייער מיידעלע...

אַ נ ד ר ע י. יאַ, אַ טהייער מיידעלע. און דערנאָך וועט זי חתונה האָבען און וועלען אַ געמיינע באַבע אַזוי ווי אַלע. עפּעס האָב איך ערגעץ געלעזען וועגען אַ יונג מיידעל, וועלכע האָט אייביג געזונגען: „איך בין אַ פּרינצעסין... איך בין אַ פּרינצעסין“.... אַלע יונגע מיידלעך זענען פּרינצעסינס, נאָר קיין קעניגינס עפּעס זעהט מען נישט... פון אַלע פּרינצעסינס קומען נאָר ארוים נאַרישע, קליינ־ליכע, אידיאָטישע באַבעס און פאַלשע ווייבער...

ס ע מ י אַ ן. זעהסטו שוין... און צווישען אייך זיינען עפּעס פאַראַן אַ סך קעניגען? ניין. גאָט האָט אונז געגעבען די וואונדער־שעהנע, צאַרטע פרוי און מיר האָבען זי איבערגעפיהרט און בע־שמוצען זי נאָך... עס עקעלט אין אַלגעמיין צו הערען. איהר זיצט דאָ אַזוי ווי זשאַבעס אין אַ בלאָטע און קוואַקעט אויף גאָט'ס שעהנקייט... (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און שטעהט אויף). ס'איז צייט צו קאָכען דעם שאַשליק. האָפּ, האָפּ! (סאָניע ענטפערט: או־ו־ו...) געהט שנעלער, ס'איז צייט דעם שאַשליק צו קאָכען. האָפּ, האָפּ! (געהט אַרוים).

ס אָ נ י אַ (גאָר נאָהענט). או־ו־ו...

אַ נ ד ר ע י. אָט איז אַ מוסטער פון אַ מאַן... זיין ווייב האָט נעהאַט מעהר געליעבטע, ווי ער האָט האָר אויף זיין ליסינע. די גאַנצע שטאָדט וויצעלט זיך איבער איהם און אָט, זעהט איהר, גלויבט ער אין דער פרוי, און פאַרגעטערט זיין ווייב. וואָס איז דאָס פאַר אַ היפּנאָז? מיט וואָס נעמט אונז די פרוי? ווייסט ער כאָטש אַ טהייל דערפון, וואָס זיין ווייב איז אין דער ווירקליכקייט, און וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּיעלט ביי איהר?

ד אָ ק ט אָ ר. פון וואַנען? ער ווייסט נישט און וועט קיינ־מאָל נישט וויסען... און ווען ער וועט געוואָהר ווערען וועט ער נישט גלייבען...

אַ נ ד ר ע י. ווען איך האָב געהאַט אַ ראָמאַן מיט קלאָוודיע׳ן און בין נישט געקומען צום ראַנדעוואו, האָט זי איהר גאַנצען כעס אויסגעלאָזט צו דעם אָרעמען סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, און האָט איהם אָבגעשפּיעלט שרעקליכע סצענעס און ער האָט געליטען און געבעטען מיך, אַלס זיין בעסטען פריינד, אַז איך זאָל זי צורעדען זי זאָל זיך קורירען די נערוועז. מיר איז די געשיכטע געווען זעהר אונאַנגענעהם און עס האָט מיר וועה געטהאָן איהם אָבצונאַרען, ווייל איינענטליך איז ער דאָך אַ גאַנץ פיינער מענש, מיט אַ גוטער, ווייכער, בּרייטער נשמה... אָבער די געמיינע באַבע האָט געסטראַ־שעט, אַז אויב איך וועל זי אָוועקוואַרפען, וועט זי טהון דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס... און אויס רחמנות צו׳ן איהם איז מיר אויסגע־קומען איהם וואָס מעהר אָבצונאַרען. און זי האָט זיך כמעט נישט זשענירט. איך קען ביז אַצינד נישט בעגרייפען, ווי אַזוי ער האָט דאַמאָלסט גאָרנישט באַמערקט.

ד אָ ק ט אָ ר. ווייל ער איז אַ נאַר און וויטער גאָרנישט.

אַ נ ד ר ע י. ניין, דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען נאַרישקייט. וועניג קענען מיר גרויסע, קלוגע מענשען, שאַרפע בעאָבאַכטער, וועלכע די ווייבער האָבען אָבגענאַרט, אַזוי ווי מען נאַרט קליינע קינדער? עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, וואָס ביי דער פרוי איז פאַראַן איין געמיינער, עקעלהאַפטער שטריך. דער שטריך איז ליגענד, אַ בעזונדער ליגענד... אַ פרוי לייגט אַזוי, אַזוי ווי אַ מאַן קען נישט און וויל נישט לייגען. וואָס זענען ווערטער? קיינער גלויבט נישט קיין ווערטער... אַ פרוי לייגט מיט איהר גאַנצען וועזען... ווען אַ מאַן ברעכט זיין טריישאַפט, ווערט ער באַלד אָבגע־פיהלט און שוין דערמיט ניט ער זיך אויס. נאָר אַן אידיאָטקע וועט דאָס נישט באַמערקען. אַ פרוי אָבער וועט פון פרעמדע אָרעמס קומען צו׳ן איהר מאַן בעזונדערס ליידענשאַפטליך, צאַרט און ליעב... ווייזט אויס, אַז די זיסע ליידענשאַפט פון זינד צינדט אין איהר

אָן אַ בעזונדער פּלאַם. דערביי, דער סאַמע זינדיגסטער מאַן שעהמט זיך דאָך אָבצוגאַרען און דאַס שטערט איהם צו זאָגען ליגען ווי געהעריג. אַ פרוי אָבער רעכענט גאַנץ ערנסט, אַז זי האָט אַ רעכט אויף פאַלשקייט. זי מיינט, אַז נישט נאָר מאַכט זי איהר פאַלש־קייט נישט נידריג, נאָר פאַרקעהרט, עס מאַכט זי אפילו אינטערע־סאַנטער. איך האָב אַמאָל געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ פאַרהיי־ראַטער פרוי, האָב איך זי איינמאָל געפרעגט: צי איהר מאַן ווייסט נישט עפּעס פון אונזערע בעציהונגען; און ווייסט איהר וואָס זי האָט מיר געענטפערט?

דאָקטאָר. וואָס

אַנדרעי. זי האָט זיך גאָר באַליידיגט און זיך אָנגערופען: מיין מאַן קען מיך צו גוט, אַז ער זאָל מיך אין עפּעס חושד זיין... (דער דאָקטאָר לאַכט).

סעמיאָן (קומט צוריק). און אָט זענען אונזערע.

(פון וואלד קומען צוריק די שפּאַצירענדע. סאָניע לויפט פרעהליך פאָראויס.)

סאָניאַ. מוזיקאַנטען, מוזיקאַנטען... מיר ווען באַלד טאַנצען, אָט וועט זיין פרעהליך.

פּאַרוטשיק. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איהר האָט צוגע־זאָגט צו טאַנצען מיט'ן קניאַז.

קניאַז. איז אייך אַנגענעהם?

סאָניאַ (פּאַטשט פרעהליך מיט די הענד). יעלענאַ ניקאָ־לאַיעוונאַ, טהייערע, טאַנצט.

יעלענאַ. איך האָב שוין לאַנג נישט געטאַנצט, פאַרגעסען... (אַלע רעדען זי צו צו טאַנצען).

פּאַרוטשיק. איהר האָט דאָך צוגעזאָגט.

סערגעי. נו, טאַניע, לענאָטשקאַ, וואָס אַרט דאָס דיך?

קלאַודיאַ. ברעך דיך נישט, לענקאַ.

יעלענאַ. נו, גוט. פּאַרוטשיק, נעמט מיין הוט.

(דריי וואַנדערענדע גרוזינער מוזיקאַנטען אין צוריסענע טשערקאַ־סענע קאָסטיומען זעצען זיך אויפ'ן ברעג פון טייכעל, איבער'ן באַרג.

דער קניאַז רעדט עפּעס מיט זיי אין דער שטיל. דער עלטסטער גרוזינער שאָקעלט בעדייטונגספול מיט'ן קאָפּ, דער קניאַז געהט אַרויס אין דער מיט און גיט אַ צייכען. עס פאַנגט זיך אָן אַ ווילדע אונהאַרמאָנישע מוזיק. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ טאַנצט מיט'ן קניאַז. אַלע פּאַטשען מיט די הענד צום טאַקט. סעמיאָן האלט די ליכט איבער'ן קאָפּ. דער טאַנץ ענדיגט זיך).

אלע. בראַוואָ! בראַוואָ! ביס, נאָך...

יעלענא (אַטהעמט שווער און האַלב פאַרגעסען, האַלב מיעד, שפּאַרט זי זיך אָן אָן קניאַז, וועלכער נעמט זי כסדר אַרום. מיט אַ בלאַנ־דזשענדען שמייכעל). אָך, איך בין מיעד...

אלע. בראַוואָ, בראַוואָ, ביס, ביס, נאָך אַמאָל... יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, נאָך... מאָלאָדיעץ קניאַז...

סערגעי (אַזוי ווי פאַרבייגעהענדיג). לענאַ...

(זי ציטערט אויף, קוקט זיך דערשראָקען אום, רוקט זיך אָב פון קניאַז און גלייך זי וואָלט זיך צונויפגעקאָרטשעט און קליין געוואָרען, נעמט זי ביים פאָרוטשיק דעם הוט און געהט צום מאַן).

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

(אַלע פענסטער פון דער זומער־וואוינונג זענען העל בעלויכטען. די טהיר אויפ'ן באַלקאָן איז אויפגעפראַלט. עס שווינדען שאָטענס, עס הערען זיך שטימען, געלעכטער און פּיאַנאָ־קלאַנגען. פאר'ן באַלקאָן שטעהט אַ גרויסער טיש, נישט אויפגערוימט נאָכ'ן נאַכטעסען. געפעס, פלעשער, בלומען. אַרום אין אונאָרדנונג אָבגערוקטע שטוהלען. אַ גרויסער לאָמפּ אָהן אַ שיין ברענט אויפ'ן טיש. אָן אַ זייט, הינטער די בוימער, אַ גראָז־באַנק און אַ געפלאָכטענע שטוהל. אַ וואַרעמע זומער־נאַכט. דער דאַך און די וועגד פונ'ם הויז, די טונקעלע שפּיצען פון די ציפּרעסען־בוימער און דער אויסגעשטערנטער הימעל זענען פערגאָסען מיט לבנה־ליכט. אין דער טיעף פונ'ם גאָרטען געהט אַוועק אַ פינסטערע, געהיימניספולע אַלעע. סעריאָזשאַ געהט שנעל אַרויס אין גאָרטען. יעלענאַ געהט איהם אויפ־נערעגט נאָך. סאָניאַ בלייבט שטעהן אין דער אָפענער טהיר און הערט זיך צו צום געשפּרעך).

יעלענא. ווי פארשטעהט איהר עס נישט, סעריאָזשאַ. איך וויל גאָרנישט, איהר זאָלט אַוועקגעהן. מיך פארדריסט נאָר, וואָס עס איז אזוי אויסגעקומען. איך פיהל מיך אזוי ווי שולדיג אין עפּעס.

סעריאָזשא. וואָס עפּעס איהר?

יעלענא. איך וויים, אַז איך בין די אורזאַך פון אַלעם... איך האָב מורא, סעריאָזשאַ, אַז דערמיט וועט זיך נאָך נישט ענדי־גען, צווישען אייך מיט'ן קניאַז קען נאָך אַרויס אַ שרעקליכע זאַך. אַך, ווען איך וואָלט געוואוסט... איך בין דאָך שולדיג, סעריאָזשאַ, איאָ? נו, נאַטירליך, איך בין זעהר לייכטזיניג, סעריאָזשאַ...

סעריאָזשא. וואָס זענט איהר אזוי אונרוהיג? עס וועט גאָרנישט זיין... איך וועל אוועקגעהן און פארטיג. אַ גוטען טאָג...

יעלענא (נעמט איהם ביי דער האַנד). אָבער איהר זענט אויף מיר נישט בייז, סעריאָזשאַ?

סעריאָזשאַ. וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אויף אייך בייז צו זיין? און איך קען מיך אויך אויף אייך נישט בייזערען. איך בין אַליין שולדיג: איך האָב מיך נישט בעדאַרפט צו צולאָזען ביז צו'ן אַזאַ שטופּע.

יעלענא (קוקט איהם אין די אויגען אַריין). הייסט עס, איהר זענט נישט בייז, ניין?

סעריאָזשאַ. איז אייך דען נישט אַלצאיינס?

יעלענא. סעריאָזשקאַ, ענטשולדיגט... איך פיהל מיך פאַר אייך שולדיג... איך האָב בעדאַרפט וויסען מיט וואָס דאָס אַלעס וועט זיך ענדיגען. אָבער איך האָב, ביי מיין וואָרט, נישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַזוי ערנסט...

סעריאָזשאַ. איך האָב אַליין נישט געוואוסט. נו, דאָס אַלץ איז אַ נאַרישקייט. מען דאַרף זיך נעמען אין די הענד אַריין און ווייטער גאַרנישט.

יעלענא. אָבער מיר וועלען זיך דאָך נאָך זעהען, סעריאָ־זשאַ? איהר וועט דאָך קומען צו מיר קיין באַרקאָוו?

סעריאָזשאַ. איך וויל מיך בעסער מיט אייך נישט בעגעגנען, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

יעלענא. פאַרוואָס?

סעריאָזשאַ. ווייל פאַר מיר קומט דאָס אויס צו שווער און איהר דאַרפט עס איינגאַנצען נישט.

יעלענא. איך האָב אייך זעהר ליעב, סעריאָזשאַ.

סעריאזשא. נו, יאָ, אַזוי ווי אַ שפּיעלכעל, וואָס פאַר־שפּיעלט אייך.

יעלענא. אָה, ניין, סעריאזשא. פאַרוואָס דענקט איהר וועגען מיר אַזוי שלעכט?

סעריאזשא. איך קען דאָך נישט דענקען, אַז איהר... אַז איך האָב עפּעס אַ בעדייטונג פאַר אייך...

יעלענא. אַך, סעריאזשא, צי וויים איך דען דאָס אַליין?

ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַר און ווילד בעשע־פעניש איך בין... גאַנץ אָפט פאַרשטעה איך מיך אַליין נישט; איך האָב דאָך אויסגעצייכענט געוואוסט צו וואָס דאָס אַלץ וועט פיהרען, און איך האָב נישט בעדאַרפט דערצו צוצולאָזען. אָבער טהיילמאָל פאַלט אויף מיר אַן אַזאַ נאַרישע שטימונג. אָט ווי אַצינד: איהר זענט אויף מיר בייז, איך בין פאַר אייך שולדיג, דאָס אַלץ דאַרף מען מיט אמאָל איבעררייסען, און מיר איז עפּעס אַ שאָד, און עס ווילט זיך אייך צו לאַשטשען, צאַרט, צאַרט, אָט אזוי... (זי דריקט זיין האַנד צו איהר פּנים און קוקט איהם אין די אויגען אַריין.)

סאָניאַ. (געהט שנעל צו צו זיי.) יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, מען רופט אייך...

יעלענאַ. (לאָזט שנעל אַרויס זיין האַנד.) ווער?

סאָניאַ. דאָרט, אַלע. סעריאָזשאַ, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען.

יעלענאַ. (פאַלש) און איך קען איהם אויף קיין פאַל נישט בערוהיגען. אפשר האָט איהר אויף איהם אַנ׳איינפלוס, סאָ־ניעטשקאַ...

סאָניאַ. (קאַלט) איהר קענט דאָס בעסער פון מיר.

יעלענאַ. (גיט שנעל אַ קוק אויף איהר.) אַזוי מיינט איהר? גוט. איך וועל פּראָבירען. (לאַכט אומנאַטירליך.) האָב איך אויף אייך אַ גרויסען איינפלוס, סעריאָזשאַ?

סאָניאַ. מען וואַרט אויף אייך, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

יעלענאַ. באַלד. זענט איהר נישט בייז, סעריאָזשאַ? נו, זעהט... קומט צו מיר, ווען מיר וועלען זיין צוריק אין כאַרקאָוו. איך וועל אויף אייך וואַרטען, אונבעדינגט... און דערווייל, צום ווידערזעהען! (זי געהט אַרויס, נישט קוקענדיג אויף סאָניאַ׳ן.)

סאָניאַ. ווי שעהמט איהר זיך נישט, סעריאָזשאַ?

סעריאָזשאַ. וואָס זאָל איך מיך שעהמען?

סאָניאַ. זעהט איהר דען נישט, אַז זי שפּיעלט איינפאַך מיט אייך?

סעריאזשא. נו, פאלאזשעם... איהר זענט נאָך א מיי־דעלע, סאָניא, און עס זענען נאָך פאראַן פיעלע זאכען, וועלכע איהר פארשטעהט נישט.

סאָניאַ. (מיט טרערען אין דער שטימע). איך פארשטעה אַלץ. איך בין שוין נישט קיין מיידעלע. איך בין אויך א פרוי. צי מיינט איהר, איך זעה נישט, אז זי קאָקעטירט מיט אייך? און מיט דעם קניאז און מיט'ן פּאָרוטשיק? איהר ווילט זיך פראָסט, אז אַלע זאָלען זיין פערליעבט אין איהר. מיר טהוט וועה דאָס האַרץ פאר אייך, סעריאָזשאַ.

סעריאָזשא (טרויעריג). און גאנץ אומזיסט. איך אליין זעה דאס אַלץ אויסגעצייכענט און האַלט, אז עס האָט נישט קיין בעדייטונג. דאס אַלץ איז פוסטע זאכען און וויטער גאָרנישט.

סאָניאַ. ווירקליך?

סעריאזשא. נו, געוויס. מיינט איהר ווירקליך, אז איך קען מיך ערנסט אָבגעבען מיט נאַרישקייטען. ריוואַליזירען מיט עפּעס א קניאז? איהר האָט א גרויסען טעות. איך בין נאָך נישט אזא גרויסער נאַר...

סאָניאַ. וואָס איז דען אַרויסגעקומען צווישען אייך מיט'ן קניאז?

סעריאזשא. גאָרנישט, א נאַרישקייט. עס האָט מיך איינפאַך געגומען עקלען, וואָס אזא פרוי, ווי יעלענא ניקאָלאַיעוונא קען זיך אינטערעסירען מיט אזא אידיאָט. איך האָב מיך איבער איהם געוויצעלט, און ער האָט מיר געענטפערט מיט גראָבהייטען... איך האָב איהם געזאָגט, אז איך וועל איהם פארפאָהרען אין דער מאָרדע, און ער, אזוי ווי אַנ'אמת'ער האדזשי מוראַט, האָט ער זיך געכאַפּט צום קינזשאַל... נאַרישקייטען... מיך פארדריסט נאָר, וואָס יעלענא ניקאָלאַיעוונאַ...

סאָניאַ. איהר ליעבט זי, סעריאָזשאַ?

סעריאזשא. אָ, בלאָטע! איך ליעב קיינעם נישט. דאָס אַלץ איז פון לעדיגגעהן. מאָרגען פאָהרט זי אוועק און אַלץ וועט זיך ענדיגען...

ס אָ נ י אַ (טרויעריג און צודרונגליך). איהר ליעבט זי, סע־ריאָזשאַ...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. (מיט פאַרדרוס) הערט אויף, סאָניא, צו רע־דען נאַרישקייטען... דאָס צורייצט די נערוועז. און וואָס געהט דאָס אייך אָן?.. נו, איך ליעב, נו, איך ליעב נישט... וואָס האָט דאָס צו טהון מיט אייך? דאָס געהט נאָר מיך אָן און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אריינצומישען.

ס אָ נ י אָ. סעריאָזשאַ...

ס ע ר י אָ ז ש אַ (פערלעגען). נו, ענטשולדיגט מיר, סאָ־ניטשקע... איך האָב אייך נישט געוואָלט בעליידיגען, אָבער צו וואָס שטעהט איהר צו צו מיר?... נו, אָט... איצט וויינט איהר... סאָניא... דער טייוועל ווייסט וואָס דאָס איז... איך זאָג אייך, אַז דאָ איז קיין שום ערנסט נישטאָ און קען נישט זיין. נו, וואָס נאָך? הערט אויף, סאָניא. אַך, ווי דאָס אַלץ האָט מיר דערעסען. און דאָ קריכט נאָך די קלאַוודיא. מען דאַרף דאָס אַלץ איינמאָל פאַר אַלע מאָל איבעררייסען. איך וועל געהן. אַדיע, סאָניא...

ס אָ נ י אָ. אַדיע...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. טאַ וואָס זשע וויינט איהר? אַך, וואָס איהר זענט. נו, ביי מיין וואָרט... (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און געהט אַוועק).

ס אָ נ י אָ. סעריאָזשאַ! (ער הערט נישט. זי לאָזט הילפלאָז אַראָב די הענד און געהט צוריק. זי בלייבט שטעהן ביים טיש פארקוקט אויפ'ן טישטוך. פון הויז קומען אַרויס אַנדרעי און דער דאָקטאָר).

אַ נ ד ר ע י. טרינקען מיר, וואָס?

ד אָ ק ט אָ ר. יאָ. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, מעהר איז אָבער נישטאָ וואָס צו טהון.

אַ נ ד ר ע י. וועגען וואָס חלומ'ט איהר דאָ, סאָניאַ?

ס אָ נ י אָ. אַזוי. וועגען גאָרנישט. (זי קוקט אַלץ אין איין פונקט, פיהרט מיט אַ פינגער איבער אַ טעלער).

(דער דאָקטאָר טרינקט אויס אַ גלאָז וויין און זעצט זיך אויף אַ

שטוהל. אנדרעי טרינקט אויס און זעצט זיך רייטענדיג אויף א שטוהל ביים טיש).

דאקטאר. אימעצער האט דא פארלוירען א נאזטיכעל. (הויבט עס אויף און ווארפט עס אויף דער באנק).

אנדרעי. דאס איז יעלענא ניקאלאיעווגא'ס.

דאקטאר. האט זיך אונזער שמחה געענדיגט מיט א צרה. וואלטען זיי שוין וואס שנעלער אוועקגעפאהרען, אז נישט קען זיך דא נאך טאקע אבשפיעלען א טראגעדיע.

אנדרעי. דאס אלץ איז עקעלהאפט. דערהויפט איז מיר א רחמנות אויף סערגעיען. (כאפט זיך). סאניא, ווילט איהר ווייז?

סאניא (ציטערט אויף). ניין, איך געה אהיים.

אנדרעי. פארוואס אזוי פריה?

סאניא. פריה איז איצט? ס'איז שוין איינס א זייגער.

דאקטאר. איהר האט שוין לאנג בעדארפט ליעגען אין בעט. איהר וועט ווידער אנהויבען הוסטען. האט איהר היינט גע־מאסטען די טעמפעראטור?

סאניא. ניין.

דאקטאר. וואס הייסט ניין? אזוי... ווי מאדנע דאס זאל אייך נישט אויסקומען, איהר קענט נאך שטארבען. איהר געהט נאר טאקע אהיים און לעגט זיך שלאפען. איהר האט דא גארנישט וואס צו טהון.

סאניא. יא, איך געה. (זי געזעגענט זיך שטיל און געהט ארויין אין הויז. אויפ'ן באלקאן בעגעגענט זי ארויסגעהענדיג העלענא'ן, דאן געהט סערגעי, קלאוודיא, סעמיאן, דער פארוטשיק און דער קניאז).

יעלענא. איהר געהט שוין אוועק, סאניא?

סאניא. יא. איך האב א קאפּוועהטאג.

יעלענא. ארעם קינד. (זי וויל זיך קושען מיט איהר, אבער סאניא מאכט אן אונגעלונגענע בעוועגונג, גלייך זי וואלט עס נישט בע־מערקט. זי געזעגענט זיך שנעל מיט די איבריגע און געהט ארויין אין הויז).

סעמיאן. פיין וואלט איצט געווען צו טרינקען קאווע און

אהיימגעהן שלאפען. איהר דארפט דאך מארגען פריה אויפשטעהן. ווען געהען אב די אטאמאבילען?

סערגעי. צעהן א זייגער.

סעמיאן. אט! איהר וואלט זיך בעדארפט אויסשלאפען איידער איהר נעמט זיך אין וועג אריין.

יעלענא. איך וועל סיי ווי סיי נישט אנטשלאפען ווערען. איך שלאף קיינמאל נישט פאר'ן אבפאהרען.

קלאודיא (געהט אן א זייט). לענא, קום נאר אהער, איך דארף דיר זאגען צוויי ווערטער... (שטיל) הער, נעם אוועק דיין קניאז. ער האט נארוואס עפעס גערעדט מיט'ן פארוטשיק. איך האב מורא עס זאל זיך נישט ענדיגען מיט א דועל.

יעלענא. אך, וואס פאר א דומהייטען...

קלאודיא. נו, גוט. האסט אליין אויפגעקאכט א קאשע, איצט עס זי דיר אויף...

יעלענא. ווי קום איך דא אריין אין מיטען?

קלאודיא. נו, גוט. מיר ווייסען, מיר ווייסען.... מאך דיך נאר נישט, איך בעט דיך...

פארוטשיק. וואסערע סודות רעדט איהר דא?

קלאודיא. וואס דארפט איהר עס וויסען? רעדט מיט איהם. — קניאז! קומט נאר אהער, לענא וויל אייך עפעס זאגען.

קניאז. צו אייער דיענסט, יעלענא ניקאלאיעוונא.

קלאודיא. איך געה דערווייל שפאצירען מיט'ן פארוטשיק. איהר ווייסט נישט, פארוטשיק, פארוואס איז דאס, ווען איך זעה א פינסטערע אלעע אין גארטען, ווילט זיך מיר שטענדיג קושען זיך?...

פארוטשיק. מיט וועמען?

קלאודיא. אלצאיינם מיט וועמען. אפילו מיט אייך...

פארוטשיק. איך בין בערייט... (זי לאכט, נעמט זיין ארעם און געהט אין דער אלעע).

סעמיאן. וואוהין געהט איהר, קלאוואטשקא...

ק ל אַ ו ד י אַ (פון דער פענסטער). מיר וועלען באלד צוריק־קומען.

ס ע מ י אָ ן. וואוהין זענען זיי געגאַנגען? די לופט איז שוין פייכט. מען קען זיך פאַרקיהלען.

אַ נ ד ר ע י. האָב נישט קיין מורא, זיי וועלען זיך נישט פאַרקיהלען. קום לאָמיר בעסער אויסטרינקען פאַר צרות.

ס ע מ י אָ ן. וואָס עפּעס פאַר צורת? איך האָב נישט קיין צרות.

אַ נ ד ר ע י. אזוי מיינסטו? נו, אַלצאַיינס... לאָמיר אויס־טרינקען פאַר פרייד...

ס ע מ י אָ ן. וואָס טרינקסטו, קוואַרעלי?

ס ע ר ג ע י (קוקט אונבעמערקט אויף זיין פרוי און אויפ׳ן קניאַז). פראָבירט דעם... אַן אויסגעצייכענטער טרונק...

ק נ י אַ ז. נו, וואָסזשע האָט איהר מיר געוואָלט זאָגען, יעלענאַ ניקאָלאַיעווונאַ?

י ע ל ע נ אַ. נישט קיין בעזונדערעס. איהר האָט אמאָל גע־זאָגט, אז איך קען אייך באַפעהלען.

ק נ י אַ ז. אַלץ וואָס אין מיין מאַכט.

י ע ל ע נ אַ. אַלזאָ, באַפעהל איך אייך, אז די נאַרישע געשיכ־טע מיט סעריאָזשאַ׳ן זאָל ניט האָבען קיין פאָלגען, איהר הערט?

ק נ י אַ ז. אַהאַ, דאָס איז שוין אַ ביסעל איבער מיינע קרעפ־טען. עס זענען געוועזען דערביי זייטיגע מענשען. און דאָס יונגעל האָט זיך גאַנץ פערגעסען. מיך האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט צו בעליידיגען אונבעשטראָפט. איהר פאַרלאַנגט פון מיר אַן אונ־מעגליכע זאַך, יעלענאַ ניקאָלאַיעווונאַ.

י ע ל ע נ אַ. יעצט וועט איהר דערוויייזען, אז פאַר מיר איז אפילו אַן אונמעגליכע זאַך — מעגליך...

ק נ י אַ ז. הם... און וואָס וועט זיין מיין בעלוינונג דערפאַר?

י ע ל ע נ אַ. דאָס וועלען מיר שוין זעהען דאָרטען...

ק נ י אַ ז. און אויב איך וועל אויך פאָדערען אַן אונמעגליכע זאַך?

יעלענא (קאָקעטיש). איך האָף, אז איהר וועט נישט פאַרדרעען צו פיעל.

קניאז. וואָס ווייס איך... איך זאָג אייך אָבער פאָראוים, אז איך טהו קיין זאַך נישט אומזיסט, איבערהויפּט פאר פרויען...

יעלענא. איהר שרעקט מיך... אָבער יעדענפאלס מיין ביטע וועט זיין ערפילט, הא ?

קניאז. אויב איהר פערלאַנגט עס.

יעלענא. איך פערלאַנג עס.

קניאז. פארפאלען. אנטקעגען שטעלען זיך קען איך נישט. דאָס גיט מיר אויך א רעכט צו פאָדערען.

יעלענא. איהר ווייסט, איהר זענט צודרינגליך.

קניאז. אָ, זיכער. (יעלענא לאַכט. דער קניאַז קושט איהר האַנד).

סערגעי. לענאטשקא, קען מען פיעלייכט ווירקליך קריעגען קאווע ?

יעלענא (קומט צוריק צום טיש). קאווע וועט מען דערלאַנגען אין צימער... דאָ ווערט די לופט פייכט.

דאָקטאָר. יא. די נעכט זענען איצט קיהלע. אין רוסלאַנד איז נאָך איצט פריהלינג... און איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהען קיין אמת׳ן פריהלינג, קיין אמת׳ן הערבסט. אין דעם פארשאָלטענעם קאווקאז קען מען אפילו די צייטען פון יאָהר נישט אונטערשיידען. און מיר וואָלט איצט זעהר געפּאסט אַן אמת׳ער רוסישער הערבסט. רעגען, בלאָטע, נאסע פלויטען, נאסע קראָהען...

סעמיאן. וואוהין איז דאָס קלאוואטשקא פארפאלען ? קלאוואטשקא...

אנדרעי. שריי א ביסעל העכער.

סעמיאן. פארוואָס ? מיינסטו, אז זיי זענען ווייט פארנאנגען ?

אנדרעי (לאַכט). אָהאָ, דאָס, ברודער, קען מען נישט טרעפען.

סערגעי. בעאונרוהיגט אייך נישט, סעמיאן סעמיאָנאָ־

וימש... זיי וועלן קומען, זיי האָבן געמוזט ארויס אויפ'ן שאָסע... די לבנה שיינט איצט דאָרט.

י ע ל ע נ א. לאָמיר אויך געהן שפּאַצירען אויפ'ן שאָסע. איך האָב ליעב א לבנה־נאַכט אויפ'ן שאָסע: עס איז אזוי ליכטיג, לופטיג, און דער וועג איז אזוי ווייס, אזוי ווייס...

ס ע ר ג ע י. נו, געהען מיר. מען דאַרף זיך ווירקליך געזעגנען מיט קאווקאז. מאָרגען וועלען מיר שוין זיצען אין צוג און דערנאָך ווידער די שטאָדט, שטויב, היץ, דעמפּיגקייט, די רעדאַקציע...

ד אָ ק ט אָ ר. איהר געהט אייך און איך וועל שוין בעסער דאָ בלייבען. דער שאָסע האָט מיר שוין דערעסען, ווי דעם טייוועל רעטאָך...

ק נ י א ז. וואָס? טייוולאָנים עסען רעטאך?

ד אָ ק ט אָ ר. ווייסט זיי דער טייוועל וואָס זיי עסען. איך האָב נאָר איינמאָל געזעהען טייוולאָנים, און, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, גראַד ווען זיי זענען געווען שכור. אָבער דאמאָלס האָבען זיי גאָרנישט געגעסען.

ס ע מ י א ן. האָט ער זיך ווירקליך אזוי אָנגעכליאָפּטשעט? און איז נאָך א דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר. איך בין פּונקט אזא דאָקטאָר, ווי דו דעם סול־טאַנ'ס פּאַנטאָפעל... איבריגענס, דו ביזט טאַקע עהנליך צו א פּאַנטאָפעל...

ס ע מ י אָ ן. וויצעלט זיך אלץ... וויצלינג מיינער... דאָק־טאָר... און ווען מען זעהט דיך, מיינט מען — אן אמת'ער הענקער...

י ע ל ע נ א. געהען מיר?

ק נ י א ז. ערלויבט מיר אייך פאָרצולעגען מיין האַנד.

י ע ל ע נ א (כאַפּט זיין האנד, יונגלעריש). געהט עס. סערגעי, קום. אנדרעי איוואנאָוויטש...

א נ ד ר ע י. באלד... (דערטרינקט זיין גלאָז און דעריאָגט זיי).

ד אָ ק ט אָ ר (בלייבט אליין. זיצט לאנג, דאן געהט ער צו צום טיש, גיסט אָן א גלעזעל און טרינקט עס שנעל אויס. ער בלייבט שטעהן ביים טיש. רירט אָן מיט א גאָפּעל א שטיקעל פיש און לאָזט עס אָב.)

יאַ־אַ־אַ... (ער זעצט זיך צוריק, קוקט לאַנג אויפ'ן טיכעל, הויבט עס פאָרזיכטיג אויף און פיהרט עס צו צו דער נאָז. אַ ווײַלע שטעהט ער אַזוי מיט פערמאַכטע אויגען. דאן ווארפט ער עס בייז אַוועק אויפ'ן גראָז.) אַ נאַר געוואָרען אויף דער עלטער... טפו!... (ער זעצט זיך און פאַר־ריכערט.) עקעלהאַפטע באַבע...

(פון גאָרטען קומען אָן דער פאָרוטשיק און קלאַוודיאַ. זי זעצט זיך מיעד. דער פאָרוטשיק קוקט דורך די פלעשער אויפ'ן טיש און גיסט זיך אָן רויטען ווײַן און טרינקט אויס.)

קלאַוודיאַ. און וואו זענען אונזערע?

דאָקטאָר. זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירען אויפ'ן שאָסע. און וואוהין זענט איהר דאָס פאַרפאַלען געוואָרען? סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש האָט זיך דאָ שטאַרק בעאונרוהיגט. אַז איהר זאָלט נישט צו ווײַט פאַרגעהן... (קלאַוודיאַ לאַכט, פאַררייסט דעם קאָפּ און קלאַפּט מיט אַ פוס. דער פאָרוטשיק מאַכט זיך נישט הערען און פאַררויכערט). דערצו איז דאָס גראָז נאַס.

קלאַוודיאַ. אַזוי? און איך האָב עס גאָרנישט באַמערקט.

דאָקטאָר. נו, פאָרוטשיק, זענט איהר צופריעדען מיט אייער שפּאַציר?

פאָרוטשיק. אָ, יאַ.

קלאַוודיאַ. יאָ?

פאָרוטשיק. און יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ איז אויך געגאַנ־גען שפּאַצירען?

קלאַוודיאַ. דאָס איז שוין נישט פיין פון אייך, פאָרו־טשיק... אמוועניגסטענס היינט האָט איהר געקענט נישט דערמאָנען אייער יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ. עס איז מיר פאָרט אַ ביסעל...

פאָרוטשיק. פּאַרדאָן!

קלאַוודיאַ. און וואו איז מיין אָטעלאָ?

דאָקטאָר. בעליידיגט נישט דעם גייסט פון דעם עהרוויר־דיגען ווענעציאַנישען מאָאַר, איהר לייכטזיניגע פרוי. אייער סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש איז ניט אָטעלאָ, נאָר בלויז אַ רעגיערונגס־בעאַמטער. אַ מיטגליעד פון דער אויעזדנע זעמסקע אופּראַווע און אַן אַלטער

פאנטאפעל... ווי מאָדנע דאָס זאָל איך נישט פאַרקומען — ער איז אויך געגאַנגען שפּאַצירען.

קלאַודיאַ. איהר האָט אַ בייזע צונג, דאָקטאָר, אַליין זענט איהר אַן אַלטער פאַנטאָפעל.... און דערצו נאָך אַן אויסגעטרעטענער... אָך, ווי איך האָב מיך צושויבערט... דאָס זענט איהר שולדיג, פאַרוטשיק.

פאַרוטשיק. דאָס וועל איך מיר קיינמאָל נישט פאַרציהען.

קלאַודיאַ (לאַכט). איהר זענט אויסגעצייכענט, פאַרוטשיק. איך וועל מיך געהן צוקעמען אַביסעל, אַז נישט קען מען נאָך טאַקע מיינען, אַז מיר האָבען זיך געקושט. (זי לאַכט. שפּרינגט אויף און לויפט אַריין אין הויז).

דאָקטאָר. נו?

פאַרוטשיק. וואָס — נו?

דאָקטאָר. מען ווייסט שוין וואָס. גאַרנישט. נישט קשה. אַלע זענען דאָרט געוועזען...

פאַרוטשיק (לאַכט צופריעדען און קלאַפּט איהם ברידערליך אויף דער פּלייצע). אַזוי? און איהר אויך, דאָקטאָר?

דאָקטאָר (קאַלט). ווייסט איהר, הערר אָפיציער — איך, כאָטש איך בין אַ שלעכטער דאָקטאָר, נאָר ווי מאָדנע דאָס זאָל אייך נישט אויסקומען, איך האָב זעהר פיינט אַזאַ גוטברודערשאַפט...

פאַרוטשיק. וואָס הייסט?

דאָקטאָר. אָט אַזוי הייסט עס.

פאַרוטשיק. מאָדנע.

דאָקטאָר. יאַ, עס טרעפט.

קלאַודיאַ (קומט אַרויס אויפ'ן באַלקאָן). ווער פון אייך, הערען, וויל קאַווע? פאַרוטשיק, קומט אַהער.

פאַרוטשיק. די מינוט. (געהט אַריין אין הויז קוקענדיג בייז אויפ'ן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר געהט אום און פייפט שטיל. די שפּאַצירענדע קומען צוריק).

ד אָ ק ט אָ ר. נו, האָט איהר געהאַט פאַרגניגען?

ס ע ר ג ע י. עס איז ווירקליך גוט. אומזיסט האָט איהר נישט געוואָלט מיטגעהן.

ד אָ ק ט אָ ר. נו, נו...

י ע ל ע נ אַ. האָט מען דערלאַנגט קאַווע, דאָקטאָר?

ד אָ ק ט אָ ר. קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט נאָרוואָס גערופען.

ס ע מ י אָ ן. איז קלאַוואַטשקאַ שוין צוריקגעקומען?

ד אָ ק ט אָ ר. גאַנץ איינפאַך.

ס ע מ י אָ ן. וואָס מיינט איהר?

ד אָ ק ט אָ ר. גלייך זי וואָלט גאָר אין ערגיץ נישט געווען.

ס ע מ י אָ ן. דו געהסט נאָר אַרום און פּלאַפּעלסט נאַרישקייטען. וואָס איז דאָס, אַנצוהערענישען אַזעלכע? דיך קען מען נישט פאַרשטעהן. דו ביזט איינפאַך אַ שלעכטער מענש, דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר. און דו ביזט אַ נאַרישער מענש. וואָס בעסער איז וויים איך שוין נישט.

ס ע ר ג ע י. אַלזאָ, געהען מיר טרינקען קאַווע?

י ע ל ע נ אַ. געהט. איך קום באַלד. (אַלע געהען אַריין אין הויז, נאָר יעלענאַ בלייבט ביים טיש). איך האָב דאָ פאַרגעסען מיין נאָזטיכעל. האָט איהר עס נישט געזעהן, דאָקטאָר?

ד אָ ק ט אָ ר (הויבט עס אויף). אָט.

י ע ל ע נ אַ. מערסי! ווי קומט עס אַהער?

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב עס אָוועקגעוואָרפען.

י ע ל ע נ אַ. איהר? פאַרוואָס?

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב עס אין אָנפאַנג געוואָלט קושען, דערנאָך האָב איך אַ שמעק געטהון דערצו און האָב עס אָוועקגעוואָרפען.

י ע ל ע נ אַ (פאַרוואונדערט). פאַרוואָס? שמעקען דען מיינע פאַרפומען אַזוי שלעכט?

ד אָ ק ט אָ ר. ניין. איך ווייס איבערהויפּט ווייניג וועגען פאַרפומען. איך האָב זאָגאַר נישט באַמערקט, אַז דאָס טיכעל איז פאַרפומירט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אייער גערוך...

י ע ל ע נ אַ. דערפאַר האָט איהר עס אָוועקגעוואָרפען?

ד אָ ק ט אָ ר. דערפאַר האָב איך עס אוועקגעוואָרפען.

י ע ל ע נ אַ. איך פארשטעה גאָרנישט. (זי שמעקט צום טיכעל, לאָזט עס אַראָב און קוקט אויפ'ן דאָקטאָר). וועגען וואָס האנדעלט זיך?

ד אָ ק ט אָ ר. דומהייטען... איהר פאָהרט סיי ווי סיי מאָרגען אוועק, יעלענא ניקאָלאיעוונאַ. בלייבט מיט מיר אַ מינוט. צום געזעגענען זיך וואָלט איך מיך געוואָלט מיט אייך דורכרעדען, אַזוי פון הארצען.

י ע ל ע נ אַ. ביטע. (זעצט זיך). איך הער.

ד אָ ק ט אָ ר (פארוויכערט און קוקט נישט אויף איהר). זעהט איהר, יעלענא ניקאָלאיעוונאַ, איך בין אַן אַלטער, אָבגעלעבטער מענש... דאָס אַלץ איז זעהר נאַריש. עס געהט נאָר אין דעם, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, איך ליעב אייך.

י ע ל ע נ אַ. איהר?

ד אָ ק ט אָ ר. נו, יאַ, איך. לעכערליך? עס קומט מיר אַליין אוים לעכערליך. איבריגענס, ניין, איך זאָג ליגענד. נאָר פאר זיי־טיגע קומט אוים די ליעבע פון אַן אַלטען מאַן לעכערליך. מיר גלוסט זיך שוין גאָרנישט צו לאַכען. (פויזע.) הערט, יעלענא ניקאָלאיעוו־נאַ: מעגליך, אַז מיר וועלען זיך שוין קיין מאָל נישט זעהען... זאָגט מיר, וואָס האָט אייך געפיהרט אין יענע טעג... איהר געדענקט?

י ע ל ע נ אַ. וואָס? גאָרנישט. אַ קאַפּריז... (וויל אויפשטעהן).

ד אָ ק ט אָ ר. זיצט נאָך אַ מינוט. אַ קאַפּריז זאָגט איהר? אַזוי... און מיר, זעהט איהר, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען עפּעס גרעסער ווי אַ קאַפּריז. איצט פארשטעה איך, איהר האָט איינפאַך געהאַט רחמנות אויף מיר, רחמנות אויף אַן איינזאַמען מענשען, וואָס קיינער דאַרף איהם נישט האָבען. איך האָב אייך דערצעהלט וועגען מיינע ליידען, איינזאַמקייט, נויט, שכרות; וועגען דעם, אַז עס שטאַרבט אָב אין מיר אַל־דאָס גוטע, וואָס איך האָב אַמאָל פערמאָגט און וועגען דעם, אַז די מענשליכע געמיינהייט פארלעשט אַלץ... אַן ערצעהלונג נישט זעהר קיין פרעהליכע. נו, האָט איהר רחמנות בעקומען. עס איז נישטאָ קיין זאַך אויף דער

וועלט, וואָס זאָל אַזוי מיטפּיהלען, זיך אָברופען, וואָס זאָל זיין אַזוי ווייך און צאַרט, ווי אַ פּרויען־האַרץ: דערפאַר איז אָבער אויך נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיין מעהר עגאָאיסטיש, מעהר לייכטזיניג און מעהר זיך פאַרענדערען, ווי דאָס זעלבע האַרץ. — איהר האָט מיך צוגעלאַשטשעט צו זיך אַזוי ווי אַן אַלטען הונד אַ בראָדיאַגע, און ווען איך האָב מיך אונטערגעוואָרפען אייערע צערטליכקייטען און בין אייך נאָכגעקראָכען דרעהענדיג מיט'ן עק, איז אייך אומעטיג געוואָרען... און עס איז שוין נישט קיין רחמנות, וואָס עס איז נאָכאַמאָל...

יעלענא. בין איך אייך ווירקליך עפּעס שולדיג?

דאָקטאָר. זאָגט, האָט איהר ווירקליך נישט געקענט זעהען אפילו אַזאַ'ן אַלטען נאַר, ווי איך בין און נישט מאַכען איך זאָל מיך פאַרליעבען אין אייך? צו וואָס האָט איהר דאָס בעדאַרפט? איהר האָט געוואָלט זעהען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען? יאָ? און איז אייך נישט געקומען אין קאָפּ אריין, אַז דאָס איז אַ ביסעל גרויזאַם?

יעלענא. איך האָב עס נישט געוואָלט.

דאָקטאָר. קען זיין, קען זיין, אַז איהר טהוט דאָס אונבעוואוסטזיניג. אָט, פּונקט אַזוי ווי אַ קאַץ כאַפּט אונבעוואואוסטזיניג מיט איהרע לאַפּקעס אַלץ וואָס בעוועגט זיך אַרום איהר... און דאָך — איז דאָך געווען אַ מאָמענט, ווען...

יעלענא (שטעהט אויף אונגעדולדיג). איך האָב איינפאַך רחמנות געהאַט אויף אייך. איהר האָט דאָס בעדאַרפט פאַרשטעהן און נישט צוגעבען דער זאַך אַזאַ בעדייטונג.

דאָקטאָר. און איצט איז אייך מעהר נישט קיין רחמנות?

יעלענא (גלייך זי הערט נישט די פראַגע). איך בין געווען אין אַ נאַרישער שטימונג.

דאָקטאָר. אַ נאַרישע שטימונג? אַזוי... און ווייטער גאָרנישט? איצט איז די שטימונג פאַרביי?

יעלענא (טרויריג). געוויס, פאַרביי.

דאָקטאָר. נו, באַסטאַ. אייגענטליך האָב איך אַליין גע־

וואוסט, אז עס איז נישטאָ צוליעב וואָס אָנצוהויבען דאָס געשפּרעך. געוויס, דאָס אַלץ איז דומהייטען און נאַרישע שטימונג. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. איך דאַרף נאָך בעזוכען אַ קראַנקען. אַדיע. איך מוז. אַדיע. אַ מענש שטאַרבט...

י ע ל ע נ אַ. אַדיע!

ד אָ ק ט אָ ר. יאָ. נאָך האָב איך אייך געוואָלט זאָגען. איבריגענס. (שלאָגט זיך אַליין איבער). איהר ווייסט, קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ איז געוועזען מיט'ן פּאָרוטשיק?

י ע ל ע נ אַ. דאָס קען נישט זיין. נו, אַ געמיינהייט! אָרעמער סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש...

ד אָ ק ט אָ ר. אַ אידיאָט און ווייטער גאָרנישט. אַלע זענען מיר אידיאָטען, ווי מאָדנע דאָס זאָל אייך נישט אויסקומען. נו, נאָך אַמאָל, אַדיע!

י ע ל ע נ אַ. אַדיע!

ד אָ ק ט אָ ר (מיט אַ קרומען שמייכעל). און די האַנד צום געזעגענען ווילט איהר מיר נישט געבען? (נעמט איהר האַנד און טראָגט זי צו צו די ליפּען).

י ע ל ע נ אַ. צו וואָס איז דאָס?

ד אָ ק ט אָ ר (לאָזט אָרויס איהר האַנד). עס איז אייך אונאַנגענעהם? נו, דאַרף מען נישט.

פּ אָ ר ו ט ש י ק (פון דער שוועל). יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ...

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, הערר אָפיציער, איך האָב די עהרע.

פּ אָ ר ו ט ש י ק. איהר געהט שוין אַוועק?

ד אָ ק ט אָ ר. שטעלט אייך פאָר... ווי מאָדנע דאָס זאָל אייך נישט אויסקומען, איך געה שוין. אַדיאָ! (מאַכט אַ שפּאַסיגע בעוועגונג מיט דער האַנד, הויקערט זיך איין און געהט אַוועק אין דער פינסטערער אַלעע).

פּ אָ ר ו ט ש י ק (געהט צו צו יעלענאַ, וועלכע זיצט פאַרטראַכט). וועגען וואָס האָט איהר זיך פאַרטראַכט, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

י ע ל ע נ אַ (גיט אַ ציטער). וואָס?

פּאָרוטשיק. וואָס האָט איך דאָ דער דאָקטאָר איינגע־רוימט?

יעלענאַ (פיהרט מיט דער האַנד איבער'ן שטערען און שטעהט אויף). אי, גאָרנישט. אַ שאַד דעם מענש...

פּאָרוטשיק. אַן'אונאַנגענעהמער מענש. איהר האָט שוין צופיעל איינזעהעניש מיט איהם, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. אַ גראָבער און אונערצויגענער מענש... אַזוי... הייסט עס, מאָרגען פאַרלאָזט איהר אונז?

יעלענאַ (מיט אַ פערעכטליכען שמייכעל). יאַ, אָבער די בלאָנדע בלייבט דאָך דאָ.

פּאָרוטשיק. נו, די בלאָנדע...

יעלענאַ. ווי פערעכטליך... איהר זענט אונדאַנקבאַר, פּאָרוטשיק.

פּאָרוטשיק (צומישט). ווי?

יעלענאַ. איך מיין, אַז איהר האָט נישט קיין רעכט זיך אַזוי אָבצורופען וועגען דער בלאָנדער...

פּאָרוטשיק (בעהערשט זיך, חוצפּה'דיג). און איך מיין, אַז איך האָב דאָס רעכט.

יעלענאַ. זאָגט מיר, רעדט איהר אַזוי וועגען יעדער פרוי מיט וועלכער...

פּאָרוטשיק. מען קען נישט פאַרגלייכען אַלע פרויען, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. עס זענען פאַרהאַנען פרויען און פרויען... איהר זאָגט איך בין אונדאַנקבאַר... איך האָב גאָרנישט געזאָגט, נאָר ווען אפילו צווישען מיר און קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ וואָלט עפּעס געווען, לוינט זיך אויך נישט, אויף מיין וואָרט, צו דאַנקען פאַר דאָס, וואָס קומט אַזוי לייכט אָן...

יעלענאַ. אַזוי? און מיר האָט איהר פאָרגעוואָרפען, אַז מען קען צו מיר נישט צוטרעטען. הייסט עס, אַז ווען איך וואָלט דערהערט אייער געבעט, אַזוי ווי איהר האָט זיך אויסגעדריקט, וואָלט איהר וועגען מיר אויך אַזוי גערעדט?

פּאָרוטשיק. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איהר און זי...

יעלענא. וואס איז דער אונטערשיעד? מיר זענעןביידע פרויען.

פארוטשיק. איהר זענט א וואונדערבארע, צויבערליכע פרוי... ווען איהר וואלט געוואלט...

יעלענא (לאכט פון איהם). און איך האב דאך שיער נישט געוואלט, אבער איצט, נאכדעם ווי איהר האט זיך אזוי אבגערופען וועגען דער ארעמער בלאנדע. זעלבסטפערשטענדליך...

פארוטשיק. פארגעסט אן איהר. יעלענא ניקאלאיעוונא... עס איז נישט דאס... עס איז גארנישט דאס...

יעלענא. וואס דען?

פארוטשיק. אייך ליעב איך...

יעלענא. אזוי גאר?

פארוטשיק. און איהר צווייפעלט? א, טהייערע...

יעלענא (קלאפט מיט איהרע פינגער אויף זיין האנד). איהר זענט שכור...

פארוטשיק. יא שכור, פון אייך.

יעלענא (גרויזאם). ניין, איינפאך שכור פון וויין, אדער בראנפען.

פארוטשיק. ווי גרויזאם איהר זענט.

יעלענא. און איהר זענט איינפאך א נאר.

פארוטשיק (בעליידיגט). יעלענא ניקאלאיעוונא, איהר בעליידיגט מיך, איהר ווייסט וואס מען טהוט מיט פרויען אין אזעלכע פאלען?

יעלענא. מען קושט זיי? פראבירט.

פארוטשיק (טרעט אב בייז). הייסט עס, איהר לאכט פון מיר?

יעלענא. און ביז איצט האט איהר עס נישט פארשטאנען?

פארוטשיק. גוט, אויסגעצייכענט... זעהר גוט...

יעלענא. נאך בעסער, איצט לאמיר אריינגעהן אין צימער. מיר איז קאלט...

פּאַרוטשיק. ניין, דאָס וועט איהר מיר שוין ענטשולדיגען, איך קען נישט ערלויבען...

יעלענאַ. קניאַז!

(פּאַרוטשיק שפּרינגט אָב, קוקט זיך אום, יעלענאַ לאַכט).

קניאַז (לאָזט זיך אַראָב צו זיי). וואָס זשע האָט איהר אונז אינגאַנצען פאַרלאָזט, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

יעלענאַ. דער פּאַרוטשיק דערצעהלט מיר פרעהליכע געשיכטען...

קניאַז. איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַזאַ הומאָריסט...

פּאַרוטשיק (בייז). יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז אַ הומאָריסטקע, נישט איך. (יעלענאַ לאַכט). לאַכט, לאַכט. ווער עס לאַכט צום לעצטען דער לאַכט אַמבעסטען.

קניאַז (קאַלט און אויסדרוקספול). איך וועט זיכער נישט אויסקומען צו לאַכען.

פּאַרוטשיק. דאָס וועלען מיר זעהן.

קניאַז (קאַלט. שיער זיך אַרויפוואַרפענדיג אויף איהם). דאָס וועלען מיר זעהן. און איצט, וואַרט אויף אייך קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ. (דער פּאַרוטשיק קוקט אויף איהם ווילד, טרעט אָב און ברומט עפּעס). וואָס זאָגט איהר?

פּאַרוטשיק. גאָרנישט. (לאַכט פרעך, פאַרדרייסט הויך דעם קאָפּ, פייפט אונטער און געהט אַריין אין הויז).

קניאַז. וואָס איז צווישען אייך פאָרגעקומען, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ? האָט אין זינען, אַז איך בין שטענדיג צו אייער באַפעהל.

יעלענאַ. איך ווייס. (דער קניאַז קוקט זיך שנעל אַרום און מאַכט פּלוצלינג אַ זשעדנע בעוועגונג און כאַפּט זי אַרום ביי דער טאַליע). וואָס איז דאָס מיט אייך?

קניאַז (מיט אַ פאַרענדערטער שטימע). איין קוש...

יעלענאַ. זענט איהר פון זינען אַראָב? מען קען אונז דערזעהן. לאָזט אָב, איהר זענט אַ משוגע'נער.

ק נ י א ז. נו, יא, איך בין א משוגע׳נער און אויף משוגע׳נע בייזערט מען זיך נישט. (זי רייסט זיך ארויס, אנשפארענדיג זיך מיט די הענד אויף זיין ברוסט, אבער דער קניאז בעזיעגט זי און קושט זי דאך).

ס ע ר ג ע י (קומט אראב פון באלקאן). לענא, וואו ביזטו?

(דער קניאז שפרינגט אב. יעלענא קוקט אויף איהם מיט א ווילדען, בלאנדזשענדען שמייכעל, גלייך זי וואלט נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר, דערנאך קומט זי צו זיך און געהט אנטקעגען איהר מאן).

י ע ל ע נ א. איך בין דא. דער קניאז געהט אוועק.

ס ע ר ג ע י. איהר געהט אוועק, קניאז? און קאווע?

ק נ י א ז. איך דאנק אייך. עס איז שפעט.

(פלוצלינג ווערט אן אונאנגענעהמע פויזע. סערגעי פעטראוויטש פיהרט לאנגזאם די אויגען פון איהם אויף איהר).

י ע ל ע נ א (שנעל). שטעל דיר פאר, סערגעי, דער קניאז האט מיר נאר וואס דערצעהלט אנ׳אינטערעסאנטע נייעס: די בלאנדע איז געוועזן מיט׳ן פארוטשיק... (סערגעי פיעטראוויטש שווייגט). און שטעל דיר נאר פאר, דער גאנצער ראמאן איז פארגעקומען אין דער צייט, וואס מיר האבען שפאצירט אויפ׳ן שאסע... ריכטיג, קניאז?

ק נ י א ז (פארוואונדערט). יא, געוויס.

י ע ל ע נ א. ווי לעבערליך די בלאנדע איז.

ס ע ר ג ע י (מעכאניש). לעבערליך?

ק נ י א ז. זי האט א גוטען מאן...

ס ע ר ג ע י. יא, דער מאן... (קומט צו זיך). איבריגענס קען זיין, די גאנצע געשיכטע איז נאר א ספלעטניע, נישט מעהר? הייסט עס, איהר געהט שוין, קניאז?

ק נ י א ז. יא, עס איז שפעט. ערלויבט מיר אייך צו ווינשען א גוטע נאכט און א גליקליכע רייזע.

י ע ל ע נ א. וועט איהר דען נישט קומען אונז בעגלייטען?

ק נ י א ז. איך ווייס נישט צי איך וועל צייט האבען. יעדענ־פאלס, ערלויבט מיר צו געזעגענען זיך מיט אייך יעצט. איך וועל

אין גיכען זיין אין כארקאָוו. איהר וועט מיר ערלויבען צו קומען צו אייך?

יעלענא. געוויס. עס וועט אונז זעהר פרעהען... אונ־בעדינגט.

קניאז. דאנק אייך. איך וועל עס האַלטען פאַר מיין פליכט. א גוטע נאַכט!

יעלענא. צום ווידערזעהן! (דער קניאַז קושט גאַלאַנט איהר האַנד און געזעגענט זיך מיט סערגעי פּיעטראָוויטש'ען שוין צופיעל פריינדליך. דאַן הויבט ער אויף זיין הוט און געהט אַוועק). די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, אייך וועט זיין פינסטער צו געהן.

קניאז (פון דער פינסטער). ס'מאַכט נישט אויס... אויפ'ן שאָסע איז ליכטיג. א גוטע נאַכט...

יעלענא. א גוטע נאַכט. (זי דרעהט זיך אויס מיט א שמייכעל צום מאַן. סערגעי פּיעטראָוויטש שטעהט ביים טיש און קוקט מאָדנע צו דער ערד, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט צו קוקען אויף זיין ווייב. יעלענאַ קוקט אויף איהם, און וויל טרעפען אויב ער האָט עפּעס געזעהן. דאַן מאַכט זי א קינסטליכען שמייכעל, געהט צו צום מאַן פון הינטען און נעמט איהם אַרום). איך בין מיעד. זיי האָבען מיר שוין אַלע דערעסען. א דאַנק גאָט, וואָס מיר פאָהרען שוין ענדליך אהיים.

סערגעי (קוקט אויף איהר מיט א מאָדנעם בליק, גלייך ער וואָלט זי געזעהן צום ערשטען מאָל). ווירקליך?

יעלענא. פאַר דער לעצטער צייט זיינען מיר כמעט נישט געבליבען אונטער פיער אויגען. מיר האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך דיר... (צערטעלט זיך צו'ן איהם). א קוש...

סערגעי (קושט זי קאַלט און נעמט נישט אַראָב פון איהר זיין פּריפּענדען בליק).

יעלענא. וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אזעלכע מאָדנע אויגען? וואָס איז מיט דיר?

סערגעי. גאָרנישט.

יעלענא. אָבער איך זעה דאָך, אז דו ביזט מיט עפּעס אומצופריעדען?

ס ע ר ג ע י. וואָס אַזוינס איז געווען צווישען אייך?

י ע ל ע נ אַ. ווען? מיט וועמען?

ס ע ר ג ע י. ווען איך בין צוגעקומען זענט איהר ביידע טרויע־ריג געוואָרען. נאַרישקייטען האָט איהר גענומען פּלאַפּלען.

י ע ל ע נ אַ. דאָס האָט זיך דיר אויסגעוויזען.

ס ע ר ג ע י. זאָג נישט קיין ליגענד. איך בין נישט אַזוי נאַריש, אַזוי ווי דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיין.

י ע ל ע נ אַ. דו ביזט, דוכט זיך, אייפערזיכטיג?

ס ע ר ג ע י. איך בין נישט אייפערזיכטיג, נאָר איך וויל וויסען אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

י ע ל ע נ אַ. איך פאַרשטעה נישט וואָס דו רעדסט. ווענען וואָס זאָל זיך דאָ האַנדלען? אין וואָס געהט עס דיר?

ס ע ר ג ע י. לענאַ...

י ע ל ע נ אַ (גיט שנעל אַ קוק אויף איהם). נו, גוט. רעג דיך נישט אויף, איך בעט דיך. איך וועל דיר אַלץ אויסזאָגען. איך האָב נישט געוואָלט רעדען, אום דיך נישט אויפצורעגען צוליעב נאַריש־קייטען.

ס ע ר ג ע י. טאָ אין וואָס האַנדעלט זיך? וואָס איז אַזוינס?

י ע ל ע נ אַ. דומהייטען. עס לוינט נישט צו רעדען. אַך, וואָס פאַר אַ מענש די בלאָנדע איז, איינפאַך אַ שרעק...

ס ע ר ג ע י (שטויסט זי עטוואָס אָב). לאָז אָב די בלאָנדע, איך וואַרט.

י ע ל ע נ אַ. ווי לעכערליך דו ביזט, ווען דו ביזט אייפערזיכ־טיג... אייפערזיכטיגער... אייפערזיכטיגער...

ס ע ר ג ע י (ווילד). נו, רעד שוין...

י ע ל ע נ אַ (רוקט זיך אָב און כאַפּט זיך פאַר די שלייפען). וואָס שרייסטו? וואָס ווילסטו?

ס ע ר ג ע י: איך וויל וויסען וואָס צווישען דיר מיט דעם פניאז איז פאָרגעקומען.

י ע ל ע נ אַ. גאָרנישט. נו, נו... דער אידיאָט האָט זיך מיר

ערקלערט אין ליעבע. דאָס איז אַלץ. נו, זעהסטו, איך האָב דיר אַלץ געזאָגט.

סערגעי. אַ דאַנק דיר.

יעלענאַ (מאַכט זיך בעליידיגט). דאָס האָב איך פריהער געוואוסט... דיר טאָר מען גאָרנישט זאָגען. איך וועל דיר שוין מעהר קיינמאָל נישט דערצעהלען. געהט צוריק צו צו'ן איהם, צאַרט). נו, ליעבער, רעג דיך נישט אויף. דאָס אַלץ איז נאַרישקייטען. יעדער שעהנער פרוי ערקלערט מען זיך אין ליעבע. איך האָב דאָך קיינעם נישט געקענט פאַרוועהרען צו פאַרליעבען זיך אין מיר.

סערגעי. פאַרוועהרען — יאָ... און אויפהאַלטען די „ליעבע"....

יעלענאַ. האָב איך זי אויפגעהאַלטען?

סערגעי. הער, לענאַ. איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגען. איך שעץ צופיעל דיך און זיך, אום צו זיין אייפערזיכטיג, אָבער איך וויל אבסאָלוט נישט, אַז מיין פרוי זאָל זיין דער אָביעקט פאַר די ליעבעסליידען פון עפּעס אַ קניאַז... פאַרשטעהסטו דען נישט אין וואָס פאַר אַ לאַגע דו שטעלסט מיך?

יעלענאַ. איך וויים נישט ווי אַזוי דו קענסט שענקען אויפמערקזאַמקייט אַזעלכע פּוסטע זאַכען. דאָ איז דאָך קיין מינדסטער ערנסט נישטאָ...

סערגעי. לענאַ, ווען איך וואָלט איין סעקונדע אַנדערש געדענקט, וואָלט איך מיט דיר נישט גערעדט, נאָר איך וואָלט איינפאַך פון דיר אַוועקגעגאַנגען... דאָס אַלץ איז טאַקע נאַרישקייטען און דו דאַרפסט עס גאָרנישט, אָבער פאַר מיר בעשאַפט זיך דערפון אַן׳ אונאַנגענעהמע לאַגע און עס ערנידריגט מיך. עס איז דאָך אונמעגליך פאַר מיר, אַז איך זאָל נישט פאַרשטעהן, וואָס די אַלע הערען ווילען פון דיר. יעדער פון זיי קומט צו'ן אונז נאָר מיט דער האָפנונג מיר אויסצושטעלען הערנער, אָדער אַמוועניגסטענס אויפצורעגען זייער ליידענשאַפט דורך דיר. און איך דאַרף מיך מאַכען, גלייך איך זעה גאָרנישט. איך דאַרף ליעבליך שמייכלען און דריקען זיי די

האַנד, כדי זיי זאָלען נאָר נישט מיינען, אַז איך קען ווירקליך זיין אייפערזיכטיג אויף זיי...

יעלענאַ. וואַגען זיי דען צו דענקען עטוואָס עהנליכעס?

סערגעי. ווארום דען נישט? דו נעמסט אָן זייערע העפליכקייטען, קאָקעטירסט מיט זיי. וואָלט דען, מיינסטו, אָט דער זעלבער קניאַז געהאַט די העזה זיך דיר צו ערקלערען אין ליעבע, ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז דו וועסט באַלד אַלצדינג מיר דערצעהלען? ניין. ער איז געוועזן איבערצייגט, אַז דו וועסט אַלץ בעהאַלטען, דאָס הייסט שוין אַלזאָ, אַז דו וועסט מיט איהם צוזאַמען מיך אָבנאַרען...

יעלענאַ. ער איז גאָרנישט געוועזן איבערצייגט.

סערגעי. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז איך ליעב דיך און שעץ דיך צופיעל, אום צו זיין אייפערזיכטיג, נאָר דער בלויזער געדאַנק וועגען דעם, אַז דיזע געמיינע מענשען קענען קוקען אויף אונז, ווי אויף קאַנדידאַטען פון אונטרייע פרויען און אָבגענאַרטע מענער, בלויז דער געדאַנק, איז פאַר מיר ערנידריגענד און אונערטרעגליך...

יעלענאַ. נו, זיי נישט בייז. (נעמט איהם אַרום). דו ביזט גערעכט. איך וועל דאָס מעהר נישט טהון...

סערגעי. איך בייזער מיך נישט, נאָר דאָס אַלץ עקעלט מיך. עס עקעלט מיך שוין דאָס אַליין, וואָס איך האָב בעדאַרפט רעדען מיט דיר וועגען דעם.

יעלענאַ. איך וועל נישט מעהר, איך וועל נישט מעהר... פאַרצייה... איצט, ווען מענער וועלען צו מיר צוגעהן וועל איך זיי מאַכען אַט אַזוי. (זי מאַכט אַ מיאוס'ע און וויציגע גרימאַסע). גוט?

סערגעי. מאַך נישט קיין גרימאַסען, לענאַ. דאָס אַלץ איז פיעל ערנסטער, ווי דו מיינסט. ווייזט זיך דיר דען ווירקליך דאָס אַלץ אויס, אַלס פוסטע זאַכען און נישט מעהר? ווי ווייניג דו אַכטסט מיך דאַן, לענאַ...

יעלענאַ. נו, גענוג. דו האָסט געזאָגט און געענדיגט. איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס איז דיר אונאַנגענעהם. (סערגעי פּיעט־

ראָוויטש מאַכט אַ האָפנונגסלאָזע בעוועגונג). נו, יאַ... נו, יאַ, איך פאַרשטעה. געווים, דאָס איז געוועזן זעהר מיאוס, אָבער איך וועל דאָך דאָס מעהר נישט טהון... נו, זיי נישט בייז... גיב מיר אַ קוש...

ס ע ר ג ע י. אַך, לענאַ, לענאַ. און דו פאַרשטעהסט עס דאָך נישט. צי רעדען מיר דען אויף פאַרשיעדענע שפּראַכען און דו קענסט נישט פאַרשטעהן, ווי דאָס אַלץ איז שמוציג און געמיין?

א נ ד ר ע י (פון באַלקאָן). סערגעי, מיר געהען אוועק...

פ אָ ר ה א נ ג.

דריטער אקט.

(סערגעי פּיעטראָוויטש'עס וואוינונג אין שטאָדט. אַ צימער וואָס זעהט אויס אונגעפעהר, ווי אַ גאַסט־צימער: אַ קלאַוויר, בילדער, אַ ווינקעל פון ווייכער מעבעל און דראַפּעריען. אַלץ איז אין אונאָרדנונג, אָבער שעהן, אַזוי ווי אין אַ קינסטלער'ס אַרבייטס־צימער. צוויי טהירען. איינע אַנט־קעגען דער ביהנע אין פאָדערצימער, די צווייטע, רעכטס — אין די איבעריגע צימערען. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ זיצט אין אַ ווינקעל, מיט די פיס אויף דער זאָפע. זי איז אָנגעטהון אין הויז־קליידער, לייכט אָבער געפּוצט, אַזוי ווי אין אַ בונט בענדער און שטיקערייען; ווייך און פוכיג, ווי אַ קאַץ. סעריאָזשאַ זיצט ביים קלאַוויר. סערגעי פּיעטראָוויטש שטעהט אין מיטען צימער, ווי ער וואָלט זיך געאיילט).

סערגעי. הייסט עס, סאָניע'ן ווערט בעסער, דאָס פרעהט מיך. זי איז אַ ליעב קינד. און וואָס איז דאָך מיט אייך, סעריאָזשאַ? וואָס באַווייזט איהר זיך ביי אונז אַזוי זעלטען?

סעריאָזשאַ. איך האָב מיך אַלץ געקליבען אהער צו געהן.

סערגעי. איהר קלייבט זיך זעהר לאַנג. נו, לענאַ, דו פאַר־נעם דערוויילע דעם גאַסט און איך וועל געהן. מען דאַרף אַרבייטען.

יעלענאַ. געה, געה. מיר וועלען דיר נישט שטערען.

סערגעי. ערלויבט איהר, סעריאָזשאַ?

סעריאָזשאַ. ביטע, שטערט אייך נישט. אויב איך שטער אייך קען איך אַוועקגעהן. אייער אַרבייט איז וויכטיגער פון מיין וויזיט.

סערגעי. ניין. מיט וואָס קענט איהר מיר שטערען? זיצט דאָ מיט לענאַ'ן... געוועהנליך איז דאָך איהר זעהר אומעטיג ביי מיר: איך בין דאָך שטענדיג ביי דער אַרבייט און זי איז כסדר

אליין, איינע אליין... איך וועל באלד זיין צוריק. דערווייל, אדיע!
(מאכט א וויציגע בעוועגונג און געהט ארויס רעכטס).

סעריאזשא. וואס שרייבט ער אציגד, סערגעי פיעטראוויטש?

יעלענא. איך ווייס ווירקליך נישט, עפעס אנ' ערצעהלונג.

סעריאזשא. איהר גליקליכע יעלענא ניקאלאיעווגא.

יעלענא. גליקליך? מיט וואס?

סעריאזשא. וואס הייסט, מיט וואס? זיין די פרוי פון אזא טאלאנטפולען, אינטערעסאנטען מענשען?

יעלענא. אך, סעריאזשא. די שריפטשטעלער זיינען פיעל אינטערעסאנטער אין זייערע ביכער, איידער אין לעבען. זאגט מיר בעסער, וואס האט איהר זיך ווירקליך אנגעהויבען אזוי זעלטען צו באווייזען?

סעריאזשא (שטעהט אויף און הויבט אן געהן איבער'ן צימער). אזוי...

יעלענא. וואס הייסט עס — אזוי?

סעריאזשא. איך האב אייך געזאגט, יעלענא ניקאלאיעוונא, אז עס איז בעסער איך זאל מיך מיט אייך וואס ווענינער בעגעגענען.

יעלענא. אבער פארוואס? מיר זענען דאך געווען אזעלכע גוטע פריינד.

סעריאזשא. אך, וואס פאר א גוטפריינדשאפט.

יעלענא. פארוואס נישט?

סעריאזשא (נישט קוקענדיג). איהר ווייסט אליין פאר־וואס.

יעלענא (לאכט). נו, גוט. לאמיר זאגען, אז איך ווייס... אבער דאס איז נאך נישט קיין אורזאך, אז מיר זאלען זיך קריעגען, סעריאזשא.

סעריאזשא. איך קריעג מיך גארנישט, אבער עס איז מיר שווער.

יעלענא. מאכט נאר נישט דערפון קיין טראגעדיע. קוקט פרעהליכער אויפ'ן לעבען.

סעריאזשא. יא, אייך איז גרינג צו רעדען, אייך גלוסט זיך צו לאכען.

יעלענא. מיר גלוסט זיך גארנישט צו לאכען, פארקעהרט, איך האב רחמנות אויף אייך.

סעריאזשא (גראב). א דאנק. איך נויטיג מיך נישט אין קיין רחמנות. (ער פאררויכערט א נייעם פאפיראס און געהט אום איבער'ן צימער. יעלענא קוקט איהם נייגעריג נאך, דערנאך ציהט זי זיך לאנגזאם, פערוואָרפט די הענד הינטער'ן קאפ און ציהט זיך מיט'ן גאנצען קערפער, שמייכלענדיג זאנדערבאר און שוואך).

יעלענא. פון דער פריה אן ברעכט מיך היינט... איך האב מיך פיעלייכט פארקיהלט.... סעריאזשא....

סעריאזשא. וואס?

יעלענא. קומט אהער. וואס געהט איהר אלץ ארום? זעצט זיך דא... אט, אהער... (פארמאכט די אויגען און ציהט זיך וויעדער).

סעריאזשא (זעצט זיך ביי איהרע פיס און בעטראכט זי אינ־גאנצען מיט גנב'ישע בליקען). נו, זיץ איך... און ווייטער?

יעלענא (עפענט פארוואונדערט און שלוי די אויגען). און ווייטער — גארנישט... מוז דען אונבעדינגט עפעס זיין ווייטער?

סעריאזשא (בעמיהט זיך צו זיין פרעך). איך מיין.

יעלענא. וואס־זשע ווילט איהר? נו, דערצעהלט מיר וואס איהר האט געטהון די גאנצע צייט... ווי געהען אייערע בעשעפטי־גונגען?

סעריאזשא. דאס איז נישט אינטערעסאנט.

יעלענא. וואס זשע דען איז אינטערעסאנט?

סעריאזשא. איהר ווייסט אליין וואס...

יעלענא. ניין, איך ווייס נישט.

סעריאזשא. איהר ווייסט.

יעלענא. נו, אויף מיין ווארט נישט... זאגט, וועל איך וויסען.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. אַזעלכע זאַכען רעדט מען נישט.

י ע ל ע נ אַ. הייסט עס, אַז מען דאַרף זיך מיט דער זאַך שעהמען? נו, עס מאַכט נישט אויס, רעדט. איהר וועט נישט זאָגען? וועל איך עס קיינמאָל נישט וויסען. (זיפצט טעאַטראַליש). אַ שאַד...

ס ע ר י אָ ז ש אַ (מיט אָנשטרענגונג). וואָס וויל מען אין אַל־געמיין פון אַ פרוי?

י ע ל ע נ אַ (קוים שמייכלענדיג). נו, וואָס וויל מען פון אַ פרוי?

ס ע ר י אָ ז ש אַ (שטעהט אויף, מיט כעס). איינפאַך, איהר שפּיעלט מיט מיר אַזוי ווי אַ קאַץ.

י ע ל ע נ אַ. בין איך דען עהנליך צו אַ קאַץ?

ס ע ר י אָ ז ש אַ (בייז). אַזוי ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

י ע ל ע נ אַ. דאָס איז גוט. איך האָב זעהר ליעב קעץ. זיי זיינען אַזוי גראַציעז. זיצט.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איך וויל נישט.

י ע ל ע נ אַ. און איך זאָג אייך, זיצט. פאַרוואָס פאָלגט איהר נישט?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. נו, זיץ איך.

י ע ל ע נ אַ. און ווייסט איהר, סעריאָזשאַ, וואָס איך וועל אייך זאָגען?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. וואָס?

י ע ל ע נ אַ. איהר זענט שרעקליך לעכערליך... נו, זיצט, זיצט... איך שפּאַס דאָס... איך מאַך וויצען...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. מיר קריכען נישט איצט קיין וויצען אין קאָפּ, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

י ע ל ע נ אַ. נו, גוט. איך וועל זיין ערנסט, שרעקליך ערנסט. און ווי מיינט איהר, סעריאָזשאַ, קען איך זיין ערנסט?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. פון וואַנען זאָל איך וויסען?

י ע ל ע נ אַ. נו, זאָגט, שלעכטער. געהט אַהער.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. וואוהין?

יעלענא. אהער נעהנטער, און איצט, זאָגט מיר: הייסט עס, איך געפעהל אייך אַלס אַ פרוי... זעהר?

סעדיאָזשא. זעהר.

יעלענא. און איהר וואָלט געוואָלט, אז איך זאָל אייך אַ קוש טהון?

סעריאָזשא (דורך טרערען). יאָ.

יעלענא. ליידער איז עס אונמעגליך. וואוהין? זיצט דאָך.

סעריאָזשא (געפּייניגט). מיר איז אונבעקוועם.

יעלענא. אונבעקוועם? טאָ זעצט אייך בעקוועמער. אָט אַזוי... (הויבט זיך שנעל אויף, לאָזט אַראָב די פיס און זעצט זיך גלייך מיט איהם. זי דריקט זיך צו צו'ן איהם און בעטראַכט איהם מיט זוי־טיגע בליקען). און איצט איז גוט?

סעריאָזשא. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ...

יעלענא. אַזוי אויך נישט גוט? נו, איך ווייס שוין אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז בעסער.

סעריאָזשא (מיט פאַרצווייפעלטער בעשלאָסענהייט). אָט אַזוי... (נעמט זי אומגעלומפּערט אָן פאַר דער טאַליע).

יעלענא. אהא, ניין. אַזוי וועט שוין זיין צו גוט. (ער כאַפּט שנעל אַוועק די האַנד, זי מאַכט זיך בעליידיגט). דאָס האָב איך פון אייך נישט ערוואַרטעט, סעריאָזשאַ, דאָס איז געמיין.

סעריאָזשא (פאַלשטענדיג נידערגעשלאָגען). פאַרוואָס זשע פּייניגט איהר מיך?

יעלענא. פּייניג איך אייך ווירקליך? (ער שטעהט לאַנגזאַם אויף, זעצט זיך איבער און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ אויף די הענד).

סעדיאָזשא. איהר לאַכט פון מיר... (יעלענאַ קוקט אויף איהם מיט אַ גרויזאַמער נייגעריגקייט. דאַן שטעהט זי שטיל אויף, מיט אַ קאַצען־בעוועגונג זעצט זי זיך אויף דעם אָנלעהן פון זיין שטוהל און הויבט אויף די האַנד וועלענדיג איהם גלעטען איבער די האָר, אָבער אין דער מינוט געהט אַריין סערגעי פּיעטראָוויטש. יעלענאַ כאַפּט האַס־טיג אַוועק די האַנד און וויל זיך שנעל צוריקזעצען אויף דער זאָפע, אָבער זי פאַלט גלייך אויף'ן אָנלעהן פון דער זאָפע און זי גליטשט זיך אַראָב

אויפ'ן זיך אין אַן אומגעלומפּערטער פּאָזע. סערגעי פּיעטראָוויטש שטעהט אַ ווײַלע, ווי צוגעשמיעדט, דאַן דרעהט ער זיך האַסטיג אום און געהט אַרויס. פּויזע. יעלענאַ קוקט איהם פאַרלוירען נאָך. סעריאָזשאַ, נישט ווייסענדיג, וואָס צו טהון, זיצט מיט אַן אָפען מויל און קוקט אויף איהר).

יעלענא (מיט שאַנד און פערדרוס). אך... (שטעהט אויף). נאָך דאָס האָט געפעהלט, אך...

סעריאָזשא (נאַריש). אפשר זאָל איך אוועקגעהן, יעלענא ניקאָלאַיעוונאַ?

יעלענא (פאַרדריסיג). צוליעב וואָס? געבען איהם אַן אורזאַך, ער זאָל מיינען, אַז צווישען אונז איז ווירקליך פאַרגעקומען גאָט ווייסט וואָס? זיצט! (פויזע. ער זיצט און וואַגט זיך נישט צו ריהרען פונ'ם אָרט. יעלענאַ קוקט אויף דער ערד, ציהט צונויף די ברעמען און טראַכט עפּעס מיט אָנשטרענגונג, דאַן מאַכט זי אַן ענטשלאָסענע בעוועגונג און געהט אַריין צום מאַן. סעריאָזשאַ קוקט איהר לאַנג נאָך, דאַן בעוועגט ער זיך פאַרלעגען און נעמט מעכאַניש אַרויס זיין ציגאַרענטאַש. הינטער די קוליסען הערען זיך דומפּפע שטימען. יעלענאַ גיט עפּעס א שאַרפען געשריי. סעריאָזשאַ גיט אַ ציטער, דרעהט צונויף דעם פּאַפּיראָס און רוקט איהם צוריק אַריין אין קעשענע. יעלענאַ געהט אַריין בייז און ענטשלאָסען).

סעריאָזשא. נו, וואָס?

יעלענא (גלייך זי וואָלט זיך ערשט דערמאָנט אָן איהם, בלייבט שטעהן און קוקט איהם לאַנג אָן. איהר פּנים נעמט אָן אַן אויסדרוק פון בייזקייט, פעראַכטונג און עקעל). וואו — וואָס?

סעריאָזשא (שרעקענדיג). וואָס זאָגט סערגעי פּיעטראָוויטש?

יעלענא (בייז). סערגעי פּיעטראָוויטש? ווען איהר זאָלט ווייסען, ווי דאָס אַלץ האָט מיר דערעסען...

סעריאָזשא. יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

יעלענא. וואָס, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ? נו, וואָס? רעדט זשע, נו? וואָס דאַרפט איהר פון מיר?

ס ע ר י אָ ז ש אַ (שטעהט אויף בעליידיגט). איך דארף נאָר נישט. איך האָב געמיינט...

י ע ל ע נ אַ (לאַכט גיפטיג). אָה, יאָ, איהר ליעבט מיך... פאַר־ליעבט... זאָגט מיר, איך בעט אייך, איך דארף זעהר נויטיג אייער ליעבע... איהר זענט נאָך אַ יונגעל. נישט וועגען ליעבע, נאָר וועגען לעקציעס דארפט איהר נאָך טראַכטען.

ס ע ר י אָ ז ש אַ (ווילד ערשטוינט, נישט דערקענענדיג זי). יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ...

י ע ל ע נ אַ (עטוואָס קומענדיג צו זיך). אָך, איך האָב נישט איצט דעם קאָפּ צו'ן אייך... (דרעהט זיך שנעל אום און געהט ווידער אַרוים).

(סעריאָזשאַ קוקט איהר נאָך פארלעגען און ציהט זיך מעכאַניש אָב דאָס רעקיל. דאַן פּלוצלונג, גלייך ער וואָלט אַלץ פערשטאַנען, רייסט ער זיך אויף פון אָרט, כאַפּט פון קלאַוויר זיין היטעל און לויפט צו דער טהיר, אָבער אין דער טהיר שלאָגט ער זיך אָן מיט קלאַוודיאַ מיכאַי־לאָוונאַ.)

ק ל אַ ו ו ד י אַ. סעריאָזשאַ? אָט, אַ בעגעגניש... וואוהין לויפט איהר? וואו איז לענאַ?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איך ווייס נישט. דאָרט.

ק ל אַ ו ו ד י אַ. וואו דאָרט? וואָס איז מיט אייך? וואָס זעהט איהר עפּעס אוים אַזוי אומגעלומפּערט?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. אַזוי. אַדיע!

ק ל אַ ו ו ד י אַ. ווי? איהר לויפט שוין? איך לאָז אייך נישט. זיצט נאָר מיט מיר. מיר האָבען זיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזעהן. פרעהט אייך גאָרנישט מיך צו זעהן?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. שרעקליך...

ק ל אַ ו ו ד י אַ. נו גוט. זעצט אייך. (נעמט איהם אַראָב דאָס היטעל און זעצט איהם מיט געוואַלד אַנידער נעבען זיך אויף דער זאָפע). איהר האָט זיך פּאָפּראַוועט, סעריאָזשאַ. איהר זעהט איצט אוים אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער מאַנספערשוין... נו, ווי האַלטען אייערע געשעפטען מיט לענאַ'ן?

סעריאָזשאַ (גיט זיך אַ ריס). זאָגט מיר, קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, זענען אַלע פרויען אַזוי ווי איהר און יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

קלאַוודיאַ. דאָס הייסט... ע... וואָס פאַר אַ פרויען מיינט איהר? שוין לאַנג איז עס ווי איהר האָט אָנגעהויבען צו פאַרגלייכען מיך מיט לענאַ'ן? לענאַ איז דאָך „אַן אונגעוועהנליכע" פרוי...

סעריאָזשאַ (דומפּף). כאָטש איהר אַמוועניגסטענס לאַכט נישט פון מיר...

קלאַוודיאַ (קוקט איהם אָן אויפמערקזאַם און נעמט פּלוצלונג צאַרט און פריינדליך איהם אַרום פאַר דער פּלייצע). סעריאָזשאַ, וואָס איז געשעהן? לענאַ האָט אייך מיט עפּעס באַליידיגט?

סעריאָזשאַ. עס איז גאָרנישט געשעהן און קיינער האָט מיך נישט באַליידיגט, נאָר... איך האָב מיך אַליין באַליידיגט... לאָזט מיך...

קלאַוודיאַ (האַלט איהם אָב). שטעהט. רעגט זיך נישט אויף. איך פאַרשטעה, אָרעם יונגעל... איך האָב אייך געזאָגט, אַז לענאַ איז אַזאַ פּוסטע ווי מיר אַלע. אַזעלכע ענטוישונגען זענען שטענדיג פאַראַן אין אייערע יאָהרען. איך פאַרשטעה, אַז דאָס פּייניגט אייך... אָבער מען דאַרף זיין אַ מאַן.

יעלענאַ (קומט אַריין מיט אַ בערוהיגט און צופריעדען פּנים). אָה, בלאָנדע... וואָס האָט איהר זיך דאָ אַזוי צוצערטעלט?

קלאַוודיאַ. פאַרוואָס האָסטו סעריאָזשאַ'ן באַליידיגט?

יעלענאַ. איך האָב אייך באַליידיגט, סעריאָזשאַ? נו, נאַרישקייטען... (סעריאָזשאַ מיידט אויס צו קוקען אויף איהר, שטעהט אויף און נעמט זיין היטעל). איהר געהט אַוועק? פאַרוואָס? הערט אויף, סעריאָזשאַ. איך בין דאָך נישט שולדיג וואָס עס איז אַזוי אַרויסגעקומען.

קלאַוודיאַ. וואָס איז געשעהן?

יעלענאַ. גאָרנישט. דומהייטען. מיר וועלען זיך איבערבעטען, סעריאָזשאַ.

סערי‌אָזשאַ. איך האָב מיך מיט אייך נישט געקריגט... נאָר איך האָב אצינד פארשטאַנען, ווי נאַריש און לעכערליך איך בין געווען. אַדיע!

יעלענאַ. אָבער דאָס איז דאָך נאַריש, סעריאָזשאַ.

סעריאָזשאַ. קען זיין... אַדיע, קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ.

יעלענאַ (קאַלט און פערעכטליך). נו, ווי איהר ווילט. איך וועל נישט וואַגען אייך צו פאַרהאַלטען.

קלאַוודיאַ. וואַרט, סעריאָזשאַ, איך געה מיט אייך.

סעריאָזשאַ. ביטע.

יעלענאַ (מיט חוזק). וואָס האָט איהר זיך עפּעס פּלוצלונג אַזוי ביידע צוזאַמענגענומען?

קלאַוודיאַ. דו האָסט איהם באַליידיגט, דאַרף איך דאָך איהם, אַלס אַ גוטע פריינדין, טרייסטען.

יעלענאַ. נו, איך ווינש דיר ערפאָלג. (לאַכט).

(סעריאָזשאַ גיט האַסטיג אַ קוק אויף איהר, דרעהט זיך אום און געהט. קלאַוודיאַ קושט זיך מיט יעלענאַ'ן, לאַכט און געהט נאָך איהם. יעלענאַ שמייכעלט בייז, בעגלייט זיי מיט די אויגען און ציהט מיט די פּלייצעס, דאַן געהט זי צום קלאַוויר, זעצט זיך און נעמט אַן אַקאָרד. סערגעי פּיעטראָוויטש קומט אַריין.)

סערגעי. דו ביזט אַליין? און וואו איז סעריאָזשאַ?

(זי בלעטערט, שווייגענדיג, נאָטען און פאַנגט אַן צו שפּיעלען אַ לעבעדיגע מעלאָדיע. ער ציהט מיט די פּלייצעס און געהט אום איבער'ן צימער אויפגערעגט. דערנאָך געהט ער צו צו'ן איהר אונענטשלאָסען און קושט זי אין האַלז.) נו, זיי נישט בייז, לענאַטשקאַ... (זי שפּיעלט ווייטער) לענאַ... (ער האַלט אָב איהר האַנד אויף די קלאַווישען. זי שווייגט און קוקט אין די נאָטען אַריין, ווי אַ שטיין). אָבער דאָס איז דאָך נאַריש לענאַ. דו ביזט אַליין שולדיג און דו ביזט נאָך בייז... אַ מאָדנע זאַך. נו, הער דאָך אויף... עס פּאַסט דיר גאָרנישט בייז צו זיין... נו, גיב אַ קוק אויף מיר. (ער שטרענגט זיך אָן צו זיין פרעהליך).

יעלענאַ. לאָז מיך צורוה.

ס ע ר ג ע י. נו, גענוג דיר. דאָס איז לאַנגווײליג.

י ע ל ע נ אַ. לאַנגווײליג? און מיר איז גאָרנישט לאַנגווײליג, ווען דו מאַכסט מיר אויף שריט און טריט געמײנהייטען?

ס ע ר ג ע י. גאָט איז מיט דיר. וואָסערע געמײנהייטען מאַך איך דיר?

י ע ל ע נ אַ. געווים, געמײנהייטען... דו פאַרדעכטיגסט מיך אָהן אויפהער. ווילסט מיך כאַפּען. שטעלסט מיך אין אַן אונ־אַנגענעהמער לאַגע פאַר אַ יונגעל. דו לאָזסט מיך נישט לעבען מיט דיין נאַרישער אייפערזוכט. איך קען נישט לענגער. (וויינט).

ס ע ר ג ע י. אָבער דו מוזט דאָך אַליין צוגעבען, אַז דאָס איז געווען זאָנדערבאַר. פאַרוואָס זשע האָסטו דיך אַזוי פאַרלוירען, ווען איך בין אַריינגעקומען?

י ע ל ע נ אַ. נו יאָ, געווים... איך בין דיר פאַלש געווען. האָב מיך געקושט, איך האָב מיך איהם איבערגעגעבען... אָט דאָ, ביי דער טהיר...

ס ע ר ג ע י. איך זאָג דאָס נישט. אָבער פאַרוואָס ביזטו אַזוי אָבגעשפּרונגען פון איהם?

י ע ל ע נ אַ. איך בין אין ערגעץ נישט געשפּרונגען. דו האָסט מיך איינפאַך דערשראָקען... דו ווייסט דאָך, ווי מיינע נער־ווען זענען צורודערט... ווען דו האָסט אָבגעשפּיעלט די נאַרישע סצענע איז אונז געווים ביידען געוואָרען אונאַנגענעהם... וואונ־דערליך שאַרפזיניג... דוכט זיך, אַז דיר ווילט זיך שטאַרק, אַז דאָס יונגעל זאָל ווירקליך מיינען, אַז דו ביזט אויף איהם אייפערזיכטיג...

ס ע ר ג ע י. נו, גוט. איך בין שולדיג. מיר האָט זיך אויס־געוויזען. נו, גענוג, גענוג... גיב אַ שמייכעל, לאַך, נו לאַך... (ער שטויסט זי שטיפעריש).

י ע ל ע נ אַ (בערוהיגט זיך ביסלעכווייז, דאַן שמייכעלט זי און שטויסט איהם אָב שפּאַסענדיג). הער אויף. איך וועל אין כעס ווערען. דו האָסט מיר די פריזור קאַליע געמאַכט.

ס ע ר ג ע י. אָט אַזוי, קום, לאָמיר זיך בעסער זעצען אויף דער זאָפע... (ער הויבט זי אויף און פיהרט זי צו דער זאָפע).

יעלענא (מיט א קינדיש בעליידיגטער שטימע). און דאך האסטו מיך באליידיגט, און דערפאר דארפסטו ביי מיר ערשטענס בעטען פארצייהונג און צווייטענס, מיר קויפען א נייעם הוט...

סערגעי. אט האסטו דיר. אן אונערווארטעטער סוף.

יעלענא. דו האסט דאך מיך באליידיגט, דו דארפסט דאך דיר מיט וואס עס איז אויסקויפען דיין שולד...

סערגעי. נו, גוט. זאל זיין ווי דו ווילסט. (יעלענא זעצט זיך ווידער אוועק מיט די פיס אויף דער זאפע און ארדענט זיך איין, ווי א קאץ הינטער זיין פלייצע. סערגעי נעמט מעכאניש א בוך און בלעטערט עס). איך האב היינט דעם גאנצען מארגען געשריבען, איך בין מיעד. עס קומט גארנישט ארויס. וואונדערליך. אמאל פלעגט זיך ארבייטען אזוי לייכט און איינפאך און איצט מיט יעדען יאהר ווערט עס שווערער און שווערער... הפנים, איך ווער אלט. איבריגענס, פון די אלע מיספערשטענדנישען, וועלכע קומען פאר צווישען אונז די לעצטע צייט איז ביי מיר שוין דער קאפ נישט אין ארדנונג.

יעלענא. פארוואס זשע מאכסטו א דראמע פון יעדער איינציגער נארישקייט?

סערגעי. דאס זענען נישט קיין נארישקייטען, לענא. (פון בוך פאלט ארויס א בריעף). וואס איז דאס?

יעלענא. וואו — וואס? (זי קוקט אפויער פון זיינע פלייצעס, פארענדערט זיך און כאפט איהם פלוצלונג ארויס דעם בריעף).

סערגעי. פון וועמען איז דער בריעף?

יעלענא. וואס איז דאס דיין זאך? געווים... פון א ליעבהאבער...

סערגעי. גיב אהער.

יעלענא. איך וועל נישט געבען. ווי וואגסטו צו לעזען פרעמדע בריעף?

סערגעי. אויב דו וועסט נישט ווייזען...

יעלענא (שרעקענדיג). נו, נעם, נעם... ער האט זיך שוין אנגעצונדען. אזש ווים געווארען פאר בייזקייט...

סערגעי (לעזט דעם בריעף, גלייך ער וואלט געוועזן פאר־שטאנען). ווער איז דאס דיין „ד“?

יעלענא. עס איז אזוי. איך וועל דיר באלד אלץ ער־קלערען. דו בייזער דיך נאר נישט. זעהסטו... דאס איז פון סניאז... פון יענעם... געדענקסט... אין קיסלעוואדסק...

סערגעי. טא פארוואס עפעס אויף „דו“?

יעלענא. נו, שוין ווייעדער. אך, גאט, ווי דאס אלץ האט מיר דערעסען. איך וועל פון זינען אראב פון דיין ווילדער אייפער־זוכט. פארשטעהסטו דאס נישט? אן איינפאכע ליעבעס־ער־קלערונג. איך האב דאך דיר געזאגט, אז דער אידיאט האט זיך אין מיר פארליעבט...

סערגעי. אבער פארוואס „דיין“?

יעלענא. דאס פרעג שוין איהם. מסתמא געפעלט איהם אזוי. פאטעטישער פאטאס. דו ווער נאר נישט ווילד, איך בעט דיך. איך האב איהם סיי ווי סיי נישט געענטפערט. ער שרייבט, דער אידיאט. נו, שרייבט ער...

סערגעי. הייסט עס, אז דאס איז שוין נישט דער ערשטער בריעף?

יעלענא. ניין. ער האט עטליכע מאל געשריבען. אלץ אין דעם זעלבען גייסט. שרעקליך נאריש...

סערגעי (מיט אן אוננאטירליכער רוהיגקייט). ווייז מיר די בריעף.

יעלענא. איך האב זיי צוריסען.

סערגעי. פארוואס? אויב עס איז אין זיי גארנישט דא פארוואס זשע האסטו זיי צוריסען?

יעלענא. צו וואס דארף איך זיי? איבערגעלעזען און צו־ריסען... א קלייניגקייט... א טהייערע זאך...

סערגעי. און דאס?

יעלענא. איינפאך פארגעסען... איך האב עס אריינגע־לעגט אין בוך און פארגעסען. דערפון קענסטו טאקע זעהן וויפיעל בעדייטונג איך גיב צו דער זאך. און דערביי איז עס מיר אליין

אויף אונאַנגענעהם... איך האָב איהם שוין געבעטען ער זאָל מיך צורוה לאָזען און ער טשעפּעט זיך אַלץ...

ס ע ר ג ע י. וואָס הייסט, דו האָסט געבעטען? האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט נישט געענטפערט אויף זיינע בריעף.

י ע ל ע נ אַ. געוויס האָב איך נישט געענטפערט... איך האָב איהם פּראָסט טעלעפאָנירט און געזאָגט...

ס ע ר ג ע י. ווי? איז ער דען דאָ אין כאַרקאָוו?

י ע ל ע נ אַ. נו, יאָ. וואָס האָסטו דיך אַזוי צוקאָכט? ער האָט דאָך דיר אַליין געזאָגט, אַז ער האָט דאָ געשעפטען.

ס ע ר ג ע י. און דו האָסט דיך מיט איהם געזעהן?

י ע ל ע נ אַ. ניין. איך האָב מיך גאַנץ צופעליג געטראָפען מיט איהם אויף דער גאַס.

ס ע ר ג ע י. נישט געזעהן זיך. גאַנץ צופעליג געטראָפען... פאַרוואָס זאָגסטו ליגענד, לענאַ? (שטעהט אויף אויסער זיך).

י ע ל ע נ אַ. געוויס, צופעליג. איך האָב זאָגאַר נישט געוואוסט, אַז ער איז דאָ. און דערביי בין איך געווען נישט אַליין, נאָר מיט דער בלאָנדער...

ס ע ר ג ע י. לייגסט... אָה, ווי דאָס אַלץ איז עקעלדיג... צו וואָס די ליגענד? צו וואָס די דריידלעך?

י ע ל ע נ אַ. קען איך דען מיט דיר רעדען אָפענהערציג, ווען דו מאַכסט שטענדיג פון אַ פליעג אַן עלעפאַנט? דאָ איז קיין זאַך נישט געוועזען... ער האָט מיך זאָגאַר געבעטען איך זאָל איהם ערלויבען צו קומען צו'ן אונז, נאָר איך אַליין האָב נישט געוואָלט.

ס ע ר ג ע י. אויב צווישען אייך איז גאָרנישט געוועזען, טאָ פאַרוואָס זשע האָסטו נישט געוואָלט?

י ע ל ע נ אַ. צו וואָס? וואָלט דיר דען געווען אַנגענעהם איהם צו זעהן, ווען דו ווייסט, אַז ער קריכט מיר נאָך... דו ווייסט דאָך, דער אידיאָט איז געקומען צופאָהרען נאָר צוליעב מיר...

ס ע ר ג ע י. און דאָס געפעלט דיר זעהר?

י ע ל ע נ אַ. מאָדנע... מיט וואָס קען דאָס מיר געפעלען? דו מיינסט, אַז פאַר מיר איז דאָס אַזאַ נייעס? מיר זענען שטענדיג

נאָכגעלאָפּען אזוי פיעל מענער, אַז איך בין שוין צו דעם צוגע־וואוינט... און נעם דיר אין זינען אריין איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז אויב איך וואָלט ווירקליך אימעצען ליעב בעקומען, וואָלט איך נישט אָנגעהויבען לייקענען און אָבנארען, נאָר איך וואָלט איינפאַך געקומען און דיר געזאָגט... צי זענען מיר דען פארבונדען? דערביי... ער וועט אין גיכען אוועקפאָהרען, זעהען זיך מיט איהם וועל איך נישט און אַלץ וועט זיך ענדיגען. איך ליעב דיך און מעהר דאַרף איך קיינעם נישט...

ס ע ר ג ע י. ווירקליך? (מיט קראַפט, כמעט מיט פארצווייפלונג). איך גלויב דיר שוין נישט, לענאַ... פאַרוואָס איז דאָס? וואָס האָסטו געמאַכט פון אונזער ליעבע? (דרעהט זיך האַסטיג אום און געהט אַרויס).

י ע ל ע נ אַ (בלייבט אויף דער זאַפע, קוקט איהם נאָך, דאַן רייסט זי האַסטיג דעם בריעף אין פיצלעך).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פערטער אקט.

(סערגעי פיעטראָוויטש'ס קאַבינעט. רעכטס — אַ גרויסער שפּיגעל איבער אַ זעהר נידריגען קאַמין, דערנאָך אַ טהיר און כמעט אין ווינקעל אַ שרייבטיש; דאַן אַן ארבייטס-שטוהל און אַ טהיר אין פּאָדערצימער. דאָס צווייטע ווינקעל איז פארנומען מיט א שווערער לעדערנער קאַנאַפּע און צוויי שווערע קרעסלעס ביי די זייטען. לינקס — אַ טהיר אין יעלענאַ'ס צימער. סאָניאַ זיצט אָנגעטהון אין גאַס-קליידער אין אַ ווינקעל אויף דער קאַנאַפּע, נאָהענט פון דער איינגאַנגס-טהיר. יעלענאַ אָנגעטהון זעהר געפּוצט, ווי צו געהן אין גאַס אריין, זיצט אין צווייטען ווינקעל. אַנדרעי איוואַנאָוויטש געהט אום איבער'ן צימער).

יעלענא. ווי אזוי זשע איז דאָס געשעהן? סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש האָט זיי געטראָפען צוזאַמען, וואָס?

אנדרעי. ווייזט אויס אזוי. זי האָט זיך דאָך קיינמאָל נישט זשענירט און געטהון אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט, שיער נישט אויף איהר מאַנ'ס ליסינע. איך האָב איהם נעכטען געטראָפען: ער איז געוואָרען אַלט, איינגעבויגען און זאַנאַר גראָה געוואָרען. דאָס האָט איהם אַ שרעקליכען קלאַפּ געטהון. דאָס הייסט אַ פּארשאָל-טענע באַבע... און וואָס האָט זי געפונען אין דעם יונגעל?...

יעלענא. נו, פּאַלאַזשעם! סעריאָזשאַ איז זעהר אַנ'אינ-טערעסאַנט יונגעל.

אנדרעי. איך ווייס נישט מיט וואָס ער איז אזוי אינטע-רעסאַנט פון פרויען-שטאַנדפּונקט. אָבער יעדענפאַלס איז די גאַנצע געשיכטע נענוג עקעלהאַפט. אַנ'אויסגעלאַסענע באַבע און ווייטער גאָרנישט. און גאָט ווייסט מיט וועמען זי האָט נישט געהאַט קיין נעמיינע בעציהונגען.

י ע ל ע נ א. איך וויל אויך די בלאָנדע נישט פאַרענטפערען. זי האָט זיך שטענדיג העסליך אויפגעפיהרט. איך מיין נאַר, אז מען דאַרף דאָך אריינגעהן אין איהר לאַגע: דאָס גאַנצע לעבען, אייביג צו לעבען מיט אזא אונאינטערעסאַנטען, געמיינעם, נאַרישען מענ־שען, ווי סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש — דאָס איז דאָך שרעקליך.

א נ ד ר ע י. אָך, לאָזט צורוה, איך בעט אייך. וואָס הייסט א נאַר, א געמיינער מענש? און וואָס איז אזוינס די בלאָנדע אליין? א קליינינקייט אזא בריה, אַנ׳אָריגינעלע פרוי.

י ע ל ע נ א. די בלאָנדע איז אמוועניגסטענס יונג און שעהן.

א נ ד ר ע י. וועניג פּראָסטיטוטקעס זענען פאַרהאַן יונגע און שעהנע?

י ע ל ע נ א. ווי קומען דאָ אהער פּראָסטיטוטקעס? די בלאָנדע איז יונג: איהר ווילט זיך לעבען און ליעבען.

א נ ד ר ע י. א שעהנע ליעבע. נישטאָ וואָס צו רעדען.

י ע ל ע נ א (נישט הערענדיג). קען מען דען ליעבען אזא מענש, ווי סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש? ער איז זיכער זעהר א ליעבער און א גוטער מענש, אָבער דאָס איז וועניג.

א נ ד ר ע י (בייזהאַרציג). הייסט עס, מען קען זיך זיין אן אויסגעצייכענטער מענש פאַרמאָגען א געניאַלען פאַרשטאַנד און א וואונדערשעהנע נשמה, נאַר אויב מען האָט נישט דערביי אן אנגענעהמע אויסערליכקייט, שפּייט די פרוי אויף דעם פאַרשטאַנד און אויף דער נשמה.

י ע ל ע נ א (ווערט אויפגערעגט). זאָגט מיר, איך בעט אייך, און ביי אייך איז נישט דאָס זעלבע? איהר האָט נאַר ליעב צו רעדען שעהנע ווערטער וועגען ליעבע, אייביגקייט און גייסטיגער נאָהנטקייט. און ווען אייער געליעבטע איז אלט געוואָרען און האָט אויפגעהערט צו ערוועקען אין אייך די ליידענשאַפט, וואַרפט איהר זי אוועק צוליעב דעם ערשטען בעסטען מיידעל, וואָס קומט אייך אונטער, נאַר דערפאַר ווייל דעם נייעם מיידעל׳ס קערפּער איז פרישער.

א נ ד ר ע י. קען זיין, אָבער א מאַן מאַכט כאָטש נישט דער־

פון דעם ציעל פון זיין לעבען, און די פרוי לעבט נאָר מיט דעם אליין....

י ע ל ע נ אַ. אויב די פרוי איז אזוי נישטיג טאָ צו וואָס טשעפּעט איהר זיך צו איהר? הייסט עס, אז איהר דאַרפט נאָר איהר קערפּער... איהר בעהאַנדעלט די פרוי אזוי ווי די געמיינסטע, און עס איז געווען אַז אַ שעהנע פרוי זאָל אייך בלויז מיט אַ פינגער פאַרנאַרען, דאַן פאַרגעסט איהר אייער גאַנצע פאַראַכטונג און קריכט איהר נאָך אויף אַלע פיער... פאַר וואָס זשע ליעבט איהר אזוי אָט די געמיינהייט, פאַרוואָס זענט איהר אייפערזיכטיג, פאַרוואָס געהט איהר אַראָב פון זינען נאָך איהר?

אַ נ ד ר ע י. יאָ. צום בעדויערען איז די געפיהלס־מאַכט פון דער פרוי איבער דעם מאַן זעהר אַ גרויסע, אָבער די פרוי וויל דאָך נאָר דאָס אליין און מעהר גאָרנישט. איהר איז אבסאָלוט געגוג די מאַכט פון קערפּער, ווייל דער קערפּער איז פאַר איהר אַלץ. נו, זענען מיר שולדיג? לעגט דען נישט די פרוי צו אַלע איהרע קרעפ־טען פון פאַרשטאַנד און גייסט, נאָר דערצו צו ערוועקען אין דעם מאַן זיין ליידענשאַפט? מען זאָגט, אז ווען אַ פרוי געהט זיך צונויף מיט אַ מאַן גיט זי זיך איהם איבער. נישט זי גיט זיך איבער, נאָר זי פאַנגט איהם... נו, זאָגט מיט אַ ריין געוויסען, צו וואָס דען איז דאָס שטילע פאַרנאַרען, די אַלע נעט־אָבגעצווינגענע קליידער. די אַלע דעקאָלטעס, די דורכזיכטיגע זאָקען און דאָס איבעריגע דאָרט? די פרוי רעדט מיט איהר גאַנצען אויסזעהן: אָך, ווי שעהן איך בין... וואָס פאַר פאַרגעניגענס איך קען געבען... גיט נאָר אַ קוק אויף דעם שטיקעלע קערפּער, וואָס איך צייג אייך מיט דעם קליינינקען, נעטען, געהיימניספולען דעקאָלטע... און ווען איהר זאָלט וויסען ווי איך זעה אויס אינגאַנצען...

י ע ל ע נ אַ. איהר רעדט געמיינהייטען און ווייטער גאָר־נישט. עס עקעלט.

אַ נ ד ר ע י. עס עקעלט? און אַרויסצושטעלען זיך יעדער איינער זאָל אייך אָנקוקען, אזוי ווי מען שטעלט אַרויס סחורה אין אַ שויפענסטער — דאָס עקעלט נישט?

י ע ל ע נ א. ווער זשע שטעלט זיך ארויס, פראסטיטוטקעס?

א נ ד ר ע י. אך, יעלענא ניקאלאיעוונא, וואסערע פראסטי־טוטקעס? דאס טהוען אלע פרויען: אנפאנגענדיג מיט דער הער־צאגין און ענדיגענדיג מיט דעם איינפאכסטען פויערן־מיידעל. גיט א קוק אין שפיגעל...

י ע ל ע נ א (גיט זיך ווירקליך מעכאניש א קוק אום אין שפיגעל). נו, ווייסט איהר, איהר הויבט שוין אן צו רעדען גראבהייטען.

א נ ד ר ע י (כאפט זיך). פארוואס גראבהייטען? איינפאך, מיר דיסקוטירען...

י ע ל ע נ א. איך וויל מיט אייך נישט דיסקוטירען. איהר רעדט געמיינהייטען, נארישקייטען. בלייבט אייך ביי אייער ליע־בער איבערצייגונג, אז אלע פרויען זענען פראסטיטוטקעס... אייך איז דאך ערגער. לויט מיין מיינונג האט אייך עפעס א פרוי גוט באליידיגט, נו, בייזערט איהר זיך. נו, איך האב קיין צייט נישט. איהר געהט, סאניא?

ס א נ י א. יא, איך געה.

(יעלענא געהט צו צום שפיגעל און פאררוכט זיך די פריזור).

א נ ד ר ע י. און איהר, סאניא, זענט מיט מיר אויך נישט איינפערשטאנדען?

ס א נ י א. אין וואס? (שטיל) ניין. איך בין יא איינפער־שטאנדען.

(יעלענא קוקט איראניש אויף סאניא'ן, נעמט פון טיש איהר הוט און טהוט איהם אן פאר'ן שפיגעל).

א נ ד ר ע י. א שאד, וואס איהר געהט אוועק, יעלענא ניקא־לאיעוונא. איך בין צו אייך עקסטרא אריינגעקומען, ווען סערגעי איז אין דערהיים נישטא.

י ע ל ע נ א (מיט חוזק). מיינט איהר נישט אמאל צו ער־קלערען זיך מיר אין ליעבע? (לאכט) דאס וואלט געווען זעהר אויפ'ן ארט נאך אונזער געשפרעך. דאס וואלט מיך זעהר געפרעהט.

א נ ד ר ע י. אה, ניין. אין דער הינזיכט קענט איהר זיין פאלשטענדיג רוהיג.

יעלענא (קאקעטיש). נו, זידעלט זיך נישט.

אנדרעי. איך האב פשוט בעדארפט מיט אייך עפעס רעדען.

יעלענא. אן אנדערש מאל. איך דארף איצט געהן.

אנדרעי. וואוהין?

יעלענא. און וואס איז דאס אייער זאך?

אנדרעי. אזוי. אינטערעסאנט.

יעלענא (גיט שנעל א קוק אויף איהם און דרעהט זיך באלד אוים). פון ווען אן האט איהר עס אנגעהויבען זיך מיט מיר צו אינטערעסירען? אך, פארגעסט נאר נישט, אנדרעי איוואנאוויטש, אז איהר זענט סערגעי'ס א פריינד.

אנדרעי. טאקע דערפאר, ווייל איך בין סערגעי'ס א פריינד האב איך געוואלט מיט אייך רעדען.

יעלענא (שטעלט זיך אב א סעקונדע און שטעקט אריין א לאנגע שפילקע ביז אין דער העלפט אין איהר הוט). איך שטוים מיך שוין אן אין וואס עס באשטעהט דער סעקרעט. אבער ערשטענס איז דאס נישט אייער זאך, און צווייטענס, וואס פאר א רעכט האט איהר זיך אריינצומישען? (שטעקט אריין די שפילקע) איך בין קיינעם נישט פארפליכטעט אבצוגעבען א רעכנונג.

אנדרעי. איהר האט אליין געזאגט, אז איך בין סערגעי'ס א פריינד.

יעלענא (באליידיגט). צי פריינדשאפט פארפליכטעט אייך צו זיין א שפיאן?

אנדרעי. קען זיין.

יעלענא. דערמיט בעגרים איך אייך. נו, איך בין פאר־טיג. קומט, סאניא. (סאניא שטעהט אויף).

אנדרעי. איך האב אייך נאר געוואלט ווארענען, נאר אויב איך איז אונאנגענעהם מיך אויסצוהערען, איז ווי איהר ווילט. איך ווייס וואס איך האב צו טהון.

(יעלענא דרעהט זיך שנעל אוים צו'ן איהם און קוקט איהם אין

די אויגען אריין. אנדרעי האלט אוים איהר בליק. סאניא קוקט מיט פארוואונדערונג אויף זיי ביידע).

יעלענא. דוכט זיך, איהר סטראשעט מיך מיט עפעס?

אנדרעי. מיט וואס קען איך אייך סטראשען?

יעלענא (ציהט פערעכטליך מיט די אקסלען). איך וויים מיט וואס? פון וואנען וויים איך? קען זיין, פיליכט מיט א פריינדשאפטליכער מסירה.

אנדרעי. און איהר האט מורא איך זאל נישט מסר'ן?

יעלענא (שטאלץ). איך האב פאר קיין זאך און פאר קיינעם נישט קיין מורא. און פאר אייך געווים נישט.

אנדרעי. איז ערגער.

יעלענא. פאר וועמען?

אנדרעי (אונבעשטימט). קען זיין פאר סערגעי'יען, קען זיין פאר אייך.

(א פויזע און עס קומט פאר דער זעלבער אויגען־דועל. יעלענא'ס האנד ציטערט און הויבט זיך שיער אויף. אנדרעי לאזט נישט ווילענדיג אראב זיינע אויגען אויף איהר האנד. פלוצלונג הויבט זיך אן נערוועאש און אומנאטירלך צו לאכען).

יעלענא. מיר זענען, דוכט זיך, ביידע פון זינען אראב, אנדרעי איוואנאוויטש, וואס איז דאס, אן אנצוהערעניש? עפעס סטראשעט איהר מיך... דאס ווערט שרעקליך, אזוי ווי אין א ראמאן. הערט זיך בעסער אויף צו בלאזען און רעדען נאריש־קייטען. געהט איהר מיט אונז אדער איהר וועט ווארטען אויף סערגעי'ען?

אנדרעי. ניין. איך דארף נאך ערגעץ אריינלויפען. מעג־ליך איך וועל איהם טרעפען.

יעלענא. נו טא געהען מיר צוזאמען.

(עס קומט אריין סעריאזשא. יעלענא בלייבט שטעהן, ווי פאר־שטיינערט. סאניא זעצט זיך מעכאניש צוריק אויף איהר פריהעריג ארט. סעריאזשא שמייבעלט נאריש און פארלוירען).

יעלענא. אַט, אַן אונערוואַרטעטער גאַסט... דורך וואָס פאַר אַ צופאַל?

סעריאָזשאַ. נאָר אויף איין מינוט, איך וויל נאָר אַ פּאָר ווערטער...

יעלענא. עס געהט מיר היינט מיט אינטימע געשפּרעכען. אַן אַנדערס מאָל, סעריאָזשאַ: מיר געהען אוועק. פאַרוואָס בע־גריסט איהר אונז נישט?

סעריאָזשאַ. ענטשולדיגט. (בעגריסט זיך שנעל מיט איהר און מיט אַנדרעי'ען).

יעלענא. און מיט סאָניא'ן?

סעריאָזשאַ. אַך, איך האָב גאָרנישט באַמערקט. וואָס מאַכט איהר, סאָניעטשקאַ? ווי געהט עס אייך?

(סאָניאַ גיט איהם לאַנגזאַם די האַנד און נעמט נישט אַראָב איהרע אויפמערקזאַמע, ערנסטע אויגען).

אַנדרעי. נו, איך וועל געהן, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. צום ווידערזעהן! (מאַכט אַ שפּאַסיגע פאַרנייגונג פאַר אַלע און געהט אַרויס).

יעלענא. און ווי שפּעט איז עס איצטער?

סאָניא (קוקט אויף איהר קליין זייגערל). באַלד צוויי.

יעלענא. אַך, ווי שפּעט! קענט איהר נישט, סעריאָזשאַ, אָבלייגען אייערע „עטליכע ווערטער” ביז מאָרגען? איך האָב ווירקליך קיין צייט נישט.

סעריאָזשאַ. איהר קענט מיר געבען כאָטש פינף מינוט, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

יעלענא. אָבער איך דאַרף דאָך געהן. מאָרגען, סער־יאָזשאַ...

סעריאָזשאַ. ווי איהר ווילט. אָבער מאָרגען וועל איך אייך שוין גאָרנישט זאָגען.

יעלענא (קוקט אויף איהם אויפמערקזאַם). אַזוי גאָר... נו, וואָס זשע זאָל איך מיט אייך טהון? רעדט.

סעריאָזשאַ. איך וואָלט געוואָלט אונטער פיער אויגען.

ס אַ נ י אַ (שטעהט אויף). איך וועל וואַרטען אין אייער צימער, יעלענא ניקאָלאַיעווּנאַ.

י ע ל ע נ אַ. גוט. איבריגענס, איהר קענט געהן, סאָניא. מיר געהען דאָך סיי ווי סיי נישט איין וועג.

ס אָ נ י אַ. עס מאַכט נישט אוים. איך וועל וואַרטען. (געהט אַרויס רעכטס).

י ע ל ע נ אַ (זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע נישט אַראָבנעהמענדיג דעם הוט). נו, וואָס זשע האָט איהר מיר געוואָלט זאָגען, סער־יאָזשאַ?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איך וועל אייך זאָגען.

י ע ל ע נ אַ. וואָס זעהט איהר עפּעס אוים אַזוי מאָדנע? זענט איהר נישט קראַנק?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. ניין, איך בין געזונד. (אונזשעניערט). איך בין איינפאַך — שכור.

י ע ל ע נ אַ. סעריאָזשאַ.

ס ע ר י אָ ז ש אַ (חוצפּה'דיג). געפעלט אייך נישט, וואָס קען איך מאַכען? ווייניג זאַכען געפעלען מיר נישט.

י ע ל ע נ אַ. וואָס פאַר אַ טאָן. וואָס איז פאָרגעקומען צווי־שען אייך מיט סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש'ען?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. קיין בעזונדערעס... ער האָט מיך איינפאַך געטראָפען אין די אָרעמס פון זיין ווייב... אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך.

י ע ל ע נ אַ. סעריאָזשאַ, איך דערקען אייך נישט...

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איך דערקען מיך אַליין נישט... נאַפּליעוואַט! נישט אין דעם געהט עס.

י ע ל ע נ אַ. אָבער ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשעהן? איהר האָט שטענדיג אַזוי קרום געקוקט אויף דער בלאָנדער.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. איז דען נישט אַלצאיינס? די בלאָנדע איז די בלאָנדע. מיט וואָס איז זי ערגער פון יעדער אַנדערער?

י ע ל ע נ אַ. נו, געוויס... וואָס זשע איז דאָס ליעבע?

ס ע ר י אָ ז ש אַ. וואָס מיר דאַרט ליעבע...

י ע ל ע נ אַ. אָבער דאָס איז דאָך עקעלהאַפט, סעריאָזשאַ.

ס ע ר י אָ ז ש אַ. ניין... גאָרנישט... זי האָט זיך אַרויסגע־ וויזן פאַר זעהר פּיקאַנט... (פלוצלונג גּעפּאַלען). אַלצאַיינס, איך בין סיי ווי סיי פאַרלוירען, יעלענאַ ניקאָלאַיעווונאַ. (זעצט זיך אויף אַ שטוהל און פאַרשטעלט זיך מיט די הענד דאָס פּנים).

יעלענאַ. גו, סעריאָזשאַ, צו וואָס די טראַגעדיע? (לעגט איהם אַ האַנד אויף'ן אַקסעל). וואָס איז דאָס מיט אייך געוואָרען, סעריאָזשאַ? איהר זענט געווען אַזאַ ליעב, ריין יונגעל.

ס ע ר י אָ ז ש (דומפּף). אַלצאַיינס.

יעלענאַ. עס איז נישט אַלצאַיינס.

ס ע ר י אָ ז ש אַ (הויבט אויף דעם קאָפּ). נאַפּליעוואַט! די ריינקייט קאָסט נישט זעהר טהייער. וועט זיין מיט איין נאַר וועניגער אויף דער וועלט, דאָס איז אַלץ.

יעלענאַ (בעוועגט). וואָס ווילט איהר טהון, סעריאָזשאַ.

ס ע ר י אָ ז ש אַ (קוקט פאַר זיך אויף איין פּונקט). איך ווייס וואָס.

יעלענאַ (כאַפּט אָן זיין האַנד). סעריאָזשאַ, דומהייטען. איהר שרעקט מיך אומישנע איבער. קען מען דען דער זאַך צוגעבען אַזאַ בעדייטונג? אַלץ וועט פאַרביי, און איהר וועט ווידער זיין דער אַמאָליגער, ליעבער גוטער סעריאָזשאַ.

ס ע ר י אָ ז ש (נידערגעשלאָגען). ניין. דאָס וועט נישט פאַר־ביי. איך קען שוין נישט זיין דער אַמאָליגער. ביי מיר אין דער נשמה איז אַלץ בעשמוצט און בעשפּיגען. עס עקעלט מיך פאַר זיך אַליין. איך שעהם מיך צו קוקען אויף אייך איך שעהם מיך פאַר סאָניאַ'ן פאַר אַלע... צי דען פאַרשטעהט איך נישט ווי געמיין און שמוציג דאָס איז? זעה איך דען נישט, אז אייך עקעלט איצט פאַר מיר?

יעלענאַ. וואָס פעלט אייך איין, סעריאָזשאַ. עס הויבט מיך גאָרנישט אָן צו עקלען פאַר אייך: מיך פאַרדריסט נאָר פאַר־וואָס איהר זענט זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער בלאָנדער. דערפאַר ווייל די בלאָנדע איז נישט פאַר אַזעלכען ווי איהר. מיר איז נאָר אַ רחמנות אויף אייך.

סעריאָזשא (רייסט אַרויס זיין האנד, בייז). יאָ, איצט איז אייך אַ רחמנות. פאַרוואָס מאַכט איהר זיך אַזוי, יעלענאַ ניקאָלאַיעווּנאַ? איהר האָט קיינמאָל נישט קיין רחמנות געהאַט אויף מיר.

יעלענא. אומזיסט מיינט איהר אַזוי, סעריאָזשאַ. איך האָב מיך שטענדיג בעצויגען צו אייך גוט, אָבער איך האָב דאָך נישט געקענט...

סעריאָזשא. האָב איך דען עפּעס געפאָדערט? איך האָב אייך נאָר געליעבט און ווייטער גאָרנישט. איך ליעב דאָך אייך נאָך איצט. איך בין דאָך מיך מיט דער בלאָנדער צונויפגעגאַנגען, נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב אייך געליעבט. אויף להכעיס. איך בין געווען ווי אַ משוגע'נער... און איהר... האָט איהר דען נישט געזעהן, וואָס מיט מיר טהוט זיך? איהר האָט כסדר געלאַכט פון מיר... איז אייך ווירקליך אַזוי געפעלען מיך צו פּייניגען? וואָס האָב איך אייך געטהון? נו, גוט, איך בין אַ יונגעל... נו .זאָל דאָס זיין לעכערליך, אָבער איך האָב דאָך אייך געליעבט... פאַרוואָס האָט איהר מיך נישט מיטאמאָל פאַרטריבען פון זיך? פאַרוואָס האָט איהר געשפּיעלט מיט מיר? פאַרוואָס?

יעלענא (הילפלאָז). איך פאַרשטעה נישט, סעריאָזשאַ, אין וואָס בין איך שולדיג?

סעריאָזשא. נו, יאָ, איהר פאַרשטעהט נישט. איהר וועט קיינמאָל נישט פאַרשטעהן, דערפאַר ווייל איהר האָט קיין הארץ נישט. אייך געפעלט נאָר, ווען מענשען קריכען אייך נאָך, ווען זיי ליעבען אייך, און אַליין האָט איהר קיינמאָל אין אייער לעבען קיי־נעם אויסער זיך אַליין, נישט געליעבט. פאַר אייך איז דאָס געווען אַ שפּיעלכעל, און איך... (אונערוואַרטעט פאַלט ער אויפ'ן אַנלעהן פון שטוהל און צוואווייגט זיך).

יעלענא. סעריאָזשאַ, סעריאָזשאַ, וואָס איז מיט אייך... מען דאַרף נישט... מען קאָן דאָך נישט אַזוי, סעריאָזשאַ, נו, הערט אויף... סאָניאַ!

ס אָ נ י א (אַריינקומענדיג). וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס דאַרפט איהר מיך?

י ע ל ע נ אַ. זעהט, וואָס עס איז מיט איהם, ער איז שכור. סעריאָזשאַ, אַך וואָס פאַר אַ מענש... נו, הערט זשע אויף. סאָניא, העלפט מיר...

ס אָ נ י אַ. וואָס זאָל איך אייך העלפען?

י ע ל ע נ אַ. סעריאָזשאַ, נו, גענוג שוין... סאָניא, וואָס איז דאָס אַזוינס?

ס אָ נ י אַ. לאָזט מיך צורוה...

י ע ל ע נ ע (פאַרוואונדערט). וואָס? וואָס איז מיט אייך?

ס אָ נ י אַ. מיט מיר? גאָרנישט.

י ע ל ע נ אַ. זענט איהר פאַרריקט געוואָרען?

ס אָ נ י א (מיט פאַראכטונג). איך בין נישט פאַרריקט געוואָרען, נאָר איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, אַז איך האָס אייך, איך פאַראַכט אייך...

י ע ל ע נ אַ. סאָניאַ...

ס אָ נ י א (נישט קוקענדיג אויף איהר, געהט צו צו סעריאָזשאַ'ן און וויל איהם אויפהייבען). סעריאָזשאַ, קומט אַוועק פון דאַנען. ווי וואַגט איהר צו וויינען... איך וויל נישט, אַז איהר זאָלט זיך ערנידריגען פאַר איהר. ווייסט איהר דען נישט, אַז זי וועט דער־נאָך מיט שטאָלץ דערצעהלען, אַז איהר האָט געוויינט ביי איהרע פים? (סעריאָזשאַ הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף איהר ווילד). אין דעם ליעגט דאָך איהר גאַנצע שטאָלצקייט, איהר גאַנץ גליק... איך וועל נישט ערלויבען, אַז איהר זאָלט זיך ערנידריגען, אום זי זאָל זיך דערמיט פרעהען. (זי שלעפּט איהם ביי דער האַנד, כמעט מיט געוואַלד איהם אויפהייבענדיג פון זיין שטוהל). קומט אַוועק פון דאַנען, איהר הערט? קומט אַוועק אָדער איך וועל טהון, איך ווייס נישט וואָס... אָה, גאָט, ווי עקעלהאַפט, ווי געמיין דאָס איז. (סעריאָזשאַ קוקט אויף איהר מיט אַ קינדערשען שרעק און געהט אונ־טערטהעניג צו דער טהיר. יעלענאַ, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון, הויבט פּלוצלונג אָן אומנאַטירליך צו לאַכען. סאָניאַ בלייבט אַ סעקונדע

שטעהן ביי דער טהיר און דרעהט זיך אויך צו יעלענא׳ן). לאכט, לאכט, אייך איז גאַרנישט מעהר געבליבען (געהט אַרוים).

(יעלענאַ זיצט לאַנג אויף דער קאַנאַפּע אַ צוטומעלטע, דאַן בעהערשט זי זיך, שטעהט אויף מיט אַ בייז, צוקרומט פּנים, געהט צו צום שפּיגעל, פאַרריכט זיך דעם הוט און בעקוקט זיך אין גאַנצען. נאָך אַ מינוט שטעהט זי פאַרטראַכט, דאַן גיט זי אַ שאַרפען און פאַרעכטליכען ציה מיט די פּלייצעס און געהט שנעל אַרוים. אַ ווײַלע איז לעדיג און שטיל, דערנאָך דערהערען זיך שטימען אין פאָדערצימער. די טהיר עפענט זך. עס קומען אַריין סערגעי פּיעטראָוויטש, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש און אַנדרעי איוואַנאָוויטש).

ס ע ר ג ע י. די בעסטע זאַך, ווען איהר וועט אַ קורצע צייט וואוינען ביי מיר. דאָ וועט איהר אמווענינגסטענס נישט זיין אַליין.

ס ע מ י אָ ן. נו, מילא, איך דאַנק אייך... מיר איז אַלצאיינס.
(זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע און קראַצט זיך בעזאָרגט די ליסינע).

(אַנדרעי זעצט זיך ביים טיש און פאַררויכערט. סערגעי קוקט אַריין אין יעלענאַ׳ס צימער. ער ווערט איבערראַשט זעהענדיג, אַז זי איז נישטאָ, אָבער ער באהערשט זיך, קומט צוריק מיט אַ פרוינדליכען שמייכעל און זעצט זיך נעבען סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש׳ן).

ס ע ר ג ע י. אפשר ווילט איהר זיך אָברוהען, סעמיאָן סע־מיאָנאָוויטש. שטערט אייך נישט...

ס ע מ י אָ ן. ס׳איז מיר אַלצאיינס.

אַ נ ד ר ע י (ציהט פאַרדריסיג די אַקסלען). וואָס זאָרגסטו דיך אַזוי, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש? זי האָט נישט די ווערט אַז מען זאָל צוליעב איהר אַריינפאַלען אין אַזאַ פאַרצווייפלונג...

ס ע מ י אָ ן. איך פאַל גאָרנישט אַריין... וואָס... אַליין שול־דיג... דו מיין נאָר נישט... איך בעשולדיג נישט קלאַוואָטשקאַ׳ן.

ס ע ר ג ע י. נו, גענוג. און וואָס זענט איהר דען שולדיג?

ס ע מ י אָ ן. וואָס הייסט, אין וואָס? איהר גיט נאָר אַ קוק אויף מיר: אַלט, אַ גאָלער קאָפּ... וואָס איז דאָ אין מיר? אַ לאַנג־ווייליג באַשעפעניש, אַ גאָרנישט, סערגעי פּיעטראָוויטש. און אַ פרוי האָט אַ צאַרטע, געפיהלפולע, פּאָעטישע נשמה. נעמט די

שעהנסטע רויז, סערגעי פיעטראָוויטש, און שטעלט זי ערגעץ אוועק מיט אַ זעקעל מעהל אָהן וואַסער און אָהן לופט... די רויז וועט פאַר־וועלקען, סערגעי פיעטראָוויטש... ניין, טהייערער. מיר, פאַרשטעהט זיך, איז ביטער און ס'טהוט מיר וועה, איך האָב דאָך קלאַוואַטשקאַ'ן געליעבט; עס איז שווער אויף די עלטערע יאָהרען צו בלייבען אַליין.... ווער דאַרף מיך אַצינד? קיינער נישט... אָבער קלאַוואַ־טשקאַ'ן באַשולדיג איך נישט. זי איז יונג. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. נו, וואָס... איך שטער איהר גאָרנישט, זאָל זיין אַזוי. איך וועל שוין ווי עס איז...

אַנדרעי. וואָס זשע מיינט זי צו טהון? דער זעלבער „אינ־טערעסאַנטער" סעריאָזשאַ וועט דאָך זי מאַרגען ארויסוואַרפען... אַ פּראָסטיטוטקע וועט זי ווערען, וואָס?

סעמיאָן. וואָס רעדסטו? גאָט איז מיט דיר, אַנדרעי אי־וואַנאָוויטש. מיך באַליידיגט שוין דאָס אַפילו, ווען דו קענסט וועגען איהר אַזוי דענקען. פאַרוואָס אַ פּראָסטיטוטקע? מעגליך, אַז דער יונגער מאַן ליעבט זי ווירקליך... ס'איז דאָך אונמעגליך קלאַוואַטשקאַ'ן נישט ליעב צו האָבען. איך זאָג דיר פּראָסט, דו קענסט זי נישט, אַנדרעי איוואַנאָוויטש. און וואָס מיינסטו, איך וועל קלאַוואַטשקאַ'ן אַזוי אוועקוואַרפען, אָהן יעדער הילף? געוויס, איך בין נישט זעהר רייך, אָבער הונדערט רובעל אַ חודש איז פאַר מיר נישט אַזוי שווער... נו, און אונזער מעבעל, זי איז דאָך צוגע־וואוינט דערצו. און איך, צו וואָס דאַרף איך עס? איך וואָלט איהר אודאי געקענט געבען מעהר, אָבער זי וועט אַליין נישט נעמען. זי איז אין אַזעלכע זאַכען זעהר עדעל, אַנדרעי איוואַנאָוויטש.

אַנדרעי (מיט פּאַדרוס). אַ ברודער דו ביזט אינגאַנצען אַ נאַר.

סערגעי. אַנדרעי...

סעמיאָן. נו, יאָ. איך בין אַ נאַר און דו ביזט אַ חכם. דו ביזט דער קליגסטער מענש אויף דער וועלט אַנדרעי איוואַנאָוויטש, מען קען אַפילו זאָגען — אַן'אויסגעצייכענטער מענש, אָבער דו האָסט קיין הארץ נישט. דו זיי מיר מוחל, וואָס איך זאָג דיר דעם

אמת... (שווייגט א ווײַלע). ווי מיינט איהר, סערגעי פּיעטראָוויטש, ווען איך זאָל רעדען מיט קלאַוואָטשקאַ'ן. אפשר וועט זי זיך נאָך איבערלעגען.

אַ נ ד ר ע י (מיט אַ פרעהליכער בייזקייט). נו, רעד מיט איהר. זי וועט דיר מיט פאַרגעניגען אַלץ פאַרגעבען און וועט דיר אויס־שטעלען נאָך אַ פּאָר הערנער.

ס ע מ י אָ ן. דו ליעבסט זי נישט, אַנדרעי איוואַנאָוויטש. איך זאָג דיר, קלאַוואָטשקאַ איז אַן'אויסגעצייכענטער, אַ זעלטענער מענש. איך בין אַליין שולדיג. איך האָב בעדאַרפט וועגען איהר מעהר זאָרגען. און איך בין גאַנצע נעכט געזעסען אין קלוב...

אַ נ ד ר ע י. זי האָט דאָך דיך אַליין אָבגעפיהרט אין קלוב אַריין, אום דו זאָלסט איהר נישט שטערען אויפצונעמען איהרע ליעבהאָבערס...

ס ע ר ג ע י. הער אויף אַנדרעי.

ס ע מ י אָ ן. דו באַליידיגסט קלאַוואָטשקאַ'ן, אַנדרעי איוואַ־נאָוויטש, זי האָט קיין ליעבהאָבערס נישט געהאַט.

אַ נ ד ר ע י. נו, אויב דו ווילסט וויסען, בין איך אַליין...

ס ע ר ג ע י. אַך, דאָס רעגט דאָך אויף, אַנדרעי.

אַ נ ד ר ע י (בייז). אַך, לאָז אָב. זאָל ער דאָך כאָטש אַמאָל געוואָהר ווערען דעם אמת.

ס ע ר ג ע י (שלאָגט איהם איבער). הערט זיך נישט צו צו'ן איהם, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש. ער רעדט דאָס פון ערגערניש. ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער רעדט. אויב דו וועסט נישט אויפהערען, אַנדרעי, וועלען מיר זיך צוקריעגען, צו אַלדע גוטע יאָהר...

אַ נ ד ר ע י. טהו מיר אַ טובה... (דרעהט זיך אויס).

ס ע ר ג ע י. איהר וואָלט זיך בעסער אָבגערוהט סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, איהר זענט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען.

ס ע מ י אָ ן. נישט געשלאָפען. ס'איז שווער, ווייסט איהר. איך בין שוין אַ מענש אַן'אַלטער. ס'איז נאַריש, פאַרשטעהט זיך. איך האָב אַלטע בעגריפען, אָבער דאָך. די גאַנצע שטאָדט לאַכט דאָך...

סערגעי.. קיינער לאכט נישט פון אייך, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, פאַרקעהרט, אַלע בעדויערען אייך. איז עס דען אייער שולד, וואָס קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַזוי געטהון? וואָס זי איז זיך בעגאַנגען אַזוי לייכטזיניג? דאָס איז אַ שאַנדע פאַר איהר, אָבער נישט פאַר אייך. קומט סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש. (הויבט איהם אויף אונטער דער האנד. סעמיאָן איז צו אַלעם אונטערטעניג און קראַצט זיך אָהן אויפהער די ליסינע. סערגעי פיהרט איהם אַריין צו זיך אין צימער און קומט באַלד צוריק. הער, אַנדרעי, מען קען דאָך נישט אַזוי. ביי אַ מענשען איז די גאַנצע נשמה פאַרקריפּעלט, און דו פאַהרסט אריין מיט אַזעלכע אמת'ן, וואָס מען בעט דיך נישט דו זאָלסט זיי אויסזאָגען. דאָס איז גראָב און גרויזאַם.

אנדרעי (איינגעשפּאַרט). זאָל ער וויסען דעם אמת...

סערגעי. צו וואָס? וואָס וועט דאָס העלפען?

אנדרעי. אַלצאיינס. איך קען נישט צוזעהן, ווי אַ מענש קען ביז צו אַזאַ שטופע פאַלען אונטער דעם איינפלוס פון אַ געמיינער באָבע, וואָס זעהט שוין גאָרנישט און פאַרשטעהט שוין גאָרנישט.

סערגעי (ווי ער וואָלט טרויעריג געוואָרען). דו האָסט קיינמאָל נישט געליעבט, אַנדרעי. (זעצט זיך צום טיש און קוקט איבער פּאַפּירען).

אנדרעי. נו, אַ דאַנק גאָט.

סערגעי. קען זיין. דערפאַר האָסטו אויך קיין רעכט נישט צו געבען אַנ'אורטהייל דאָרט, וואו אַלץ איז געבויט אויף ליעבע.

אנדרעי. ווי קומט דאָ אַהער ליעבע? ווי שטאַרק איך זאָל נישט ליעבען, דאַרף איך דאָך נישט זיין בלינד.

סערגעי (נישט אויפהייבענדיג די אויגען). דאָס איז נישט קיין בלינדהייט. ווען אַ מענש ליעבט מיט אַנ'אמת'ער, גרויסער ליעבע, איז פאַר איהם אונערטרעגליך שוין דער געדאַנק, אַז זיין ווייב קען איהם אָבנאַרען. ער גלויבט נישט דער פרוי, ער גלויבט זיין שרעק פאַר אַלע מעגליכע אמת'ן. (פּויזע. ער רודערט צווישען די טיש־קעסטלעך. אַנדרעי שטעהט אויף און געהט איבער'ן צימער מיט אַן אויס־

דרוק, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט אַ שרעקליכען איבערליכען קאַמפף. סערגעי פּיעטראָוויטש רעדט, גלייך ער וואָלט געענטפערט זיינע אייגענע שרעקליכע געדאַנקען). אמת... און ווען דער אמת איז צו שרעקליך?

אַנדרעי. אַלצאיינס. (פּויזע. ער קוקט זיך נישט אום און געהט ווייטער אום). נו, גוט. דו זאָגסט גראָב און גרויזאַם. יאָ. נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס ווען מיר זעהען, אַז אונזערען אַ נאָהענטען מענשען שטעהט פאַר אַ געפאַהר, האַלטען מיר עס פאַר אונזער פליכט אַ געשריי צו טהון, צו פאַרהיטען, צו עפענען די אויגען. און ווען דעם זעלבען מאַן נאַרט אָב זיין געליעבטע פרוי; ווען עס טונקט זיך אין שמוץ דאָס, וואָס פאַר איהם איז טהייערער פון זיין לעבען: זיין ליעבע, גלויבען, גליק — דאַרפען מיר שווייגען?

סערגעי. דאָס זאָג איך נישט.

אַנדרעי (שרעקליך אויפגערעגט). שטעל דיר פאָר, אַז דו ביזט לאַנגע יאָהרען געוועזען דער פריינד פון אַ מענשען, וועמען דו האָסט געליעבט און געשעצט מיט דיין גאַנצען הארצען. (סערגעי פּיעטראָוויטש הויבט פּלוצים אויף דעם קאָפּ, אָבער אַנדרעי קוקט נישט אויף איהם). און אָט זעהסטו, ווי מען נאַרט אָב דעם מענשען געמיין און שמוציג; מען מאַכט איהם לעבערליך פאַר אַלע. וואָס דאַרפסטו טהון? מאַכען זיך, גלייך דו זעהסט גאַרנישט און פאַלגליך, איהם אויך אָבנאַרען? ווי אַזוי וואָלסטו אליין געהאַנדעלט אין אַזאַ פאַל?

סערגעי (נעמט נישט אַראָב פון איהם די אויגען). איך וואָלט געזאָגט דעם אמת.

אַנדרעי. יאָ? וואָלסטו געזאָגט?

סערגעי. יאָ.

אַנדרעי. אויב אַזוי... (פּלוצים שוואַך). פאַרוואָס־זשע בעשולדיגסטו מיך אין גראָבהייט און גרויזאַמקייט אין בעצוג צו סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש'ען?

סערגעי (קוקט איהם מאָדנע און שטייף אָן). איז דען סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש דיינער אַזאַ נאָהענטער פריינד?

אַנדרעי (ווערט טרויעריג). גאַנץ עגאַל. איך נעם נאָר דעם אויסערסטען פאַל. (פּויזע. ער געהט אום איבער'ן צימער).

ס ע ר ג ע י (נעמט נישט אראָפּ פון איהם די אויגען און רעדט לאַנגזאַם). אַנדרעי.

אַ נ ד ר ע י. וואָס?

ס ע ר ג ע י (אַלץ לאַנגזאַם און זאַנדערבאַר). דאָס האָסטו דאָך װעגען מיר גערעדט.

אַ נ ד ר ע י (מיט אַנ׳אומגעלומפּערטען שמייכעל). נו, אַט אַט, גוט מאַרגען. וואָס עפּעס וועגען דיר... איך האָב איינפאַך געוואָלט וויסען דיין מיינונג און באַווייזען, אַז ווי גראָב און גרויזאַם עס זאָל נישט זיין, זיינען דאָך פאַראַנען אַזעלכע אומשטענדען.

ס ע ר ג ע י (שלאָגט איהם איבער). דו האָסט גערעדט וועגען מיר.

אַ נ ד ר ע י (שטעלט זיך פּלוצלונג אָב און ווענדט זיך צו׳ן איהם). נו... און ווען אַזוי?

ס ע ר ג ע י (מיט אַ ציטערענדער שטימע). חייסט עס, דאָס איז אמת?

אַ נ ד ר ע י. לאָמיר זאָגען — יאָ.

ס ע ר ג ע י (מיט אַ זאָנדערבאַרער רוהיגקייט). גוט. נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, וועלכע גרונדען האָבען דיר געגעבען אַ רעכט אויף דעם? דו פאַרשטעהסט דאָך, וואָס דו רעדסט.

אַ נ ד ר ע י. יאָ, איך פאַרשטעה. איך ווייס נישט אויב יעלענאַ ניקאָלאַיעווונאַ איז דיר פאַלש געווען, אָבער איך מיין אַז יאָ. (פּויזע. מיט אַ פּלעצליכען אויסברוך). הער, סערגעי, איך קען דיך שוין לאַנג. מיר האָבען פיעל איבערגעלעבט צוזאַמען און פאַר דער צייט האָב איך מיך אויסגעלערענט דיך צו שעצען און אַכטען. דאַן גלויב זשע מיר, אַז איידער איך האָב אָנגעהויבען וועגען דעם צו רעדען, האָב איך מיך לאַנג געמוטשעט. איך האָב מיך אַליין הונדערטער מאָל געפרעגט וואָס צו טהון. און אויב איך האָב מיך ענדליך בעשלאָסען דיר צו עפענען די אויגען, איז דאָס מיר זעהר שווער...

ס ע ר ג ע י. קען זיין.

אַ נ ד ר ע י (קוקט אויף איהם שאַרף). נו, יאָ, איך ווייס, אַז אין דער מינוט שטעל איך אין קאַן אַלע אונזערע בעציהונגען, וועלכע

זענען מיר אזוי טהייער, אָבער דאָך וועל איך דיר זאָגען דעם אמת און דערנאָך — ווי דו ווילסט. איך קען דאָכ נישט באווייזען, אָבער עס ווארפט זיך אין די אויגען אויך אָהן באווייזען.

סערגעי. וואָס?

אנדרעי. דאָס, וואָס יעלענא ניקאָלאיעוונא פיהרט זיך אויף שרעקליך. זי לעבט נאָר אין דער אטמאָספערע פון פלירט; רינגעלט זיך ארום נאָר מיט מענער און זוכט זיי אליין. ווען דו ביזט אוועקגעפאָהרען פון קיסלעוואָדסק קיין מאָסקווע האָט דער קניאז פון איהר נישט אָבגעטראָטען. איך ווייס נישט וואָס אייגענטליך עס איז געוועזן צווישען זיי, אָבער איך ווייס, אז יעלענא ניקאָלאיעוונא פלעגט צו'ן איהם קומען און אלע האָבען וועגען דעם גערעדט. איך ווייס אויך, אז זיי האָבען זיך איבערגעשריבען און אז איצט איז ער דאָ אין כארקאָוו און זיי זעהען זיך אָהן דיין וויסען. און אויסער איהם... איך זאָג דיר נאָך אמאָל: איך קען נישט ברענגען קיין באווייזען, ווייל דערצו דאַרף מען זיין א שפיאָן. אָבער איך בין איבערצייגט, אז יעלענא ניקאָלאיעוונא איז דיר פאַלש געוועזן... און נישט איין מאָל...

סערגעי. אזוי... דו ווייסט גאָרנישט, נאָר מיט א לייכט הארץ פארוואַרפסטו לענא'ן מיט שמוץ.

אנדרעי (מיט בענקשאַפט). סערגעי...

סערגעי (מיט שטייגענדען צאָרן). איך מוז דיר זאָגען, אז אלץ וועגען וואָס דו רעדסט ווייס איך שוין לאַנג פון יעלענא ניקאָלאיעוונא אליין. איך ווייס, אז דער קניאז איז אין איהר פארליעבט. איך ווייס, אז ער האָט איהר געשריבען. איך האָב זאָגאר געלעזען זיין בריעף... איך ווייס, אז ער איז דאָ.

אנדרעי. אזוי? און זי אליין האָט דיר וועגען דעם דער־צעהלט? איך ווייס נישט וואָס דאָ איז פאָראַן מעהר: זיכערהייט אין דיין ליעבע אָדער נאַכאַלסטווע...

סערגעי. איך פארשטעה, אז דיין פריינדשאַפט צו מיר האָט דיך געקענט צווינגען אלץ איבערצוטרייבען. נעווים, דעם

איינפּאַכסטען, לייכטזיניגען פלירט פון אַ פרוי קען מען, ווען מען וויל נאָר, צובלאָזען ביז איך ווייס וואָס...

אַנדרעי. סערגעי, אָדער דו ביזט בלינד, אָדער דו ביזט אַ נאַר געוואָרען, אָדער דו בעמיהסט דיך זיך אַליין צו פאַרזיכערען אין דעם, אויס שרעק פאַר׳ן אמת.

סערגעי. און דו בעמיהסט זיך צו בעגיסען מיין פרוי מיט שמוץ אויס בלינדער, אונזיניגער פאַראַכטונג... דו האָסט פאַר דער לעצטער צייט גענומען אויף זיך די עפעקטפולע ראָלע פון אַ פרויען־האסער און דו פיהרסט זי אויס געוויסענהאַפט. דערביי באַמערקסט ניטט, אַז דו געהסט אַריבער די גרענעצען פון דעם וואָס איז ערלויבט.

אַנדרעי. הייסט עס, דו גלויבסט מיר נישט?

סערגעי. וואָס דאַרף איך דיר גלויבען? דו האָסט גאָר־נישט געזאָגט אַזוינס, וואָס איך זאָל אַליין נישט וויסען. דו בעגרינ־דעסט אַלץ אויף דעם וואָס דיר דוכט זיך, אויף ווייבערישע ספּלעט־ניעס און דו ווילסט, אַז אויף די גרונדען זאָל איך פאַרשטויסען פון זיך מיין פרוי, מיט וועלכער איך האָב אָבגעלעבט זעקס יאָהר; וועלכע איך ליעב און אכט.

אַנדרעי. די זאַכען וואָס איך שטעל מיר פאָר און ווייִ־בערישע ספּלעטניעס? גוט. זאָל זיין אַזוי. וואויל איז צו דעם וואָס גלויבט. גוט. איך ווייס אַז אריינמישען זיך צווישען די בעציהונגען פון אַ מאַן מיט אַ ווייב רעכענט זיך פאַר אַ געמיינע און שמוציגע זאַך. איך ווייס אַז נאָך דעם געשעפרעך קענען שוין צווישען אונז נישט עקזיסטירען די פריהעריגע בעציהונגען. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שטעהן העכער פון דער פאַלשער אייגענליעבע, אָבער איצט זעה איך, אַז עס איז נישט אַזוי. געוויס, דו וועסט מיר קיינ־מאָל נישט פאַרצייהען, וואָס איך האָב געקענט זאָגאַר צולאָזען דעם געדאַנק וועגען דיין ערנידריגונג, וועגען דעם, אַז דו ביזט איינפאַך לעכערליך. גוט. זאָל זיין אַזוי. איך האָב גאָרנישט געזאָגט. איך האָב אַלץ געזאָגט ליגענד. איז דאָך בעסער פאַר דיר. מיר האָט ווען געטהון און עס איז מיר געוועזן אַ שאַנדע צוצוזעהן, אַז אַ מענש,

וועלכען איך האָב געשטעלט אזוי הויך, וועלכען איך האָב אַזוי געליעבט, געפינט זיך אין אַ נארישער לאַגע. אָבער דו זעהסט עס נישט? גוט. לעב, ליעב די פרוי, וועלכע מאַכט נידריג און שמוציג...

ס ע ר ג ע י (מאַכט צו'ן איהם אַ שארפע בעוועגונג). אַנדרעי!

אַ נ ד ר ע י. דו גלויבסט איהר? גלויב... גלויב ביז צום סוף; גלויב, ווען זי וועט לאַכען צוזאַמען מיט איהר געליעבטען פון דיר; גלויב, ווען זי וועט קומען פון זיינע אָרעמס צו דיר און וועט דיך פארזיכערען אין איהר ליידענשאַפטליכער און צארטער ליעבע... גלויב. (אין דער טהיר באַווייזט זיך דער בעאונרוהיגטער סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש). און איך נאַר... וואָס איז דאָס מיין זאַך... צי וויים איך דען נישט, אַז אין אַזעלכע פאַלען גלויבט מען נישט אַפילו זיין אייגענעם פארשטאַנד. גלויבט מען נישט די אייגענע אויגען... צי וויים איך דען נישט, אַז אַ פרוי קען אַזוי ליגענד זאָגען, אַזוי ווי אונז האָט זיך גאָרנישט גע'חלומ'ט... נו, כאַפּט דיך דער טייוועל! צום געזעגנען זיך וויל איך דיר זאָגען נאָר איינס: דו וועסט אליין פריהער אָדער שפּעטער געוואָהר ווערען דעם אמת. און מיר איז צו שווער און עקעלדיג צו קוקען אויף איהר און אויף דיר... אַדיע! (געהט האַסטיג אַרויס).

ס ע ר ג ע י. אַנדרעי.

(די טהיר גיט זיך אַ קלאַפּ צו. סערגעי פּיעטראָוויטש שטעהט שטיל, זיינע הענד ציטערען).

ס ע מ י אָ ן. וואָס איז געשעהן? איהר האָט זיך צוקריעגט, וואָס?

ס ע ר ג ע י (גיט אַ ציטער און קוקט זיך אום אויף איהם, אַ ווילע קוקט ער אונבעוועגליך, דאַן כאַפּט ער איהם אָן פאַר די פּלייצעס). סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש.

ס ע מ י אָ ן. וואָס, הארצעלע? וואָס איז מיט אייך?

ס ע ר ג ע י. זאָגט מיר דעם אמת, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש.

ס ע מ י אָ ן. וואָס פאַר אַנ'אמת, גאָט איז מיט אייך?

ס ע ר ג ע י. איך וואָלט קיינעם וועגען דעם נישט געפרעגט, אָבער איהר זענט אַזאַ אומגליקליכער פּונקט ווי איך... מיט אייך

שעהם איך מיך נישט צו רעדען. איהר דארפט וויסען, זאגט: זאגט, וואס פאר א בעציהונגען האט קניאז דארבעליאני צו מיין פרוי?

סעמיאן (דערשראקען). וואס רעדט איהר? וואס וויים איך... די איינפאכסטע בעציהונג...

סערגעי. וואס הייסט עס? זי איז זיין געליעבטע?

סעמיאן. וואס רעדט איהר, וואס רעדט איהר... ווי קען אייך דאס קומען אין קאפ אריין? ווי קענט איהר אזוינס ארויס־רעדען.... איז דען דאס מעגליך? יעלענא ניקאלאיעוונא, אזא ליעבע, שעהנע פרוי... און איהר, אזא קלוגער, גוטער מענש, צי קען מען גאר צולאזען אזא געדאנק?

סערגעי. פארוואס דען נישט? קלאודיא מיכאילאוונא האט דאך אייך אויך אבגענארט.

סעמיאן (ווערט פלוצלונג איינגעהויקערט און קראצט זיך די ליסינע). קלאוואטשקא האט מיך אפגענארט. דאס איז אמת. אבער דאס איז א גאנץ אנדערע זאך. סערגעי פיעטראוויטש איז גאר עפעס אנדערש.

סערגעי. פארוואס? איז דען קלאודיא מיכאילאוונא נישט פונקט אזא פרוי ווי יעלענא?

סעמיאן. קלאוואטשקא איז אן אויסגעצייכענטע, אן אונ־געוועהנליכע פרוי, אבער זי איז אן אומגליקליכע. איהר ווייסט נישט, סערגעי פיעטראוויטש. איך האב קיינמאל נישט גערעדט, אבער איך מיין, אז זי איז א קראנקע.

סערגעי (מיט עקעל). אלע זענען זיי קראנקע. קראנק אויף פוסטע, נישטיגע נשמות, קראנק אויף צולאזטער ליידענ־שאפט. (גיט א מאך מיט דער האנד און געהט צום טיש).

סעמיאן (אויפגערעגט). יעלענא ניקאלאיעוונא? איהר, סערגעי פיעטראוויטש האט אפילו נישט קיין רעכט צו דענקען וועגען דעם. מיט אייער פארדאכט באליידיגט איהר זי, סערגעי פיעטראוויטש. נישט גוט. שלעכט. איהר וועט מיר ענטשול־דיגען, אבער דאס איז אונדאנקבאר פון אייער זייט, סערגעי פיעט־ראוויטש.

ס ע ר ג ע י (זעצט זיך ביים טיש און לאזט אראב דעם קאפ אויף די הענד). איך ווייס נישט, איך ווייס גארנישט.

ס ע מ י א ן. איהר זענט דאך א גוטהארציגער מענש, סערגעי פיעטראוויטש. ווי זשע קען א גוטהארציגער מענש פארדעכטיגען דעם צווייטען אין אזא געמיינהייט?

ס ע ר ג ע י (הויבט אויף דעם קאפ און קוקט אויף איהם מיט א ביטערען שמייכעל). איך בין געווען א גוטהארציגער מענש. איך האב געגלויבט מיין ווייב, איך האב זי געליעבט, איך האב נישט צוגעלאזט קיין געדאנק וועגען איהר אונטרייהייט צו מיר. איך האב געמיינט, אז איך וועל מיך קיינמאל נישט ערנידריגען צום געפיהל פון אייפערזוכט. אבער איצט איז נישט דאס. איך האב מיך פארפלאנטערט, פארלוירען דעם גלויבען, די אכטונג צו זיך אליין, אלץ! איך האב מיך איינגעשמוצט און זיך נידריג געמאכט אין דעם שפינגעוועב פון שטענדיגער ליגענד, ספלעטניעס און פאלשקייט... איך האב שוין נישט קיין גלויבען, קיין שטאלץ. ווייסט איהר, אז איך בין דערגאנגען צו דעם, אז איך פרעג שוין אוים די דיענסט... איך האב מיך אויסגעלערנט נאכשפיאנירען, צוקוקען זיך, אונטערהערען זיך, אונערווארטעט אריינקומען אין צימער, אויפכאפען ווערטער, באמערקען בליקען און שמייכלען...

ס ע מ י א ן. סערגעי פיעטראוויטש, וואס רעדט איהר? דאס קען איך אייך נישט גלויבען.

ס ע ר ג ע י (מיט א קרומען שמייכעל). לײדער איז דאס אמת. איהר מיינט, אז איך האב אנדרעי'ען נישט געגלויבט? איך האב מיך נאר אוים שטאלצקייט געמאכט אז איך גלויב נישט, אבער זיין יעדעס ווארט ברענט מיר אין מח. וואס פאר א שרעקליכע זאך עס איז די ליעבע... איך ווייס, אלץ שרייט אין מיר וועגען דעם, איהר יעדע בעוועגונג, איהר יעדער ריהר. און איך גלויב דאך נישט, איך קען נישט גלויבען; איך האב מורא צו גלויבען. אה, ווען איך זאל קענען אלץ ערפאהרען, ביז צום סוף. עס וואלט מיר געווען לייכטער זי צו טרעפען אין די ארעמס פון איהר גע־ליעבטען, דערפאר, ווייל דאן וואלט איך ערפאהרען דעם אמת.

איך וואָלט אווקגעגאַנגען, איך וואָלט דאַן באַקעמפּפט מיין ליעבע און אין דער ליגענד, אין דעם פּלאָנטער דאַרף איך לעבען און ליעבען — אָהן גלויבען, אָהן אַכטונג, פאַראַכטענדיג זיך און זי.

ס ע מ י אָ ן (מיט טרערען). סערגעי פּיעטראָוויטש, גאָט איז מיט אייך.

(עס קומט אַריין יעלענאַ, אַ ראָזע, אַ שמייכלענדיגע, אַן אויסגעפּוצטע און אַ לעבעדיגע. סעמיאָן וויל עפּעס זאָגען און בלייבט מיט אַן אָפען מויל. סערגעי פּיעטראָוויטש קוקט אויף זיין ווייב מיט ווילדער אויפרעגונג).

י ע ל ע נ אַ. און אָט בין איך דאָ. וואָס מאַכט איהר, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש? ביזטו לאַנג אין דער היים, סערגעי?

ס ע ר ג ע י (ווערט פּלוצלונג כיטרע). ניין, מיר זענען נאָרוואָס געקומען.

י ע ל ע נ א (טהוט אויס דעם הוט פאַר'ן שפּיגעל, וואַרפט איהם אַוועק אויף אַ שטוהל און פאַרריכט זיך זאָרגלאָז די האָר). און איך בין נאָרוואָס אַרום קויפען קאָלאָנסקע וואַסער. ס'איז ביי מיר אויסגעגאַנגען די פלאַש. (זעצט זיך אויפ'ן הענטיל פון סערגעי'ס שטוהל). איך בין זעהר צופריעדען, וואָס דו ביזט אין דערהיים. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט היינט ביז אָווענד נישט אהיימקומען. (רייבט איהר פּנים אָן זיין פּנים, ווי אַ קאַץ). און דו ביזט צופריעדען? ווען דו זאָלסט וויסען, ווי לאַנגווייליג עס איז אָהן דיר. וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש? עס מאַכט דאָך נישט אויס, וואָס מיר צערטלען זיך אין אייער געגענוואַרט?...

ס ע מ י אָ ן. אַ דאַנק אייך וואָס איהר שטערט זיך נישט צוליעב מיר. עס פרעהט מיך. נו, זעהט איהר, סערגעי פּיעטראָוויטש?

ס ע ר ג ע י (מיט אַ זאָנדערבאַרער שטימע). יאָ, איצט זעה איך...

י ע ל ע נ אַ. וואָס אַזוינס?

ס ע מ י אָ ן (שנעל). אַזוי... מיר האָבען דאָ געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַנדרעי איוואַנאָוויטש'ן.

יעלענא (רוקט זיך עטוואס אב פון מאן און קוקטביידע אן מיט פריפענדע בליקען). מיט אנדרעי איוואנאוויטש'ן? וואס פאר א געשפרעך?

סעמיאן (גלעט זיך פארזארגט די ליסינע). אזוי, גארנישט, נארישקייטען. אזוי זיך, א נאריש געשפרעך... א שמועס, נאריש־קייטען... נישט מעהר...

פארהאנג.

פיפטער אקט.

(די דעקאראציע פון פערטען אקט. אין יעלענא'ס צימער קלינגט שארף. אין דער טהיר באווייזט זיך דער לאקיי פיאטר, א יונגער פראנט.)

יעלענא (הינטער די קוליסען). קאטיא...

פיאטר. קאטיא איז נישטא, דאס בין איך פיאטר.

יעלענא (געהט ארויס מיט צולאזטע האר, אין א שעהנעם, ווייבען כאלאט מיט ברייטע ארבעל. דער כאלאט איז נאכלעסיג אפען. זי געהט צו צום שפיגעל און פארוואַרפט די האר מיט ביידע הענד פון הינטען). די קאטיא איז קיינמאל אין דערהיים נישטא. איך האב דריי מאל געקלונגען. דער הערר איז נאך נישט צוריקגעקומען?

פיאטר. ניין, מאדאם.

יעלענא (בעקוקט זיך אין שפיגעל). הערט, פיאטר. איהר וועט באלד געהן מיט א בריעף אין גראנד האטעל צו קניאז דאר־בעליאני.

פיאטר. גוט, מאדאם.

(יעלענא בעקוקט זיך נאכאמאל אין שפיגעל און זעצט זיך ביים טיש, נישט שענקענדיג קיין אויפמערקזאמקייט איהר קאסטיום. א וויילע טראכט זי וועגען עפעס אנגעשטרענגט, קנייטשענדיג די ברעמען, דאן פארוואַרפט זי די האר מיט אן ענטשלאסענער בעוועגונג און נעמט זיך צו דער פעדער. דער לאקיי שטעהט אין א פאזע פון ערוואַרטונג און

בעקוקט זי בגנבה, יעדעס מאָל וואָס זי באוועגט זיך מאַכט ער זיך גלייכ־גילטיג).

יעלענא (נישט אויפהויבענדיג די אויגען). דעם בריעף זאָלט איהר אָבגעבען אונבעדינגט דעם קניאַז אין די הענד, און איהר זאָלט ווארטען אויף ענטפער.

פיאָטר. און אויב ער וועט אין דערהיים נישט זיין?

יעלענא. זאָלט איהר דעם בריעף צוריקברענגען. אָבער איהר זאָלט איהם מיר נישט געבען, ווען עס וועט דאָ אימעצער זיין.

פיאָטר. גוט, מאַדאַם.

יעלענא. איהר ווערט געוואָהר ווען דער קניאַז וועט זיין אין דערהיים און דאַן זאָלט איהר אַהינגעהן, איהר הערט?

(זי הויבט אונערוואַרטעט אויף דעם קאָפּ און באמערקט ווי דער לאקיי קוקט אויף איהר האַלב־נאַקעטער ברוסט. דער לאקיי כאַפּט שנעל אוועק די אויגען. אַ לייכטער שמייכעל שוועבט דורך איהרע ליפּען. זי נעמט נאַכלעסיג צונויף מיט דער לינקער האנד די שטיקערייען אויף דער ברוסט, אָבער זי פארגעסט באַלד, שרייבט דעם אַדרעס און גיט אוועק דעם בריעף). נו, פארטיג... (שטרענג) געהט באַלד.

פיאָטר. גוט, מאַדאַם. (פארנייגט זיך און געהט אַרויס).

(יעלענאַ שטעלט זיך ווידער פאר'ן שפּיגעל, פארוואַרפט די הענד הינטער'ן קאָפּ, שמייכעלט גליקליך און זינגט זיך אונטער. אין דער טהיר באווייזט זיך דער קניאַז. יעלענאַ ציהט זיך מיט איהר גאַנצען קערפּער, ציהט אויס הויך איבער'ן קאָפּ די הענד און פארברעכט די פינגער. פּלוצים דערזעהט זי אין שפּיגעל דעם קניאַז. זי לאָזט שנעל אַראָב די הענד, דרעהט זיך אוים און הילט זיך אינסטינקטיוו איין אין איהרע שטיקערייען).

יעלענא. מען קען נישט אַריינגעהן. מען קען נישט. איך בין נישט אָנגעטהון.

קניאַז (שפּילעוודיג און טיעריש). נאָך בעסער.

יעלענא (לאַכט קאָקעטיש). ס'איז ווייניג וואָס פאר איין איז בעסער. ווי אזוי זענט איהר אַריינגעפאַלען אַהער?

קניאז. דער לאקיי האט מיר געזאגט, אז איהר זענט אליין און ער האט מיר איבערגעגעבען אייער בריעף.

יעלענא. אבער איך בין דאך נישט אנגעטהון. געהט אוועק. געהט אוועק. איך וועל באלד (זי וויל אריין צו זיך אין צימער אבער דער קניאז פארצוימט איהר דעם וועג מיט א לוידענשאפט־ליכען שמייכעל).

קניאז. בלייבט מיט מיר.. אזוי...

יעלענא. וואס זענען דאס פאר א דומהייטען. געהט אוועק.

קניאז. און אויב איך וועל נישט אוועק?

יעלענא (טרעט אב פון זיינע הענד. שטאלץ). איהר פאר־געסט זיך, קניאז. לאזט מיך דורכגעהן.

קניאז. אויף קיין פאל נישט...

יעלענא. זענט איהר פון זינען אראב? סערגעי קומט באלד צוריק.

קניאז. איז ערגער פאר איהם. איהר זעהט אויס וואונ־דערבאר.

יעלענא. נו, געהט שוין אוועק.

קניאז. איך הויב נישט אן צו געהן.

יעלענא. אבער דאס איז דאך גאט ווייסט וואס. האב איך אייך דען געגעבען אן אורזאך? אזוי בעגעהט מען זיך נאר מיט קעכינס.

קניאז (חוצפה'דיג). און מיט פרויען, וועלכע האבען ליעב אזעלכע זאכען.

יעלענא. איך האב דאס ליעב? — ווארפט זיך ארויס.

קניאז. איך געה נישט. מיר האבען שוין דערעסען אייערע דריידלעך, יעלענא ניקאלאיעוונא. איינס פון די ביידע: אדער איך געפעל אייך, אדער איהר האט געשפיעלט מיט מיר אויס לאנג־ווייליגקייט. איהר האט מיר צוואנציג מאל צוגעזאגט צו זיין ביי מיר, און איהר האט מיך יעדעס מאל אבגענארט. נעכטען האב איך געווארט אויף אייך א גאנצען טאג. קען זיין, אז דאס אלץ פארשפיעלט איך זעהר גוט. אבער איך בין נישט געוואוינט צו

זיין אַ שפּיעלכעל פּאַר פרויען און דאָס וועל איך אייך באַווייזען. איך בין אליין געגאַנגען צו אייך אום אייך צו ערקלערען די גאַנצע זאַך, האָב איך אויפ'ן וועג בעקומען אייער בריעף. איהר שרייבט מיר, אַז איהר ליעבט אייער מאַן און איהר בעט מיך איך זאָל אייך צורוה לאָזען. נאָך דעם אַלעם וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען פאַרשטעה איך דאָס גאָרנישט. ווענען אייגענטליך ליעבט איהר ווירקליך און וואָס אַזוינס בין איך פאַר אייך?

י ע ל ע נ אַ (מיט חוזק). גאָרנישט.

ק נ י אַ ז (מיט צאָרן). אַזוי... גוט... הייסט עס, דאָס אַלץ איז געווען אַ שפּיעלכעל, אויסגעצייכענט. אַ שפּיעל איז אַ שפּיעל. אָבער איך האָב אייך געוואָרענט, יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, אַז איך שפּיעל מיך מיט פרויען נאָר אויף זיכער. איך וועל קיינעם נישט ערלויבען צו לאַכען פון מיר. איך וועל פריהער נישט אַוועקפאָהרען פון דאַנען ביז איהר וועט נישט זיין מיין.

י ע ל ע נ אַ (דערשראָקען). אָבער וואָס ווילט איהר?

ק נ י אַ ז (קאַלטבלוטיג). אייך...

י ע ל ע נ אַ (מיט חוזק, אָבער אונזיכער). מען דאַרף צוגעבען, אַז איהר האָט צו דעם אויסגעקליבען אַן אונגעוועהנליך בעקוועמע צייט און דאָס ריכטיגע אָרט.

ק נ י אַ ז. וואָס קען איך העלפען? איהר זענט אַליין שולדיג: איהר האָט מיך נישט בעדאַרפט אָבנאַרען. איצט וועל איך נישט פריהער אַוועקגעהן ביז איך וועל נישט האָבען דאָס מייניגע.

י ע ל ע נ אַ. איהר זענט פון זינען אַראָב.

ק נ י אַ ז. דאָס האָב איך שוין געהערט.

י ע ל ע נ אַ. וואַרפט זיך אַרויס.

ק נ י אַ ז. נישט פריהער, ביז איהר וועט מיר געהערען.

י ע ל ע נ אַ (שטאָלץ). נו, דאָס וועלען מיר זעהן.

ק נ י אַ ז. וועלען מיר זעהן. (כאַפּט זי אָן ביי דער האַנד).

י ע ל ע נ אַ (פאַרלירט זיך). וואָס טהוט איהר? מען קען נאָך אַריינקומען. (זי קעמפּפט מיט זיין אומאַרמונג). דאָס — וועט — קיינ-מאָל נישט גע-שעהן...

קניאז. עס וועט יאָ געשעהן.

יעלענאַ. לאָזט מיך אָב, איך וויל נישט. (שפּאַרט זיך אָן מיט די הענד אויף זיין ברוסט, ווי אַ בייזע חיה). לאָזט מיך אָב. גאַכאַל. איך וויל נישט. עס עקעלט מיך פאַר אייך...

קניאז. פאַר מיר עקעלט אייך? אזוי? און אמאָל...

יעלענאַ. דאָס איז געווען אמאָל. און איצט וויל איך נישט. איהר הערט, איך וויל נישט. (דער קניאז שלעפּט זי גראָב.) איך וועל אַ געשריי טהון. איך וועל שרייען...

קניאז. אויב איהר ווילט אַ סקאַנדאַל דאַן שרייט.

יעלענאַ. פּיאָטר... וואָס טהוט איהר? (פלאָנטערט זיך אין זיינע הענד). לאָזט מיך...

קניאז. איך קען נישט.

יעלענאַ. לאָזט מיך, טהייערער... לאָזט מיך... נו גוט. איך בין צופריעדען, שפּעטער... איך וועל מיך אָנטהון און מיר וועלען פאָהרען צו אייך. באַלד.

קניאז. איך גלויב נישט.

יעלענאַ. שפּעטער, אַך לאָזט מיך, אַך...

(דער קניאז פאַרמאַכט איהר דאָס מויל מיט אַ קוש, קושט ווילד איהרע הענד, פּלייצעס, ברוסט. יעלענאַ וויקעלט זיך אין זיינע הענד, זי קעמפּפט מיט אַלע קרעפטען און ווערט פּלוצלונג שוואַך, זי פאַרמאַכט די אויגען און כאַפּט איהם אַרום ביים האַלז מיט נאַקעטע הענד. די טהיר גיט זיך אַ פראַל אויף און עס לויפט אַריין סערגעי פּיעטראָוויטש).

סערגעי. וואָס איז דאָס, לענאַ? — (דער קניאז שפּרינגט אָב און אין דער מינוט גיט איהם סערגעי פּיעטראָוויטש אַ קלאַפּ איבער'ן פּנים).

קניאז. אַך, אזוי גאָר...

(דער קניאז וואַרפט זיך אַרויף אויף איהם. אַ מיאוס געשלעג אין דער געגענוואַרט פון אַ האַלב-נאַקעטער פרוי, וואָס האָט זיך אַראָב-געגליטשט פון דער זאָפע און זיך פאַררוקט אין אַ ווינקעל. עס פליהען זאַכען פון טיש. עס דרעהט זיך איבער אַ שטוהל. יעלענאַ פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד. דער קניאז דריקט צו סערגעי פּיעטראָ-

ווישש׳ן צום טיש און כאַפּט איהם פאר׳ן האלז, אָבער דער לאַקיי לויפט אַריין אויף הילף און וואַרפט זיך אויפ׳ן קניאַז. אַן אַלגעמיינער קור־צער קאַמפף, אַ הייזעריג ריטשעריי ווי פון חיות און דער קניאַז ווערט ארויסגעוואָרפען. סערגעי לויפט איהם נאָך, נאָר דער לאַקיי האלט איהם אָב מיט איין האנד; מיט דער צווייטער שטופּט ער אַרויס דעם קניאַז, וועלכער רייסט זיך צוריק אַריין.)

פ י אָ ט ר. איהר דאַרפט זיך נישט בעאונרוהיגען... איך וועל אַליין... (ער שטופּט אַרויס דעם קניאַז און פארמאַכט הינטער זיך די טהיר. עס הערען זיך אין דרויסען געשרייען און דעם קניאַז׳ס שטים: „ווי וואגסטו, אידיאָט?“, דערנאָך אַ קלאפּ מיט דער טהיר. אַלץ ווערט שטיל. דער לאַקיי קומט צוריק אַריין זעהר אַ צופרידענער). אַרויס־געוואָרפען איהם. ער וועט דאָס גערענקען...

ס ע ר ג ע י. געהט אַרויס.

פ י אָ ט ר. איך...

ס ע ר ג ע י. געהט...

(דער לאַקיי שפּרינגט אַרויס. סערגעי שטעהט וויגענדיג זיך אין מיטען צימער, דערנאָך מאַכט ער אַ פּאָר וואַקעלדיגע טריט און לאָזט זיך שווער אַראָב אין זיין שטוהל. פּויזע. ער זיצט מיט די הענד ביים קאָפּ און וויעגט זיך אויף אַלע זייטען, אַזוי ווי פון שטאַרקען ווערטאַג און ריטשעט פון צייט צו צייט דורך די ציינער. דערנאָך זיצט ער שטיל און אונבעוועגליך, פארשטעלענדיג מיט די הענד דאָס פּנים. יעלענאַ הייבט לאַנגזאם אויף דעם קאָפּ און קוקט מיט שרעק אויפ׳ן מאַן. כאַפּט זיך אָן מיט אַ פארצווייפעלטער בעוועגונג פאר׳ן קאָפּ און שטעהט אויף און פיהרט מיט די הענד, גלייך זי וואָלט געזוכט פאַרוואָס זיך אָנצו־כאַפּען. אַ לאַנגע פּויזע. יעלענאַ הייבט זיך שטיל אָן צו בעוועגען, געהט לאנגזאם צו צום מאַן און לאָזט זיך שטיל אַראָב ביי זיינע קניהען).

י ע ל ע נ אַ. סערגעי. סערגעי. (זי ציהט לאנגזאם אוים די האַנד און בעריהרט איהם).

ס ע ר ג ע י (וואַרפט ווילד אָב איהר האנד, אַזוי אַז זי פאלט מיט די הענד אויף דער ערד). געה אַוועק.

י ע ל ע נ אַ (שטעלט זיך אויף די קניהען, ציהט אוים צו׳ן איהם

די הענד און האָט זיך מורא צוצוריהרען צו'ן איהם). סערגעי, איך בין נישט שולדיג. הער מיך אויס. איך וועל דיר אַלץ ערקלערען. עס איז נישט דאָס וואָס דו מיינסט.

ס ע ר ג ע י (מאַכט אַ בעוועגונג ווי ער וואָלט זיך ווידער געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף איהר). געה אוועק אָדער איך וועל דיך טויטען. (זיצט אין דער פריהעריגער פּאָזע).

י ע ל ע נ אַ (רוקט זיך אַ ווײַלע אָב און קריכט ווידער צו צו'ן איהם). הער מיך אויס, סערגעי, איך שווער דיר ביי אַלץ וואָס איז מיר הייליג, איך בין אין גאָרנישט שולדיג. איך בין דיר נישט פאַלש געווען, סערגעי. איך ליעב דאָך דיך. נו, גוט. אויב דו ווילסט וועל איך אינגאַנצען אַוועקגעהן. אָבער הער מיך אויס. ער האָט מיך די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט. איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיך צורוה לאָזען, איך האָב איהם נישט אויפגענומען, איך האָב מיך נישט בעגעגענט מיט איהם, איך האָב דיר אפילו געוואָלט אַלץ זאָגען, אָבער איך האָב מורא געהאַט. מיינסטו דען, אַז איך האָב דיך געקענט אָבנאַרען מיט איהם? סערגעי, דו הערסט, איך בין נישט שולדיג. ער האָט אָבגעהיט די צייט, ווען דו ביזט אין דערהיים נישט געווען, האָט זיך אַריינגעריסען אהער האָט מיך געזעהן האַלב אָנגעטהון און איז ווילד געוואָרען, אָבער איך בין נישט שולדיג. איך האָב דאָס נישט געוואָלט, איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט — דו האָסט דאָך געזעהן, אַז איך האָב געקעמפּפט מיט איהם. איך האָב זאָגאַר געשריגען, גערופען פּיאָטר'ן. ווען דאָס זאָל זיין דאָס וואָס דו דענקסט, וואָלטען מיר דען געקענט דאָ? איך בין נאָר שולדיג אין דעם, וואָס איך האָב דיך באַלד אין אָנהויב נישט געבעטען דו זאָלסט מיך פון איהם אָבהיטען. אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך ענדיגען מיט אַ דועל. ער איז אַזאַ שרעקליכער מענש. גלויב מיר, סערגעי, גלויב מיר איך בין אין גאָרנישט שולדיג. דו ווייסט, אַז איך גלויב אין אַ שבועה. נו שווער איך דיר: זאָל איך קראַנק ווערען, זאָל איך דאָס גאַנצע לעבען אומגליק האָבען, זאָל איך שטאַרבען פון דער ערגסטער קרענק

אויב איך בין דיר פאַלש געווען. גלויב זשע מיר צום לעצטען מאָל, סערגעי...

ס ע ר ג ע י (הייבט זיך ביסלעכווייז אָן צוצוהערען צו איהרע ווערטער). איך האָב דיר צו שטאַרק געגלויבט.

י ע ל ע נ אַ (כמעט פרעהליך, כאַפּט איהם פאַר די הענד און דריקט זיך צו צו זיינע קניהען מיט איהר גאַנצען קערפּער). נו, גלויב מיר נאָך א מאָל. איך בין דיר קיינמאָל נישט פאַלש געווען. דו האָסט אַלץ אַליין אויסגעטראַכט. איך בין אַ פּוסטע, אַ לייכטזיניגע, איך האָב געטהון פיעל נאַרישקייטען, אָבער איך בין דיר קיינמאָל נישט פאַלש געווען. און דו ווייסט דאָס.

ס ע ר ג ע י (מיט פאַרצווייפלונג). פון וואַנען ווייס איך. איך האָב דיר געגלויבט.

י ע ל ע נ אַ. און דו האָסט דיך נישט גענאַרט. איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט דעם אמת. איך האָב געליעבט און ליעב נאָר דיך אַליין, און מעהר דאַרף איך קיינעם נישט. מיר איז איינפאַך געפעלען ווען מען איז צו מיר געווען העפליך, ווען מען פלעגט מיר נאָכגעהן אָבער דערביי איז קיין שום ערנסטעס נישט געוועזען. ליעבער, איך ווייס, איך האָב דיר פאַרשאַפט פיעל שמערצען, אָבער וואָס קען איך טהון, אַז איך בין אַזוי לייכטזיניג. דו ביזט שטאַרקער פון מיר, דו ביזט אַ מאַן. דו האָסט מיך בעדאַרפט אָבהאַלטען. ליעבער, פאַרגיב מיר... נו, פאַרגיב דיין נאַרישער, געמיינער, לייכטזיניגער לענקאַ... איך בין דיר קיינמאָל נישט פאַלש געווען.

ס ע ר ג ע י. קען איך דיר דען גלויבען?

י ע ל ע נ אַ (דערפרעהט, דריקט זיך נאָך פעסטער צו'ן איהם. אָבער איך בין דאָך נישט שולדיג וואָס דער אידיאָט איז פון זינען אַראָב. און ווען חוליגאַנעס וואָלטען מיך בעפאַלען אויפ'ן גאַס וואָלסטו מיך אויך בעשולדיגט?

ס ע ר ג ע י. דו האָסט צוגעפיהרט דערצו, אַז מען בעגעהט זיך מיט דיר ווי מיט אַ פראָסטיטוטקע.

י ע ל ע נ אַ (רוקט זיך אָב פון איהם בעליידיגט). מיט מיר איז מען זיך נאָך קיינמאָל נישט בעגאַנגען ווי מיט אַ פראָסטיטוטקע.

ס ע ר ג ע י (זי אָבשטויסענדיג). און דאָס וואָס איז? לאָז מיך... דו האָסט מיט אַלע קאָקעטירט; קיין איין מאָן האָסטו נישט געקענט זעהן גלייכגילטיג. דיין גאַנצ לעבען איז פאַרפולט מיט מענער... און אויב דו האָסט דיך נישט יעדען איינעם איבערגעגעבען איז עס נאָר אויס פייגהייט. אַזעלכע ווי דו זענען ערגער פון פּראָס־טיטוטקעס... יענע גיבען זיך איבער פאַר אַ שטיקעל ברויט און דו — נאָר אויס פוסטער, אויסגעלאַסענער ליידענשאַפט.

י ע ל ע נ אַ איך האָב מיך קיינעם נישט איבערגעגעבען. פאַרוואָס באַליידיגסטו מיך?

ס ע ר ג ע י (שפּרינגט ווילד אויף). פון וואַנען ווייס איך. קען זיין דו האָסט געלעבט נישט נאָר מיט איהם. דו האָסט זיי געהאַט פיעל.

ס ע ר ג ע י (נישט הערענדיג). ווי וואַגסטו מיר צו רעדען וועגען באַליידיגונגען? קען מען דען דיך באַליידיגען, ווען דו ביזט איינגאַנצען אויסגעטונקען אין שמוץ? מיינסטו, אַז איך בין ווירקליך אַזוי בלינד, אַז איך האָב גאַרנישט געזעהן און נישט פאַרשטאַנען. פאַרשטעהסטו דען נישט, אַז איך האָב מיך אַליין געצוואונגען דיר צו גלייבען דערפאַר ווייל איך האָב דיך געליעבט. און אויב איך וואָלט דיר נישט געגלייבט וואָלט דאָס געווען שרעקליך. און איך האָב מיך געצוואונגען דיר צו גלויבען ביז'ן סוף, ווען איך וואָלט היינט נישט געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען... מיט מיינע איי־גענע אויגען...

י ע ל ע נ אַ (דורך טרערען). עס איז דאָך גאָרנישט געוועזען.

ס ע ר ג ע י. דו פאַרשטעהסט אפילו נישט וואָס עס איז גע־וועזען. עס איז געווען דאָס וואָס דו האָסט צובראָכען אונזער לעבען, דו האָסט עס בעשמוצט און בעשפּיגען. האָסט צוגענומען ביי מיר מיין גלויבען, מיין רוהיגקייט און מיין אַכטונג צו זיך אַליין... דו האָסט מיך צוגעפיהרט דערצו, אַז איך האָב דיר, ווי אַ שפּיאָן נאָכגעשפּיאָנירט. איך האָב דיר נישט געגלויבט קיין איינ־ציג וואָרט. אין יעדען מאָן האָב איך געזעהן דיינעם אַ געליעבטען. דו האָסט מיך צוגעפיהרט דערצו אַז איך האָב מיך אַזוי ערנידריגט,

אַז איך האָב אָנגעהויבען נאָכצופרעגען פרעמדע מענשען וועגען דיר. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט. מען האָט געלאַכט פון מיר. און איך האָב דאָס אַלץ געטהון, אום זיך צו איבערצייגען אין דעם, וואָס עס איז אַזוי אויך געווען גענוג דייטליך...

י ע ל ע נ אַ (מיט פארצווייפלונג). וואָס? וואָס איז געווען דייטליך?

ס ע ר ג ע י. עס איז דייטליך, אַז דו ביזט אַן אויסגעלאַסענע, געמיינע, פאַלשע פרוי. אַ גאָרנישט אָהן אַ נשמה און אָהן אַ האַרץ. דו פאַרמאָגסט בלויז אַ קליינליכע, געמיינע ליידענשאַפט. אויב דו ביזט מיר נאָך נישט אונטריי געווען, אויב עס איז אמת, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ צופאַל, דאַן וועסטו מיר פאַלש זיין מאָרגען, אין אַ האַלב יאָהר אַרום, אין אַ יאָהר אַרום, אָבער פאַלש זיין וועסטו מיר. וועסט מיך מיאוס און געמיין אָבנאַרען, ווייל אַנדערש קענסטו נישט לעבען. און קיין דרייסטקייט צו געהן מיט'ן גלייכען וועג האָסטו נישט.

י ע ל ע נ אַ (מיט אַן ערוואַכענדער שטאָלצקייט). דו קענסט מיך נישט.

ס ע ר ג ע י. איך קען דיך נישט? יאַ, איך קען דיך אינ־גאַנצען. איך קען די קלענסטע סטרונקעלעך פון דיין נשמה. נאָר איך האָב דיך צופיעל געליעבט און איך האָב נישט געוואָלט וויסען דאָס וואָס איך האָב געוואוסט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגען אויף דער גאַנצער געמיינהייט און שמוץ, און איך האָב מיך בע־מיהט צו ערקלערען, אַז דאָס אַלץ איז נישט מעהר ווי דיין קינדיש־קייט. איך האָב מיך צוקריעגט מיט מיין איינציגען נאָהענטען מענשען, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט מיר געוואָלט עפענען די אויגען, נאָכדעם ווי ער האָט לאַנג געצווייפעלט און געליטען...

י ע ל ע נ אַ. נו, יאַ, איך וויס; דער פאַסקודניאַק האָט דיך שטענדיג אויפגערייצט געגען מיר, דאָס איז ער שולדיג אין אַלעם.

ס ע ר ג ע י. ווי אַזוי דרעהט זיך ביי דיר איבער די צונג דאָס אַרויסצורעדען. האָט ער דען ליגענד געזאָגט? אָט דאָ ליעגט דיין גאַנצע נשמה. דיר איז נישט וויכטיג צי דו ביזט שולדיג, נאָר דאָס

איז דיר וויכטיג ווער עס האָט דיין שולד ענטדעקט. איך האָב שוין לאַנג באמערקט, אַז אַלע, וועלכע זעהען נישט אין דיר די פרוי, זענען ביי דיר אידיאָטען און פאַסקודניאַקעס. דו האָסט צוטריבען אַלע אַנשטענדיגע מענשען. האָסט דיך אַרומגערינגעלט מיט גאָר־נישטען און פאַר עהרער. און צום סוף האָסטו מיך צוגעפיהרט דערצו, אַז מיט דער הילף פון דעם לאַקיי, וועלכער דערצעהלט באַלד אַלץ אין קיך, איז מיר אויסגעקומען אויסצופאַטשען דיין ליעבהאָבער. (כאַפּט זיך אָן מיט אַ קרעכץ ביים קאָפּ און פאַלט אין אַ שטוהל).

יעלענאַ. איך ווייס נישט וועגען וואָסערע ליעבהאָבערס דו רעדסט.

סערגעי (אַזוי ווי פון שלאָף). וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר? וואָס האָסטו געמאַכט פון אונז ביידען? האָב איך געקענט גלייבען, אַז איך וועל אַמאָל דערגעהן צו'ן אַזאַ נידריגער שטופע? צו'ן אַזאַ ערנידריגונג. ווען איך האָב אָנגעהויבען עפּעס צו באַ־מערקען, האָב איך געמיינט, אַז אויב איך וועל עס זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען וועל איך איינפאַך אַוועקגעהן פון דיר. אָבער פון דעם נעץ פון ליגענד, אין וועלכען דו האָסט מיך און זיך אַריינ־געוואָרפען קען מען נישט אַרויסקריכען. איך האָב דיך געזעהן אין די אָרעמס פון אַ געליעבטען און איך גלויב שוין נישט אפילו מיינע אייגענע אויגען. (ער ציהט זי צו זיך אין אַן אויסברוך פון לײדענ־שאַפט). לענאַ, קינד מיינס, זאָג מיר דעם אמת...

יעלענאַ. וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגען? איך זאָג דיר און דו גלויבסט נישט. איך בין דיר נישט פאַלש געווען.

סערגעי. אמת; לענאַ, אמת... (ער דריקט איהרע הענד און קוקט איהר אין די אויגען אַריין מיט בענקשאַפט און האָפנונג).

יעלענאַ. געוויס, אמת, דו נאַר...

סערגעי. און אויב נישט? פיליכט לאַכסטו גאָר אַצינד אין האַרצען איבער מיר. אַזוי בעגעהט מען זיך נישט מיט פרויען, וועלכע האָבען נישט געגעבען אַ רעכט דערצו. און אייערע ראַנ־דעוואוס...

יעלענא. איך האָב קיין ראנדעוואוס נישט געהאַט. איך בין נאָר איינמאָל אריין צו'ן איהם אויף א מינוט, אום איהם צו ערקלערען. — דאָס האָב איך נישט בעדארפט טהון, אָבער איך האָב עס געהאַלטען פאר א קליינינגקייט און איך האָב דאָך דיר אַלץ דערצעהלט.

סערגעי (ווארפט אָב איהרע הענד). דו ליינגסט. דו האָסט מיר נישט געזאָגט אז דו ביזט געווען ביי איהם.

יעלענא. נו, האָב איך פארגעסען.

סערגעי. פארגעסען? (לאַכט ביטער) אזוי, פארגעסען? און די בריעף און די טעלעגראַמען — אויך פארגעסען?

יעלענא. נו, גוט. איך וועל דיר אַלץ זאָגען. זעהכטו, ווען דו ביזט אוועקגעפאָהרען קיין מאָסקווע זענען מיר געווען אין די בערג. מיר האָבען געטרונקען, געפלאַפּעלט נארישקייטען און אין א געלעכטער האָבען מיר אַלע אויסגעטרונקען אויף ברודערשאַפט, אויף „דו"... אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך עס פארגעסען און דער אידיאָט...

סערגעי (נעמט נישט אראָב פון איהר די אויגען). אין אָנפאנג האָסטו געזאָגט, אז דאָס איז אזא מין פאָעטישער פאַטאָס, ווען מען ערקלערט זיך אין ליעבע. און איצט זאָגסטו, אז דו האָסט מיט איהם געטרונקען אויף „דו".

יעלענא. נו, יאָ, איך האָב דיר נישט געזאָגט מיט א מאָל, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאר דיר: דו ביזט דאָך ווילד. עס איז געווען א שפּאַס, איך האָב עס אליין דערנאָך בעדויערט.

סערגעי. ווי אזוי זשע האָסטו געקענט דערגעהן דערצו, אז דו זאָלסט אין א שכור'ער געזעלשאַפט מיט אַלע טרינקען אויף „דו"?

יעלענא. עס איז דאָך נאָר געווען א שפּאַס. אַלע האָבען געטרונקען. די בלאָנדע האָט אויך געטרונקען.

סערגעי. דיין בלאָנדע איז אַן אויסגעלאַסענע פראָסטיטוטקע און א געמיינע באבע...

יעלענא. אפילו סאָניא האָט געטרונקען.

סערגעי (מיט עקעל). פאַרוואָס ליגסטו?
יעלענאַ. נו, איך געדענק נישט. איך האָב נישט געדענקט, אַז די זאַך זאָל האָבן עפּעס אַ בעדייטונג. אָבער דו זעהסט דאָך, איך האָב דיר אַלץ געזאָגט.
סערגעי. אַלץ... אַלץ...
יעלענאַ. איך וואָלט עס דיר שוין לאַנג געזאָגט, נאָר איך האָב דיר נישט געוואָלט פאַרשאַפען קיין אונאַנגענעהמליכקייטען.
סערגעי. דיר איז בעסער געפעלען, אַז עס זאָל קומען צו אַ געשלעג מיט דיין געליעבטען. אַך, לענאַ, לענאַ, ווי האָסטו גע־קענט פאַלען אַזוי נידריג, און צו וואָס האָסטו דאָס אַלץ בעדאַרפט?
יעלענאַ. צו וואָס רעדסטו מיר געמיינהייטען? איך בין דיר גאָרנישט שולדיג, און דו האָסט קיין רעכט נישט...
סערגעי (כאַפּט זי אָן ביי דער האנד, ווילד). איך האָב אַ רעכט דיך צו טויטען.
יעלענאַ (אויפפאָדערענד). טויט מיך. אָבער באַליידיגען, רעדען גראָבהייטען, — דאָס וועסטו נישט וואגען, וועסט נישט וואגען.
סערגעי. איך וועל אַלץ וואגען. (ער דריקט מיט קראַפט איהרע הענד).
יעלענאַ (בייגט זיך אונגאַנצען פאר וועהטאָג. פלוצלונג ווארפט ער אָב איהר האַנד. זי באַוועגט קוים מיט איהרע פאַרגליווערטע פינגער). דו האָסט מיר וועה געטהון. (סערגעי פּיעטראָוויטש שווייגט. זי נעמט איהם מיט אַמאָל אַרום). נו, טהייערער, פאַרגיב מיר, איך וועל נישט מעהר. דיך בעאונרוהיגט דאָס וואָס מענשען וועלען רעדען. מיר וועלען אָוועקפאָהרען פון דאַנען. איך בין נאַריש, געמיין, אָבער איך ליעב דאָך דיך.
סערגעי (קוקט אויף איהר מיט אַ ביטערען און בענקשאַפט־ליכען פאַרוואורף). אַך, לענאַ, לענאַ... (נעמט זי אַרום) ווען דו זאָלסט וויסען ווי דאָס טהוט וועה...
יעלענאַ (גלעט איהם צאַרט). נו, גענוג, גענוג, גענוג...
סערגעי. גאַנץ עגאַל. אונזער גאַנץ לעבען איז פאַרקריי־

פעלט. איך קען נישט. היינט וועל איך דיר גלייבען און מארגען וועל איך מיך ווידער מוטשען. איך וועל דיך פארדעכטיגען, איך וועל מיך ערנידריגען. איך וועל דיר נאכשפיאנירען, איך וועל דענקען, אז אלע ארום מיר וויסען דעם אמת און לאכען פון מיר און נאר איך אליין זעה גארנישט, און איך וועל קיינמאל נישט ערפאהרען דעם אמת. עס איז בעסער דער שרעקליכסטער אמת, איידער אזא מין בענקשאפט... זאג דעם אמת.

י ע ל ע נ א (מיעד, מיט פארדרוס). וואס פאר אן אמת? וואס ווילסטו וויסען?

ס ע ר ג ע י (רוקט זי אב עטוואס און קוקט איהר אין די אויגען אריין במעט מיט א משוגענעם בליק). איך וויל דו זאלסט מיר זאגען דעם אמת.

י ע ל ע נ א. איך האב דיר אלץ געזאגט.

ס ע ר ג ע י. איך גלויב נישט. (ווארפט אב איהר האנד מיט פארצווייפלונג).

י ע ל ע נ א (באנג). וואס זשע זאל איך טהון? זאל איך מיר שלאגען קאפ אן וואנד, וואס?

ס ע ר ג ע י (שפרינגט אויף). איך וויים וואס צו טהון. איך וועל געהן צו'ן איהם און וועל איהם צווינגען ער זאל מיר אלץ דערצעהלען.

י ע ל ע נ א (דערשראקען). דאס וועסטו נישט טהון.

ס ע ר ג ע י. א, דו האסט מורא...

י ע ל ע נ א (טרויריג). איך האב נישט קיין מורא, דו קענסט געהן, אויב דו ווילסט. אבער ער וועט דיר סיי ווי סיי גארנישט זאגען.

ס ע ר ג ע י. דאס וועלען מיר זעהן.

י ע ל ע נ א (וויל איהם צוריקהאלטען). אבער ער קען דיר אומישנע אנרעדען, גאט וויים וואס.

ס ע ר ג ע י (לאכט אב). אזוי?

י ע ל ע נ א (לאזט איהם אב און זעצט זיך אויף דער זאפע). נו,

געה. מיר איז אלצאיינס. אבער עס איז נאריש. איך פארשטעה נישט צו וואס.

סערגעי. אום צו ערפאהרען דעם אמת.

יעלענא. פארוואס זשע גלייבסטו נישט מיר? עפעס א קניאז דארט ועסטו גלויבען...

סערגעי. דאן זאג אליין. איך זעה דאך, אז דו האסט מורא... זאג. איך וועל סיי ווי סיי ערפאהרען.

יעלענא. איך האב דיר געזאגט.

סערגעי. און איך גלייב דיר נישט.

יעלענא (מיט א נערוועאישער מיעדקייט). טא גלייב נישט; מיר איז אלצאיינס.

סערגעי. דיר איז אלצאיינס. ווי וואגסטו צו זאגען, אז דיר איז אלצאיינס?

יעלענא (ווארפט זיך אין בענגשאפט). אך, מיין גאט, וואס זשע זאל איך דיר זאגען? איך זאג דאך דיר: איך בין דיר קיינמאל נישט פאלש געוועז. וואס זשע נאך ווילסטו?

סערגעי. און ווען דו ליגסט? און אויב איך קען דיר נישט גלייבען?

יעלענא (מיעד). דו וועסט גלייבען.

סערגעי. איך וועל גלייבען. אין הארצען, דוכט זיך, לאכסטו גאר פון מיר. ביזט אזוי זיכער אין דיין מאכט איבער מיר, אז דו מיינסט, אז דו קענסט מיך צווינגען צו גלייבען אין אלץ וואס דו ווילסט?

יעלענא. דאס האב איך נישט געזאגט. איך האב גע־וואלט זאגען, אז דו ביזט יעצט אויפגערעגט און ווען דו וועסט דיך בערוהיגען וועסטו אליין זעהן, אז דאס אלץ איז נארישקייטען.

סערגעי. מיינסטו ווירקליך, אז דאס זענען נארישקייטען? וואס זשע הייסט ביי דיר נישט קיין נארישקייטען?

יעלענא. איך בין נישט שולדיג אז איהר זענט אלע פון זינען אראב.

ס ע ר ג ע י. פארוואס זשע האסטו מורא, אז איך זאל נישט אריבערפאהרען צו'ן איהם?

י ע ל ע נ א. דערפאר ווייל איך וויל נישט, אז די גאנצע שטאדט זאל רעדען, אז דו האסט דער'הרג'עט מיין געליעבטען, ווען דו האסט אונז געטראפען ביים פארברעכען.

ס ע ר ג ע י. איז דען דאס אמת?

י ע ל ע נ א (לעהנט זיך אן אויפ'ן אנלעהן פון דער זאפע). איך האב אלץ געזאגט. טראכט דיר, וואס דו ווילסט. טהו דיר ווי דו ווילסט. איך קען נישט מעהר. דאס איז פאר מיר שרעקליך.

ס ע ר ג ע י. און פאר מיר איז דאס גארנישט שרעקליך. מיך פייניגט דאס נישט? טו ווער איז שולדיג דערין? זאג דעם אמת.

י ע ל ע נ א (אין וועהטאגליכער בענגשאפט; דורך די ציין). אך, דאס איז מיר שוין לאנגווייליג.

ס ע ר ג ע י (כאפט איהר האנד און דריקט זי אויפ'ן ברעג פון דער זאפע). דיר איז עס נאר לאנגווייליג. דו ביזט געווען זיין געליעבטע. (דרעהט איהרע הענד). אמת? וואס זשע שווייגסטו? רעד.

י ע ל ע נ א. איך האב שוין גארנישט וואס צו רעדען. לאז אב מיין האנד. לאז אב, עס טהוט מיר וועה.

ס ע ר ג ע י. און מיר טהוט נישט וועה? און מיר טהוט נישט וועה? איך וועל דיך צווינגען צו זאגען דעם אמת.

י ע ל ע נ א (בעמיהט זיך ארויסצורייסען איהר האנד). וואס פאר אן אמת?

ס ע ר ג ע י. איז ער דיין געליעבטער צי ניין?

י ע ל ע נ א (האלט זיך די האנד פאר וועהטאג. מיט א מיעדער, געפאלענער שטים. נו, אויב דו ווילסט עס שטארק וויסען... יא... מיין געליעבטער...

(סערגעי לאזט ארוים איהר האנד. זי רייבט דאס אנגעדריקטע ארט און קוקט אויף איהם מיט האס פון א פער'סמ'טער חיה. דערנאך דרעהט זי זיך אוים און נעמט זיך פארריכטען די פריזור, גלייך זי וואלט געווען פאלשטענדיג רוהיג. גאנץ פלוצלונג גיט איהר דער מאן א קלאפ

איבער'ן קאָפּ. זי פאַלט אויפ'ן הענטיל פון דער זאָפע, קוקט אויף איהם ווילד און, פארגראָבענדיג דאָס פּנים אין קישען הייבט זי פּלוצלונג אָן שטיל און וועהטאָגליך צו וויינען).

ס ע ר ג ע י (קומט באַלד צו זיך און ווערט שרעקליך פארשעהמט און פארצווייפעלט). לענאַ, לענאַ... פארצייה, איך האָב נישט געוואָלט. איך בין פון זינען אראָב. לענאַטשקא... (פאַלט צו צו'ן איהר, קושט איהרע הענד, אַקסלען, האָר און וויל זי אויסדרעהען צו זיך).

י ע ל ע נ א. געה אוועק.

ס ע ר ג ע י. לענאָטשקא, איך האָב מיך פארגעסען. גאָט, צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען. איך האָב דיר אַ זעץ געטהון, מיין אַרעמע, מיין ליעבע, מיין שוואכע לענאָטשקא. פארצייה מיר... איך בין משוגע...

י ע ל ע נ א (הייבט זיך מיט אַ מאָל אויף און קוקט איהם אין פּנים אריין מיט טיערישען האַס). דו ביזט נישט קיין משוגענער נאָר אַ נאַר.

ס ע ר ג ע י. לענאַ.

י ע ל ע נ אַ. נו, יא אַ נאַר, אַן אידיאָט. איך האַס דיך. נעה אוועק. (דאָס לעצטע וואָרט שרייט זי ווילד אויס. סערגעי קוקט אויף איהר מיט שרעק. איהר פּנים איז אינגאַנצען אויסגעקרימט, די האָר צופלאָנטערט. אין די אויגען אַ שרעקליכער, טיערישער, אונענדליכער האַס). וואָס זשע שטעהסטו? דו האָסט געוואָלט וויסען דעם אמת? נו, אָט האָסטו דעם אמת: איך בין דיר פאַלש געוועזן... דו הערסט? איך בין דיר פאַלש געוועזן.

ס ע ר ג ע י (מיט זיין לעצטער פארצווייפעלטער ביטע, גלייבענדיג און נישט גלייבענדיג). לענאַ...

י ע ל ע נ אַ. וואָס לענאַ? נו, יאַ, איך בין דיר פאַלש געוועזן. און נישט נאָר מיט איהם אליין. איך האָב געהאַט פיעל ליעבהאָבערס, און אַלע האָבען דאָס געוואוסט, נאָר דו איינער, אומגליקליכער אידיאָט האָסט גאָרנישט געזעהן. איך האַס דיך, איך פעראַכט דיך. דו ביזט מיר דערעסען. לאָז מיך אָב. —

ס ע ר ג ע י. שווייג. (כאַפּט זי אָן פאר דער האנד, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָבהאַלטען).

י ע ל ע נ אַ (מיט אַ ווילדען, נקמה'דיגען טריאומפף). יאָ, יאָ, איך בין דיר פאַלש געוועז; איך האָב געלאַכט פון דיר. און אויב דו וועסט מיר פארגעבען וועל איך דיך ווידער אָבנאַרען. מיט איהם, מיט'ן טייוועל, מיט... דער שוואַרץ יאָהר ווייסט מיט וועמען. איך וועל מיך איבערגעבען צו אַלע און צו יעדען איינעם.

ס ע ר ג ע י. האַלט ס'מויל! (פארגעסענדיג זיך, וויל ער איהר פארשטאָפּען דאָס מויל).

י ע ל ע נ אַ (רייסט זיך אַרויס). דו האָסט דאָך געוואָלט ווי־סען דעם אמת... פיליכט ווילסטו ויסען איינצעלהייטען? אויב דו וועסט ערלויבען ,וועל איך דיר...

(סערגעי פיעטראָוויטש וויל איהר, אין זיין בלינדען ווּאַנזין, פאר־שטאָפּען דאָס מויל און ער כאַפּט זי אינסטינקטיוו אָן ביים האַלז. יעלענאַ וואַרפט זיך פארצווייפעלט, פרוועענדיג אָבצורייסען איהרע הענד און עפּעס צו זאָגען. זיי פאַלען אַראָב פון דער זאָפע אויף דער ערד. יעלענאַ הייבט אָן כריפּען, דומפּף קרעכצען און ווערט שטיל מיט אַ לייכטען ציטער. סערגעי פיעטראָוויטש האַלט זי נאָך לאנג ביים האַלז, דערנאָך קוקט ער זיך איין אין איהר פּנים. ער בייגט זיך איין, הערט זיך צו און הייבט זיך פלוצים שטיל אויף אָבטרעטענדיג און געהענדיג הינטער־ווילעכטס ביז צום טיש. אויף זיין פּנים ליעגט אַ קרומער, שרעקליכער און זאָנדערבאַרער אויסדרוק, וואָס איז עהנליך צו'ן אַ שמייכעל אָדער אַ גרימאַסע).

ס ע ר ג ע י. נו, האָט זי זיך דערשלאָגען... (ער הייבט אָן פון הינטען צו שאַרען איבער'ן טיש, שלאָגט זיך אָן אויף אַ פּאַפּיראָס, פיהרט איהם מעכאַניש צו צו די אויגען און קוקט אויף איהם טעמפּ, ווי ער וואָלט גאָר נישט פארשטאַנען, דאַן לאָזט ער איהם פאַלען. ער לאָזט זיך שטיל אַראָב אויף אַ שטוהל און רייבט מאָדנע די האַנד, אַזוי ווי פון שטאַרקער קעלט, נישט אראָבלאָזענדיג קיין אויג פונ'ם טויטען קערפּער).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ע נ ד ע.

מ. ארציבאשעוו.

ליעבע און ליידענשאפט

איבערזעצט פון
שלמה ערעלהייט

פרייז 20 סענט

ארויסגעגעבען פון
MAX JANKOWITZ
139 DIVISION STREET, NEW YORK, N. Y.
49

ליעבע אוןליידענשאַפט.

ערשטעס קאַפּיטעל

עס איז געווען פריהלינג. פּאשא אפאנאסיאוו, וואָס איז דורך זיין קראנקהייט פון דער עקזאמען אוועק, און די גימנאזיסטקע ליזא טשומאקאווא, זיינען געשטאַנען ביי א געפלאַכטענע צוים וועלכע האָט צוויי גערטנער צוטיילט. ליזא איז געווען אנגעלענט מיט דעם רוקען אינ'ם צוים און זיך צוגעהערט צו פּאשא'ס ריידען. צו ווייזען האָט זי געקוקט אויפ'ן בוך וואָס זי האָט אין האנד געהאלטען, און באלד אויף די פאלבען פון איהר העל גרויען קלייד, אין איהרע גרויע שעהנע אויגען איז נאָך געלעגען דער קינדערשע ערנסט, אָבער אין ערנסטע מינוטען האָבען שוין אין זיי די מיידלישע צערט־ליכקייט אויפגעבליצט.

פּאשא אפאנסאיאוו איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט מיט דער ברוסט צום צוים צוגעדריקט, ווייל ס'איז איהם שווער גע־ווען דאָס שטעהן. ער איז געשטאַנען און מיט א הויך קול און אָבגע־ריסענע זאצען האָט ער גערעדט צו איהר:

„און אַז מען וועט אייך נישט אַוועקלאָזען, וועלען מיר אַנט־לויפען!... מיר וועלען נישט אונטערגעהן... ס'וועט זיך שוין עפּעס געפינען פאר אונז! איך וועל פאר אייך לעקציעס שאפען, איבער־שרייבונגען... זארגט נישט, ס'וועט שוין גוט זיין, איהר וועט דורכ־קומען... די ערשטע צייט וועט אפשר פאר אייך אביסעל שווער זיין... אָבער וואָס, אָהן דעם ק ע ן עס גאָר נישט זיין, אַט אין דעם אַליין שטעקט אויך א רייץ, א חשק... אמת'דיג; פארוואָס עפּעס בלייבען דאָ ווי אַן איינגעשלאָסענע בלום?... וואָס פאר א לעבען

דארט ערגעץ אין דער גרויסער דרויסען וועלט איז... אלץ בעוועגט זיך, לעבט!... פון דער ארבייט צו א פערזאמלונג, פון די פערזאמ־לונג אין טעאטער אדער אין די ביבלאטעק... יא, זיכער, נאר דאס איז, דאס ווירקליכע לעבען; אבער דא?... ע! ווען איך דערמאן זיך אז 20 יאהר האב איך דא פערברענגט, אזוי...

פאשא אפאנאסיאוו האט ארויסגעבראכען א פערפוילט שטע־קעלע פון דער צוים און מיט כעס האט ער עס אין גראז אוועקגע־ווארפען.

פון וויטען, פון אונטער די גרינע בוימער מיט די מיליאנען גרינע בלעטלעך און צווישען גראז צואווארפענע בליהמלעך, וואס האט אויסגעזעהן ווי אן אונענדליך גרינער פערשיעדענפארביג גע־שפרענקעלטער ים, דערהערט זיך פלוצים די העלע שטימע וואסי־ליסאס: „פריי־ליין!... קומט אריין עסען!... האה!“

אין דעם דאזיגען וואלד געשריי „הא“ איז אזוי פיעל זארגלאזע פרעהליכקייט, אזוי פיעל לעבענספרייד געלעגען, אזש ליזא און פאשא אפאנסאיאוו האבען א לייכטען ציטער געטהאן אוןביידע מיט א שמייכעל זיך אנגעקוקט.

„איך קום שוין!“ האט ליזא געענטפערט, און פון ערגעץ נאָ־הענט האט א ווידער־קול איהר נאכגעשריען. זי איז פון צוים אוועק. איהר פנים איז נאאיוו און ערנסט געווארען, און מיט א טיעפער ערענסטער שטימע זאגט זי: „אפשר וועט מען מיך נישט לאזען אוועקפאהרען? איך וועל אבער נישט פאלגען, איך וועל פאהרען“... זי בלייבט שטיל א ווייל, דערנאך זאגט זי ווידער, פעסט און ענטשלאסען: „יא! איך האב שוין אזוי בעשלאסען!“

אזש פאר פרייד האט פאשא אפאנאסיעוו געקנאקט מיט די פינגער.

„שעהן! שעהן!“ זאגט פאשא מיט א פריידיג ציטערענדע שטימע, „איהר זייט א בראווע קלוגע מיידעל, ליזאטשקע!... אט די מענשען דא, הם... אין אנפאנגס וועלען זיי זיך א ביסעל ערגערען, אבער דערנאך וועלען זיי געוואהנט ווערען; איהר אבער, פריילין

ליזא, איהר ווערט פאר אייך האבען דאס גאנצע לעבען!.. אך! ווי מירביידע וועלען דאס א ביסעל דארט אויפלעבען!... מיר וועלען ארבייטען מיט אלע אונזערע כחות!... ס'איז איצט א הייסע צייט, ארבייט איז דא גענוג — מען דארף מענשען... מיר וועלען דארט האבען אונזער קרייז, זעהר פעהיגע און טיכטיגע מענשען, אזאלכע וואס זוכען צו טהאן!... מיר ביידע ווייסען נאך אליין נישט, וואס פאר א גליק דאס איז אין'ם קאמפף פון לעבען זיך ארייגצוואווארפען, אז מען שטרעבט פארווערטס, און מען פיהלט אז נעבען דיר שטעהען אזאלכע מענשען ווי דו ארבייטסוויילגע, שטארק!... מוטיג, ווי גוט דאס איז!"...

פאשא אפאנסאיעוו דריקט צוזאמען די פויסטען און ווארפט זיין קאפ אהינטער, דאס ליכט פאלט אויף זיין פנים, און זיינע דונקלע אויגען גלאנצען אזש פון ענטציקען און קראפטגעפיהל. אבער דאס בלייבקייט פון זיין פנים מאכט דערקענען זיין קראנקהייט. ליזא קוקט אויף איהם מיט א ליעבליכען פערטרויטען בליק.

„דא לעזט מען גאר, ווי מענשען לעבען, קעמפפען. זיי שמיעדען זיך זייער גליק אויס... און מאנכעס מאל רייסט עס איינעם אזוי מיט, אזש עס דאכט זיך איהם, אז ער איז פון אלעמען פריהער אויס, העכער פון יעדען... אבער... פון ביכער ווייסען מיר, מיר רעדען עס ביי'ם טייה־טיש, אז עס גיבט אן אנדער לעבען, ווי דאס דא, וואס איז עהנליך צו א היהנער־שטייג..."

ליזא זיפצט שווער און שפיעלט זיך מיט איהר צאפ.

„אלזא זייט איהר איינפערשטאנען?" פרעגט פאשא אפאנאסיעוו מיט פייער און דערלאנגט ליזא זיין האנד דורך די צוים.

ליזא קוקט מיט א שמייכעל אויף זיין יונגען ליעבען געזיכט, וואס זעהט אויס אזוי מענגליך און צוגלייך בלאס און צארט, און דערלאנגט איהם איהר האנד, איהר ווייכע שעהנע האנד מיט די קליינע זיסע פינגער, וואס וואלט זיך וועלען זיי קושען יעדען בעזונדער. פאשא דריקט קרעפטיג איהר האנד, און אין זיינע אויגען בעווייזען

זיך פלוצלונג טרעהרען.

„אך מיין טייערע ליעבע ליזעטשקא!" זאגט ער מיט טיעפער ערענסטקייט און א שווערער זיפץ רייסט זיך פון זיין קראנק הארץ ארויס.

„פריי—ליין!" — הערט זיך נאך נעהנטער דער דיענסט וואַ־סאליסאס שטימע רופען.

ליזא ווינקט צו פאשא, און מיט שנעלע טריט, מיט די געלע שיכלעך וואס זיינען אנגעטהאן איבער שווארצע זאקען, לאזט זי זיך אוועקגעהן איבער דעם זאמד־וועגעל.

„יא..." פאשא אפאנאסיעוו גיט זיך א קלאפ אין שטערען, אזוי ווי ער זאל זיך עפעס האבען דערמאנט און רופט: „ליזא!"

ליזא בלייבט שטעהן און קוקט זיך אום.

„איך האב אייך פערגעסען צו זאגען, אז איהר וועט האבען א חבר'טע צו אייער רייזע... דארא בארשאַווסקאיא... פאהרט אויך שטודירען, זי איז געווען אין פאלטאווא אין גימנאזיום."

„א אידישע מיידעל?" פרעגט ליזא פון דער ווייטענס א ביסעל פערוואונדערט.

„יא, א אידישע מיידעל... א אידישע", ענטפערט פאשא א ביסעל געקרענקט. „ביי גאט! איהר שעהמט זיך נישט, ליזא?... איך האב גערענקט אז איהר האט שוין לאנג אזאלכע פאראורטיילען פער־געסען..."

ליזא קוקט אויף איהם ערענסט און אויפמערקזאם.

„נישט דורך דעם..." זאגט זי רוהיג, „איך פרעג גאנץ איינ־פאך".

„איך וועל אייך היינט אויפ'ן בולוואַרד מיט איהר בעקאנט מאכען — יא?" פרעגט פאשא שוין בערוהיגט, „זי איז זעהר א גוטע און קלוגע מיידעל..."

„גוט, מאכט מיך בעקאנט מיט איהר" ענטפערט ליזא, שאקעלט צו איהם מיט'ן קאפ און געהט אוועק.

פאשא אפאנאסיעוו קוקט איהר נאכדענקליך נאך, און אנהאל־

טענדיג זיך מיט זיינע אויסגעשטרעקט מאגערע הענד אין דער צוים, וויעגט ער זיך הין און צוריק. ער פערקוקט זיך דערנאך אויפ'ן בלויען הימעל וואס ציהט זיך איבער די גרינע נעץ פון בוימער, פאר זיין גייסטיגען אויג שטעלט זיך פאר עפעס א גע־וואלטיג גרויס בילד: און ער זעהט פערנעבעלטע וויט־קייטען, טויזענדער מענשען וואס יאגען זיך פרעהליך און צוגלייך שרעקענדיג אין'ם קאמפף פאר'ן לעבען... ער פערמאכט זיינע אוי־גען, גלעט מיט זיין האנד זיינע ווייכע האר אויפ'ן קאפ, און געהט גלייך איבער'ן פעלד א היים. עס גלאנצט איהם אקעגען דאס גרינע גראז און די פערשיעדען פארביגע פעלד בליהמלעך שמייכ־לען צו איהם.

אויף דער וואראנדא שטעהט שוין דער טיש געדעקט, פאוועל איוואנאוויטש און אלגא פעטראוונא זיצען שוין ביים טיש. וואסאלי־סא דערלאנגט זיי פון א ווייסע שיסעל די זופ און ביי יעדער בע־וועגונג פון איהר קערפער קלאפען איהרע האלז קרעלען אויף איהר שאקלענדיגען גרויסען בוזעם.

דער קליינער גימנאזיסט סעריאשא לאזט זיך לויפען צום גאר־טען רופען די שוועסטער.

„איך קום שוין, איך קום שוין!“ שרייט צו איהם ליזא. זי ווארפט פלוצלינג איהר צאפ אין דער הויך, קעהרט זיך אוועק אין א זייט און לויפט אוועק. איהרע קליינע געלע שיכלעך גלאנצען אקעגען דער זון.

מיט א געשריי פון פרייד לויפט סעריאשא איהר נאך, דאס קליינע ווייסע הינטעל ווערט פלוצלינג אויף דעם לויפען אויפ־מערקזאם, פאנגט אן פרעהליך צו האוקען און ווי א ווייסע וואלענע באל לויפט ער מיט זיי מיט.

פאוועל איוואנאוויטש לעגט אוועק פאוואלע די צייטונג אויף זיין קניה. נעהמט אראב די ברילען פון זיין נאז און לאכט מיט פערגעניגען.

אלגא פעטראוונא פערגיסט א ביסעל פון דער זופ און לאכט

אויף. „נא, איז זי דאס א ביסעל ווילד...“ זאגט זי ליעבליך און ווייך, „און וויל שוין זיין א כלה...“

ליזא שפרינגט אריבער א בלומען־בעט, פערטשעפעט זיך אין'ם הינטעל, וואס האט זיך אין די פאלבען פון איהר קלייד פערוויקעלט, און פאלט מיט איהרע הענד אויפ'ן געלען זאמד פון'ם גארטען וועג. דאס בוך עפענט זיך לייכט מיט די ווייסע זייטען צו דער זון און פליהט אוועק ווייט אויף'ן גראז.

„אה!“ שרייט סאריאשא מיט פרייד, כאפט ליזא ביי די האר פון איהר צופלאכטענע צעפ, „כ'האב דיך געפאנגען! געכאפט!

„ווייל איך בין געפאלען“... ענטפערט ליזא שוין מיט אן ערענסטען טאן. זי הויבט זיך אויף נעהמט דאס ביכעל און געהט צום הויז. דאס הינטעל דרעהט זיך נעבען איהרע פיס, טאנצט פאר איהר אויף די הינטערשטע פיס. און סאריאשא רייצט זיך מיט ליזא, שאקלענדיג זיין רונד געשוירענעם קאפ, „יא.. געפאלען... איך וואלט דיך אזוי אויך געוועז געכאפט!“

ליזא זעצט זיך צום טיש, נאכדענקליך נעהמט זי דעם לעפעל און עסט פון'ם טעלער וואס שטעהט פאר איהר. אלע קוקען אויף איהר. עפעס פרעהליכעס שטראמט ארויס פון איהר גאנצען פריש יונגען קערפער. איהר יונגע פריש ענטוויקעלטע ברוסטען, וואס זיינען מיט'ן גרויען קלייד פערדעקט, די זיסע רונדע אקסלען, דער פרישער געשמאק פון איהרע זיידען האר, איהר גאנצער יונגער קערפער וואס טראגט מיט זיך אומעדום פרעהליכקייט, פרישקייט און שטילע זיסע ליידענשאפט,קען יעדען איינציגען וואס איז גאר נאהענט צו איהר, פרעהליך און מוטיג מאכען, און אלץ ארום איהר פיהלט זיך ווארעם און גליקליך!...

די לעפעל קלאפען שטיל אין די טעלער. אונטער'ן טיש ליגט דאס קליינע הינטעל און עסט פון דעם וואס מען ווארפט איהם צו. די זון שיט איהר גאלד אויף ליזא'ס זיידענע האר. אלץ איז איינפאך אבער שטיל, שעהן און ליכטיג.

צווייטעס קאפיטעל.

פארנאכט קומט דער אָפיציר סאווינאוו, ליזאס שטילער פער־עהרער, קלינגט אויף דער וועראנדא מיט זיינע שפּארען די לאקיר־טע חאלאוועס פון זיינע שטיוועל און די רויטע רייט־הויזען גלאנ־צען פון דער ווייטענס.

די זון איז שוין אינגאנצען פערשוואונדען און ס'ליגט אזא שטילקייט, אז דער שטילסטער מאָן הערט זיך. און דאָס שטילע קלינגען פון סאווינאוו'ס שפּאָרען הערט זיך איבער'ן גאנצען גאר־טען.

ליזא נעהמט צוזאמען איהרע האָר אין א דיקען ראָד איבער איהר קאָפּ און ווענדעט זיך צום אָפיציער:

„ניקאָלאי ניקאלאוויטש, מיר וועלען געהן אביסעל אויפ'ן בולווארד".

פאר פרייד קלינגט דער אָפיציער מיט די שפּאָרען פון זיינע שטיוועל, דרעהט זיך קאָקעטיש אום, דערלאנגט איהר דעם זומער מאנטעל און געארעמט געהען זיי מיט'ן גארטען אוועק.

מיט אויפמערקזאמער פארזיכטיגקייט טראגט דער אָפיציער ליזאס קליינע רונדע האנד, וועלכע ליגט פערטרויט אויף דעם ווייסען ארבעל פון זיין ראק. עס דערקענט זיך אז זיין גאנצער איך, וואָס איז אינ'ם סאָלדאטען ראָק און רויטע הויזען אזוי ווי אריינ־געצוואונגען, דענקט און טראכט נאָר וועגען דעם זיסען געפיהל פון ליעבע און א שטילען צערטליכען וואונש...

אין הויף טרעפען זיי א בעקאנטע פרוי מיט א קינד, וואָס וואוינט אין שכנות. ליזא שטעלט זיך אָב א ווייל, נעהמט דאָס קינד אויף איהרע הענד, דריקט איהרע באקען צום קינד'ס פּנים, קושט עס און קוקט מיט א שמייכעל צום אפיציער...

„האָם!" פלאפּלט דאָס קינד, לאכט גליקליך, ס'ווארפט מיט די קליינע הענדטלעך ארום זיך און דאָס שפּייעכץ רינט איהם אי־

בער די ליפּען...

פלוצלינג בלייבט ליזא פערטראכט, גיט דאָס קינד אוועק צו דער מוטער צוריק, און געהט צוריק צום אָפיציער. זיין פּנים שטראהלט פאר גליק. ער נעהמט ווידער איהר רונדע האנד אין זיינע, און זיי געהען ווייטער.

אויפ'ן בולווארד האָבען זיי זיך צוזאמענגעטראָפען מיט פּאשא אפאנאסיעוו און א נידריגע שמעכטיגע מיידעל. זי האָט א גרויסען קאָפּ מיט פעך שווארצע האָר, אידישע טונקעל ברוינע אויגען.

„א, דאָ זענט איהר, ליזא!" זאָגט פּאשא אפאנאסיעוו הויך און ווענדעט זיך צום אָפיציער, וועלכען ער האָט ווי אלע מיליטאַריסטען נישט ליעב, און האלט איהם פאר א נארישען מענש און זאָגט צו איהם מיט א לייכטען שאקעל מיט'ן קאָפּ: — „גוטען טאָג, הער סאווינאוו!"

„גוטען טאָג!" ענטפערט דער אָפיציער פריינדליך.

פּאשא קעהרט זיך גלייך אוועק פון איהם און זאָגט צו ליזא און די קליינע אידישע מיידעל:

„נאָ, בעקענט אייך. דאָס איז דארא באראשאווסקאיא, און דאָס איז ליזא טשומאקאווא, פון וועלכע איך האָב אייך שוין דערצעהלט."

ליזא דערלאנגט איהר די האנד, און דארא שאָקעלט איהר קרעפטיג און ליעבליך מיט איהר קליינע האנד.

„עס פרעהט מיך זעהר אייער בעקאנטשאפט צו מאכען, ליזא טשומאקאווא! פּאשא האָט מיר זעהר פיעל פון אייך דערצעהלט.

אין דער ענדע פון'ם בולווארד דערהערט זיך פון'ם גארטען א קלינגען פון מיליטער מוזיק, די טענער פון די טראמפעטען דרינגען ארוים צום בולווארד. איין טאָן יאגט דעם צווייטען, און עפּעס אזוי ווי אונבעשטימטעס קלינגט עס אין די לופט, באלד טרויריג און באלד ווידער לוסטיג.

די מיידלעך געהען צוזאמען פאראוים, און דער אָפיציער מיט פּאשא געהען איינס נעבען צווייטען נאָך זיי.

— טראם... טא־טא... טראם... טא־טא טראם! — זינגט נאך שטיל דער אפיציער דעם מאטיוו פון די מוזיק.

„איך האב פיינט מיליטער מוזיק!" זאגט פאשא אפאנאסיעוו און קנייטשט זיין שטערן, נישט ווייל די מוזיק איז אמת'דיג געווען אונאנגענעהם. אין דער ריינער קלארער לופט קלינגען די טענער זעהר אנגענעהם, נאר ווייל דער אפיציער איז איהם לאנגווייליג געווען און דאס האט איהם פערדראסען.

„ווירקליך? איהר האט פיינט מיליטער־מוזיק?" פרעגט דער אפיציער פריינדליך און קוקט אויף פאשא פערוואונדערט.

„יא, שטעלט אייך פאר!" ענטפערט פאשא מיט אן איראנישען טאן. „די טענער קלינגען אהן א שום געשמאק, און אייערע קאפעלמייסטערס זוכען עפעס ארויס אזאלכע מעלאדיען... דער טייוועל מעג זיי ווימען..."

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ס'איז דאך דא אויך גוטע מוזיק.. איבעריגענס, אוים יעדען טאן הערט זיך ארויס, אז די לייטע אינטערעסירט גאר נישט די מוזיק, זיי שפיעלען נאר בלויז כדי די צוהערער לוסטיג צו מאכען...

— יא, ס'איז אמת — ענטפערט דער אפיציער — פונדעסטוועגען ווייסט איהר, איז גאנץ אנגענעהם אין אזא שעהנעם וואונדערבארען אבענד עפעס א שעהן שטיקעל מוזיק צו הערען.

פאשא אפאנאסיעוו קוקט אויף איהם מיט א פיינדליכען בליק און בייסט צוזאמען זיינע ליפען.

— הערט! — זאגט דער אפיציער און הארכט זיך צו צו דער מוזיק מיט פערגעניגען — זעהר שעהן! דאס איז פון דער אפערא „גיישא" — ערקלעהרט ער מיט נאך מעהר פערגעניגען, און מיט זיין פינגער צייגט ער דעם טאקט.

פאשא אפאנאסיעוו ציהט צוזאמען זיין מויל, קוקט אויפ'ן אפיציער פון אויבען ביז אונטען און פערציהט מיט זיין נאז. ליזא קעהרט אוים איהר קאפ און ווארפט א שטרענגען בליק צום אפיציער.

נאך א קורצען שטילשווייגען זאגט ווידער פאשא: — אלזא אין הערבסט װעלען מיר זיך אלע פארטיג מאכען צו דער רייזע.

— יא! — ענטפערט דארא מיט א זיכערהייט.

— וואו אהין? — פרעגט דער אפיציער פערוואונדערט.

— קיין פעטערבורג! — ענטפערט פאשא, און ניט וויסענדיג פאר וואס פאנגט ער אין הארצען אן רחמנות צו האבען אויפ'ן אפיציער.

— דאס מיינט... און ליזא פאוולאוונא וועט אויך? — פרעגט דער אפיציער אין זעלבען פערוואונדעטען טאן ווי פריהער, און זיין קרעפטיגע שטימע ציטערט.

— אלע, אלע וועלען מיר פאהרען! — ענטפערט פאשא אפאנאסיעוו. דער אפיציער שווייגט, און פון זיין געגוג שעהנעם פנים קוקען זיינע אויגען מיט א מין טרויריגע בענקעניש.

— צו וואס פאר א שטודיום האט איהר זיך ענטשלאסען?

— ווענדעט זיך דארא צו ליזא מיט א פראגע.

— צו מעדעצין, נאטירליך! — ענטפערט פאשא בעגייסטערט אנשטאט ליזא.

— יא, פאר מעדיצין. — איבער'חזר'ט ליזא מיט אן ערענסטען טאן.

— אזוי ווי איך מיין, קען מען זיך גאר נישט וועהלען וואס מען וויל? — פאנגט פאשא אן מיט היץ צו ריידען און ווארפט יונגליש מיט די הענד — וואס איז דען אונטער די יעצטיגע אומשטענדען די פעדאגאגיק? — א ריינער אונזין!.. דאס וואס מען וויל לערנען איז נישט ערלויבט, און אנהויבען פון אנפאנג?... פאר דעם דאנק איך... אבער מעדיצין, איז א גאנץ אנדערע זאך. אין דעם קען זיך קיינער נישט אריינמישען... און וואס פאר א גליק דאס איז א מענש פון טויט צו ראטעווען! אדער פון זיינע ליידען צו בעפרייען!... שטעלט זיך נאר פאר: אט איז דער מענש באלד טויט... און פלוצלונג קומסטו מיט דיין מעדיצינישע קונסט און ראטעוועסט זיין לעבען, ער ווערט געזונד! וואס פאר א גליק דאס מוז זיין!

מען דארף עס נאר קענען בעגרייפען!

זיינע גרויסע גוטע אויגען זיינען פון בעגייסטערונג פייכט גע־ווארען. ער רעדט ווייטער אין די זעלבע בעגייסטערונג:

— יא, און חוץ דעם, איז דאס פאר'ן פאלק דאס נויטיגסטע! דער מעדיצינער קען גאר גרינג אונזערע אידעען פראפאגאנדירען...

די מוזיק האט אויפגעהערט. עס איז שטיל געווארען. אונבע־מערקט האבען אנגעפאנגען די שטערען צו בלישטשען איבער די שטאדט. אויפ'ן בולווארד פאנגט אן שטארק טונקעל צו ווערען. פון צווישען די בוימער וואס שטעהען אין עק בולווארד בלישטשען קליינע פייערלעך פון ציגארעטען, און קוים צו דערקענען, זעהט מען די ווייסע יוניפארמס פון די אפיציערען.

— איבעריגענס, — הערט זיך ווידער פאשא אפאנאסיעוו'ס איינגעהאלטענע שטימע — די ערשטע זאך איז: ארבייטען!... טהו אמת'דיג דיין פליכט וועסטו נוצען האבען.. וואס פאר א בערוף, וואס פאר א פראפעסיע? איז נישט קיין חלוק... דער עיקר איז, פיהר אן אמת'דיג לעבען, אזא לעבען וואו ס'איז דא קאמפף און זיעג!... אך! ווען איך דענק וועגען דעם, אז אין צוויי מאנאט שפעטער וועל איך זיין אוועק פון דאנען! ווייט פון די דאזיגע פלא־כע, שטענדיג זאטע, תמיד רוהיגע מענשעלעך, וואס האבען אזאל־כע אונבעדייטענד קליינע אינטערעסען אין'ם לעבען! שטארב איך אזש פאר פרייד!...

פון'ם אפיציערס מויל רייסט זיך ארויס עפעס אן אונבע־שטימטער ציטעריגער טאן...

— וואס? — פרעגט איהר ליזא שטערנג.

דער אפיציער שווייגט.

— די הויפטזאך איז — לערנען, לערנען און ווידער לערנען, — זאגט דארא מיט בעשטימטהייט — אין דעם ליעגט קראפט, אין דעם ליעגט אלעס!... מיר דארפען זיין פולע געבילדעטע מענשען, געבונג געווען דעליטאנטען, האלבע אינטעליגענטען, מיט די בלויזע הענד קען מען אין די היינטיגע צייט גאר נישט אנפאנגען.

— אמת! אמת! — הערט זיך פון דער טונקעלהייט פאשא אפאנאסיעוו׳ס שטימע.

— און נישט נאר בלויז עטוואס פאר די מענשען צו טהאן דארף מען זיין גאנצע געבילדעטע מענשען, נאר אויך פאר זיך אליין, פאר זיין אייגען לעבען.. מען מוז וויסען! קענען, כדי צו פער־שטעהן דאס גליק און די פריידען פון׳ם לעבען!

— און מעהר בעקאנטשאפט צו שליסען! — זאגט פלוצלינג דער אפיציער מיט אן איראניש און צופעליך בענקענדיגען טאן.

אלע זיינען פלוצלונג אזוי שטיל געווארען, אז דאס שווייגען האט אנגעהויבען שרעקענדיג צו ווערען.

ליזא קוקט אויפ׳ן אפיציער, אבער אין די טונקעלהייט זעהט זי נישט מעהר נאר זיין ווייסען ראק.

פאשא אפאנאסיעוו צולאכט זיך א וויילע, דאס רחמנות וואס ער האט פריהער פאר׳ן אפיציער געפיהלט, איז אינגאנצען פער־שוואונדען. פערקעהרט, ער פיהלט, אז ער וואלט איהם וועלען אבי־סעל רייצען, נידריג מאכען... ער בויגט זיך צו צו דארא און זאגט צו איהר שטיל: — פאר אן אפיציער איז דאס גענוג, ער דארף נישט מעהר....

— נא — יא! — ענטפערט דארא, און אין איהר שטימע פיהלט זיך אז זי האלט זיך קוים איין פון לאכען.

און ווייל די ריינע פריינדשאפטליכע אינטערעסען זיינען פער־שוואונדען, איז די פרעהליכע שטימונג פערלוירען געגאנגען און ס׳איז לאנגווייליג געווארען.

— ס׳איז שוין צייט א היים צו געהן, זאגט פאשא אפאנאסיעוו מיט א זיפץ. — דארא געגעצט — יא־א!

צוערשט בעגלייטען זיי אלע דארא ביז צום הויז, און זאלבע־דריט געהען זיי ווייטער. אויפ׳ן וועג פרעגט פאשא אפאנאסיעוו דעם אפיציער אויב ער האט געלעזען ניטשע אדער מארקס. דער אפיציער ענטפערט, ער האט זיי געלעזען, אבער אין זיין שטימע האט זיך דערקענט אן אונזיכערהייט. און אז פאשא אפאנאסיעוו

האט איהם אנגעהויבען פרעגען וועגען פערשיעדענע שטעלען פון די ביכער, האט ער געענטפערט מיט פערלעגענהייט:

— איך געדענק נישט, אמת'דיג איך גדענק נישט... איך קען זיך נישט דערמאנען אין די שטעלען... מעגליך אז גראדע דאס האב איך פערזעהן... איהר ווייסט דאך, איך האב זעהר ווענינ צייט.

ליזא הערט מיט ערענסטקייט זיך צו צו זייער געשפרעך, און עס קומט איהר עפעס זאנדערבאר פאר, אז ערשט פאר א קורצער צייט האט זי גערענקט מיט דעם אפיציער חתונה צו האבען, איצט דענקט זי, וואס פאר אן אונמעגליכקייט דאס איז; און ווערט פלוצלינג טרויריג.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו פאשאס הויז, האט זיך פאשא גע־זעגענט, און דער אפיציער איז ווייטער געגאנגען מיט ליזא ביז צום גארטען טיהרעל פון זייער הויז. פון דערווייטענס האבען זיי נאך געהערט דאס ארויפשפרינגען פון פאשא אויף די שטיגען, און אן אויפמאכען פון די טיהר.

— צום ווידערזעהן! ניקאלא ניקאלאוויטש; — זאגט ליזא און דערלאנגט דעם אפיציער איהר האנד.

ליזאוועטא פאוולאוונא! — פאנגט אן דער אפיציער פלוצלינג מיט א ציטערענדע שטימע — איז עס טאקע אמת אז איהר פער־לאזט אונז?

ליזא'ן ווערט פלוצלינג אונאנגענעהם. זי דערמאנט זיך ווי פא־שא אפאנאסיעוו האט צו איהר אין שפאס געזאגט: אז ווען זי וועט סאוואנאווען זאגען אז זי פאהרט אוועק, וועט ער פון קעשענע ארויסנעהמען א קאנאן און וועט זיך דערשיסען.

— יא, איך וועל פאהרען! — ענטפערט ליזא גאנץ טרוקען און קאלט, ווי זי האט נאך צו קיינעם נישט גערעדט.

דער אפיציער שווייגט.. זיין לינקער פוס מיט די שטייפע אנגעצויגענע הויזען ציטערט שטארק, און עפעס אן אונבעגרייפ־ליכע שמערץ פרעסט זיין ברוסט צוזאמען.

— אזוי.. פאר וואס ?... — פרעגט ער שטאמלענדיג.

— שטודירען פאהר איך ! — ענטפערט ליזא, ציהט מיט די ווייכע רונדע אקסעל און קוקט אויף איהם מיט א שטרענגגען בליק.

— איז דען דאס אונבעדינגט נויטיג ?... — פרעגט דער אפי־ציער שטאמלענדיג ווי פריהער.

ליזא ענטפערט נישט. עס קומט איהר עפעס אזוי זאנדערבאר פאר, וואס זי האט אמאל געדענקט צו זיין דעם פראסטען אונגע־בילדעטען אפיציערס פרוי.

— ס'איז שוין צייט... — זאגט זי קאלט. — צום ווידערזעהן !

— און איך, ליזאוועטא פאוולאוונא... וואס זאל איך... מיט א קוגעל אין שטערען !... — מורמעלט דער אפיציער אין זיך אריין. ער רעדט אזוי ווי גאר נישט דענקענדיג, זאגט נישט דאס וואס ער האט געוואלט זאגען.

— מיט א קאנאן וועט איהר אייך שיסען ? — פרעגט ליזא אין ערענסטען טאן.

— ניין... — וואונדערט זיך דער אפיציער, — פאר וואס עפעס מיט א קאנאן ?

— אזוי.. צום ווידערזעהן — זאגט נאכאמאל ליזא און רייכט איהם ווידער די האנד.

דער אפיציער וויל נאך עפעס ענטפערען, שלינגט עס אבער אראב און בלייבט אליין. א ווייל שטעהט ער אזוי פערטראכט אין עפעס, דערנאך קעהרט ער זיך אום און מיט זיינע שפארען קלינגענדיג געהט ער א היים.

פון ערגעץ אין דער טונקעלהייט הערט זיך דאס קלאפען פון א נאכטוועכטער.

דריטעס קאפיטעל.

פיער מאנאטען שפעטער איז ליזא טשומאקאווא און דארא

באראשאָווסקאיא געפאהרען קיין פעטערבורג. פאשא אפאנאסיעוו איז שוין לאַנג דאָרט געווען, און ער וועט זיי אויפ'ן באהן־סטאַנציע ערווארטען. זיי זיינען געפאָהרען אין א דריטע קלאס וואגאָן.

עס איז שוין געווען הערבסט, דאָס וועטער גרוי און רעגענדיג, אָבער דאָך נאָך שטיל און ווארעם. דעם גאנצען טאָג רעגענט עס און אַלעס איז נאס, די וואגאנען, די שינעס או ןדי באהן אַנגעשטעלטע, די קלעצער וואָס צווישען די שינעס האָבען אויף זיך גענומען א שווארצען קאליער. אויף די וואסערען און טייכען וואו די באהן פאָהרט דורך, פאלען די רעגען־טראפען און מאכען פערשיעדענע רעדעלעך פון אויוועז. אַלץ איז נאס און גלאנצענדיג, אַזוי ווי יע־דער זאך אויף דער ערד און די מענשען האָבען אויף זיך א דינע וואסער־שיכטע ארויפגעלעגט, און אַלץ ציטערט און שוידערט פון'ם רעגען.

דאָרא זיצט אויף איהר פּלאַץ אין וואגאָן און לעזט, און ליזא שמיעהט אויף די פאָדערשטע פּלאטפאָרמע ביים פענסטער, און איזרע ברענענדיגע אויגען קוקען אין דער ווייט אריין. עס דאכט זיך איהר, אז דער ווייטער גרויער האריזאנט, מיט די פייכטע רע־גען נעץ, דער ווייסער איינפאָרמיגער הימעל, אז אַלץ דאָס גיסט זיך צוזאַמען אין איין שטיק... שטענדיג דאכט זיך איהר, אז איהר ערשט פערלאָזענע היים, פאָטער און מוטער, סעריאשא, דאָס קליי־נע הינטעל, דאָס אַלטע הויז, און אַלץ וואָס איז איהר אַזוי אונענד־ליך טייער אַזוי שמערצליך ליעב, אז דאָס אַלץ איז באלד אונטער יע־נעם פערנעבעלטען האָריזאנט, און מען דארף זיך נאר אויף די פוס־שפּיצען שטעלען וועט מען עס קענען זעהן.

טרא—טא—טא... טראטא—טא... טרא—טא—טא... קלאפּען ריטמיש און איינטאָניג די רעדער פון דער באָהן. טראררארא ך! קלאַפּען די רעדער לויפענדיג איבער א הויכע אייזערנע בריק וואָס ציהט זיך איבער א געל שמוציג וואסער.

ליזא קוקט ארונטער און זעהט ווייט אונטער זיך, אַזוי ווי קליי־נע קינדער — שפּיעלעכלעך, די שווימענדע נאסע שיפלעך. זיי

שווימען איינס אונטער דעם צווייטען, די מענשען אויף זיי זעהן אוים קליין און שמוציג, און וואס אמאל ווערען זיי איינס נאכ'ן צווייטען פערשוואונדען, דאס געלע שמוציגע וואסער זעהט אוים ווי א נעץ פון אייביגען טרויער, וואס ציהט זיך ערגעץ צווישען אויסגע־וואשענע געלע ברעגעס, אלעם זעהט פאר איהר אוים פרעמד, קאלט און אונבעקאנט...

מיט שרעק דענקט פלוצלינג ליזא, וואס טהאן די מענשען דארט וייט פון די ברעגעס? וואס טהוען די מענשען אויף די שיפלעך, וואס שטענדיג מאכען זיי עפעס מיט די לאנגע שטאנגען? פון וואנען קומט דאס שמוציגע טריבע וואסער? און וואוהין געהט עס? ווי אזוי לעבען אט די מענשען וואס וואהנען איןביידע זייטען פון די ברעגעס?

ווען ס'האט אנגעפאנגען נאכט צו ווערען איז ליזא'ן א ביסעל לייכטער געווארען. זי איז צוריק אין וואגן אריינגעגאנגען. דארט האבען שוין די לאמפען געברענט, און עפעס גרויסע אונבעקאנטע שאטענס זיינען געוועזן פערשפרייט אויף די ווענד פון וואגאן. ליזא זעצט זיך נעבען דארא.

— וואו אהין פאהרט מען? — וויל ליזא מיט שרעק פרעגען. אנשטאט אבער די פראגע, רייסט־זיך ביי איהר ארוים נישט ווילענ־דיג אן אנדערע. פאשא אפאנאסיעוו וועט אונז זיכער ערווארטען?

— אודאי! — ענטפערט דארא.

דארא האט שוין לאנג אויפגעהערט צו לעזען, און עס דאכט זיך איהר, אז זי איז עפעס אויסערגעוועהנליך איינזאם, שרעקענ־דיג און קליין אין דעם דאזיגען גרויסען וואגאן, וואס איז פול מיט לעהרע דיניע קעהרלעך. עפעס אויסערגעוועהנליכע הויכע שטי־מען הערען זיך, אז הארמאניק שפיעלט ערגעץ גרילצענדיג, און א פאר שמוציגע, ערשט אריינגעקומענע פויערן קריגען זיך מיט כעס. און אין דעם מאמענט דאכט זיך איהר, אז ס'שעהנע אונבעקאנטע לע־בען, דער קאמפף, דער זיסער זיעג, וואס איהר האט זיך שטענדיג פארגעשטעלט און צו וועלכען זי פאהרט איצט, איז פלוצלונג מיט

אמאָל אזוי ווייט, אזוי אונענדליך ווייט פון איהר... און זי וועט עס קיינמאָל נישט עררייכען... ס'ווערט איהר אזוי טרויריג אויף איהר נשמה... און זי איז זעהר צופריעדען וואָס ליזא איז אריינגע־קומען. מיט גלענצענדע אויגען קוקט זי אויף איהר און זאָגט צו איהר שטיל און הארציג: — ליזעטשקא!

זי נעהמט איהר ווייכע ווארעמע האנד צווישען איהרע דינע פינגער. ליזא קוקט אויף איהר א ווייל׳ע פערטראכט. נעהמט איהר פלוצלינג ארום און דריקט זי שטארק צו זיך.

— ניין, קוק זי קודם אָן און דערנאָך קום צוריק וועלען מיר דערפון ריידען, — דערהערט זיך פלוצלינג שרייען פון אונטער דעם דינעם האליץ־ווענטעל וואָס צושיידט דעם וואגאן.

— טיא—טיא! — קוויטשעט דער ציההארמאָניקע.

א הויכגעוואקסענער, אונגעוועהנליך מאָגערער ארבייטער, מיט א בלויען ראָק און רויטע העמד אָנגעטהאָן קומט פון דער צווייטער אבטהיילונג און זעצט זיך אויף די באנק קעגענאיבער ליזא.

מינוטען לאנג קוקט ער אויף איהר מיט א שטארקען נארישען בליק, דערנאָך פרעגט ער זי: — „וואוהין פאָהרט איהר פריילין?“ עס פיהלט זיך פון איהם דער ריח פון שנאפס.

— קיין פעטערבורג. — ענטפערט ליזא.

איבער די באנק קוקט אן אנדערער מאן אריבער. ער זעהט אויס צו זיין א סאָלדאט. ער האָט ארויפגעדרעהטע וואנסען, רויטע באַ־קען און א געשטופעלטעם פנים.

— אזוי?! — ענטפערט דער ארבייטער — קיין פעטער־בורג? — מיט א ליידענשאפטליכען בליק קוקט ער אויף איהר פנים, איהר ברוסט... ס'דאכט זיך, אז ער וואלט איהר וועלען איינ־גאנצען איינשלינגען...

ליזא איז עפעס געווארען אונהיימליך שרעקענדיג.

דער סאָלדאט צולאכט זיך פלוצלינג אויפ'ן הויכען קול.

— וואָס האָסטו דען דאָרט געזעהן, וואָס דו לאכסט? — פרעגט דער ארבייטער דעם סאָלדאט. אין דעם הייזעריגען טאָן פון זיין

שטימע און דאס שאקלען זיך אהין און אהער דערקענט מען אז ער איז שכור.

— ליזא! — רופט דארא מיט שרעק — קום, לאמיר געהען אויפ'ן פלאטפארם.

— וואס, איהר ווילט זיך מיט מיר נישט אונטערהאלטען? — פרעגט דער ארבייטער מיט בעטרונקענעם כעס.

— פארוואס נישט?... — ענטפערט ליזא פאר מורא.

דער סאלדאט צולאכט זיך ווידער.

— איך פרעג... איך בין נייגעריג.. כ'וואלט וועלען וויסען פארוואס גראדע קיין פעטערבורג?

— מיר ווילען דארט שטודירען... — ענטפערט ליזא.

— שטודיערען גאר? — צושרייט זיך דער ארבייטער — נישט זיך...?

דער סאלדאט צולאכט זיך אזוי שטארק, אזש עס זעהט אויס ווי א הירזשען פון א פערד.

דארא ווערט דערשראקען און פאנגט און וויינען. ליזא קוקט אויפ'ן ארבייטער מיט ערענסטע פעראכטע אויגען, און עפעס א קאלטע לעהרקייט דריקט איהר ברוסט צוזאמען.

— איך וועל דיר ארייגפאהרען אין פנים אריין, אז דו וועסט נישט אויפהערען — הערט זיך אונערוואַרטעט א שטימע פון דעם צווייטען ווינקעל פון וואגאן, און עס בווייזט זיך אן אלטער פויער אין צוריסענע קליידער אנגעטהאן, — וואס הייסט צו בעלעסטיגען מענשען? דו דומקאפף וואס דו ביסט! געה פון דאנען! — אך, איך פייף דארויף!... דער רוח זאל זי נעהמען! דו — דו..!

ביי דעם זאגט דער ארבייטער זעהר א געמיין ווארט, הויבט זיך אויף פון באנק און געהט אוועק.

— אזא דומקאפ! בעלעסטיגען מענשען! — זאגט דער אלטער מאן מיט א שטילען כעס און ווערט פערשוואונדען נאכ'ן ארבייטער.

— פון וואנען זייט איהר דען? — הערט מען דעם אלטען וועמען פרעגען.

— פון קאלוגאשעז. — ענטפערט דער ארבייטער.

— און איך בין פון קורסק. — זאגט דער פויער.

געגען אווענד איז די לופט אין וואגאן נאך שווערער געווארען. אזוי ווי ערגעץ בעהאלטענע הערט זיך ווי דער רעגען קלאפט שטיל אין די פענסטער און איינטאניג לאנגווייליג קלאפען די רעדער פון דער באהן.

דארא האט זיך אויף די באנק אוועקגעלעגט און האט מורא זיך א ריהר צו טהאן; ליזא געהט ווידער אויף די פלאטפארמע ארויס. דארט איז שוין איינגאנצען טונקעל, נאר קאלט און נאסקייט פיהלט זיך, דארט שטעהט ליזא צוויי שעה און קוקט אנגעשטרענגט מיט א בענקענדיגען בליק אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט.

זי דערמאנט זיך ווי זי איז פאר צוויי טאג פון דער היים אוועק געפאהרען... סאריאשא און איהר מוטער האבען געוויינט און ווי ס'איז פלוצלינג אין הויז שטיל געווארען, אזוי ווי מען זאל עפּעס זעהר וויכטיגעס פון הויז אוועקטראגען, וואס אהן דעם מוז אין הויז וויסט און שטיל ווערען... דערנאך ערשיינט פלוצלינג אויף די באהן־סטאנציע נישט ערווארטענדיג, דער אפיציער סאווינאוו, אין א גרויען לאנגען פון רעגען דורכגענעצטען מאנטעל, זיין געזיכט איז טרויריג און בלאס.

— ליזאוועטא פאוולאוונא!... — זאגט ער צו איהר מיט א ציטעריגע שטימע. — איך וויל מיט אייך רעדען...

איהר איז געווארען שווער און אונאנגענעהם אויפ'ן הארצען. ס'האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אלץ וואס קען נאך געזאגט ווערען האט ער שוין דורך דעם גאנצען זומער געזאגט. עס דאכט זיך איהר איבערהויפט, אז די אלע געשפרעכען וואס זי האט מיט איהם געהאט איז געווען לאנגווייליג און געצוואונגען. ס'איז דאך געווען איבער זאכען וועלכע האבען זיך נישט געקענט ענדערען...

אין אנפאנג האט זי אויפ'ן אפיציער רחמנות געהאט, אבער שפעטער זיינען איהר זיינע געשפרעכען לאנגווייליג געווארען, נישט

ווייל זיינע רעדען זיינען איהר איבערדריסיג געווארען, נאר, ווייל יעדער האט פון איהר געלאכט, וואס זי האט אמאל געקלעהרט זיין פרוי צו ווערען...

ליזא דערמאנט זיך ווי פאשא אפאנאסיעוו פלעגט זאגען:

„דער ארעמער, ער ליידעט דאך זעהר פיעל, ר'האט א פנים ווי א קאפהאהן וועלכען מ'האט דעם שעהנעם ווײנדעל ארויסגע־ריסען!...

פונדעסטוועגען איז זי מיט'ן אפיציער געגאנגען אויף די ווע־ראנדע פון דער באהן־סטאנציע אויף און אב.

דארא האט איהר דאמאלס געזאגט, אז זי זאל שנעלער מאכען און דער אפיציער האט געענטפערט טרויריג — איך וועל ליזא'ן לאנג אויפהאלטען.

שווייגענדיג זיינען זיי געגאנגען א פאר מאל אויף און אב, דער אפיציער האט שווער געאטהעמט און האט געקוקט אויף זיינע שמוציגע לאק־שטיוועל.

— נא, וואס ווילט איהר מיר זאגען? — האט ליזא איהם גע־פרעגט.

— איך... וועט אלעם צווישען אונז אויסזיין...? — האט ער מיט א שמערצליכען טאן איהר געפרעגט, און זי האט דאמאלס גע־טראכט: פאר וואס פרעגט ער נאך? ער ווייסט דאך אז אלץ איז צו ענדע. נאר זי האט געשוויגען.

דאס ערשטע מאל קלינגען האט זיך געהערט.

דער אפיציער האט שווער געזיפצט.

— ליזאוועטא פאוולאוונא! — האט ער פלוצלינג האסטיג זיך אנגערופען. — איך בין אפשר איצט זעהר נאריש, און... איבער־הויפט בין איך איצט... איך וועל אייך אבער נישט שטערען... איהר ווייסט אז איהר וועט אין ערגעץ נישט געפינען נאך אזא מענשען.. ווי איך. וואס וועט אייך... אזוי נאהענט זיין... אזוי ליעב האבען... איך פערשטעה נישט פאר וואס איהר מוזט פאהרען... איהר קענט דאך אויך דא... ווען איהר ווילט נאר... אויך דא גליקליך זיין...

ס'איז מעגליך, אז איך בין אייך נישט ווערט... זיכער נישט... אבער איך וועל אייך... איך וועל אלץ טהאן... ווען איך זאל נאר וויסען אז איהר... איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ליזאוועטא פאוואלאוונא, ווען איך...

פלוצלינג האט ער אנגעפאנגען ציטערען, איז געבליבען שטיל.

דערנאך האט ער איהר געהאלפען די זאכען אין וואגאן אריינ־טראגען און לאנג איז ער נאך געשטאנען און געפאכעט מיט זיין הוט ביז די באהן איז פערשוואונדען...

— אך, אין אמת'ן איז ער גאר נישט אזוי נאריש, — האט זי דאמאלס געזאגט צו דארא, נאר אויסערגעוועהנליך לאנגווייליג.

און איצט טראכט ליזא, שטעהענדיג ביי דעם פיערעקיגען טונקלען פענסטער פון דער פלאטפארמע — וואס וואלט געשעהן, ווען פלוצלינג ווי דער ארבייטער האט ער איהר בעלעסטיגט און געשימפפט, וואלט זיך די טיהר געעפענט און דער אפיציער וואלט אריינגעקומען און פאר איהר זיך אנגענומען.. א מאדנע ליידענ־שאפטליכע בענקעניש בעהערשט איהר גאנצער נשמה, זי וואלט וועל־לען איצט איהם זעהן, מיט איהם ארעם אין ארעם צוזאמענגעדריקט, אין גארטען ארומגעהן... און צו פיהלען אז זי איז רוהיג, ריין און בעשיצט פון א טריי הארץ...

ליזא צוואויינט זיך שטיל, און די טרעהרען רינען איבער איה־רע רונדע פולע באקען. אויף איהרע קינדעריש־ווייכע ליפען און פא־לען אויף די צארטע מיידליש־רונדע ברוסטען...

פיערטעס קאפיטעל.

דער פריהלינג איז געקומען. די גאנצע ערד האט לייכט אב־געאטהעמט, אזוי ווי זי זאל פון זיך עפעס זעהר שווערעס אראב־ווארפען. אין די גאסען פיהלט זיך שוין דאס שטילע ווייכע פריה־לינגס־ווינטעל, וואס בלאזט פון די דרויסענדיגע פעלדער און וועל־

דער. דער ווייסער שנעע פאנגט אָן צו שמעלצען, און עס לויפט אין די רינשטאָקען, קליינינקע ריינע טייכעלעך, אויף פיעלע פּלעצער זעהט זיך שוין דאָס יונגע גראָז ארויס.

אין׳ם קראנקען צימער פון׳ם מיליטערישען שפּיטאל איז העל און ליכטיג. דורך די געעפענטע פענסטער שטראָמט אריין די פריהלינג לופט. אין צווישען די איינפאָרמיגע רייהען בעטלעך און די שווערקראנקע אָבגעמאטערטע מענשען זעהט דאָס שפּיטאל־צימער אויס לאנגווייליג און בעטריבט...

פאשא אפאנאסיעוו זיצט ביים פענסטער וואָס געהט ארויס צום גארטען פון שפּיטאל. אויף זיינע קניהען ליגט אָן אויפגעמאכטעס בוך, און זיינע הענד וואָס האלטען עס זעהן אויס אזוי בלאס און מאָגער אזש עס טהוט איינעם וועה אז מען קוקט אויף זיי.

ליזא טשומקאָווא, דאָרא באָראשקאָווסקאיא און דער סטודענט אַנדרעיעוו, זיצען ביי איהם און שווייגען. ס׳איז זיי עפּעס פיינליך זיי זאָלען זיך מיט איהם אונטערהאלטען. דער אסיסטענט פון׳ם פּראפעסאר האָט זיי אין קארידאר געזאָגט: אז פאשא וועט זיכער די וואָך נישט איבערלעבען. די אנשטרענגענדע אונגעוואהנטע ארבייט און דער פרעמדער קלימאט האָט איהם געטויטעט.

— דער מענש איז פערלוירען... אַ שאָד אזא יונגער מאן!

— האָט דער דאָקטאר געזאָגט.

כאָטש ס׳איז פאשא׳ן שווער געווען צו רעדען, פונדעסטוועגען האָט ער נאָר געהאלטען אין איין רעדען. מ׳האָט איהם ניט פערבאָטען צו ריידען ווייל סיי ווי וועט ער שוין נישט לאנג אויסהאלטען.

— ווען איך האָב דאָס בוך געלעזען — זאָגט פאשא אפאנאסיעוו מיט א שוואכער הייזעריגער שטימע און מיט זיינע דינע פינגער קלאפּט איהר אין בוך — לעזענדיג דאָס בוך, האָט זיך מיר געדאכט אז אלע פענסטער פון׳ם צימער האָבען זיך געעפענט, אלעס ארום איז ליכטיג געווארען... אידעאלען... פּראכטפאָלע מענשען, ס׳איז נישט קיין איינפאכע ערצעהלונג, פון א מיידעל וועלכע האָט

בעשלאָסען צו שטודירען... דאָס איז אַ סימבאָל מיט אַ טיעפער בע־דייטונג...

אַלע האָבען געוואוסט פון וואָס פאר אַן ערצעהלונג פּאשא רעדט. אויף זיי האָט עס אָבער געמאכט אזא מין שווערע ווירקונג. דער מאָדנער טאָן פון פּאשא, און וויסענדיג אז דער ערצעהלער וועט שוין באלד שטארבען, האָט זייערע הערצער צוגעדריקט.

— אך! נאָך אזאלכע טאָפּפּערע, מוטיגע שטימען — זאָגט ווייטער פּאשא שטיל און אנגעשטרענגט, — מען מוז זיי אויפוועקען! זיי רופען... זיי אלע דערצעהלען, אז דאָרט איז קיין לעבען נישט... וואו ס'איז קיין קאמפּף נישטאָ, איז קיין לעבען אויך נישטאָ! די הויפּטזאך איז אבער: אז דער אייגענער „איך", די אייגענע אינטערעסען, דער עגאָאיזם, זאָל צוריקטרעטען, זאָל פערשווינדען! קעמפּפען זאָל מען פאר אלעמען... דער זיעג זאָל זיין אלעמענס! אַלע זאָלען געניסען די פרייהייט! די גאנצע וועלט זאָל זיין א י ן מענשהייט! א ל ע זאָלען גליקליך זיין!...

— יאָ.. ווי אזוי קען מען צו דעם קומען? — פרעגט אנדרע־יעוו שטיל.

פּאשא אפּאנאסיעוו ענטפערט נישט, נאָר קוקט אויף אנדרע־יעוו'ן מיט ערשטוינונג, און זיינע אויגען גלאָנצען קראנקהאפט. אנדרעיעוו שווייגט.

— ליעבע ליזאטשקא! — ווענדעט זיך פּאשא צו ליזא. — עס פרעהט מיך אזוי וואָס איך האָב אייך ארויסגעריסען פון דעם זומפּ דאָרט אין'ם קליינעם שטעדטעל... איך פרעה מיך פאר אייך און פאר מיר... דאָס איז דאָך ע פּ י ס געטהאָן, א מענש האָב איך פון אונטערגאנג געראטעוועט... און נאָך דאַצו אזא ליעבען און גוטען מענש ווי איהר זייט, ליזאטשקא... נישט אמת, איך האָב אייך ארויסגעצויגען?... נאָ. נאטירליך נישט אינגאנצען, אויף די בי־כער האָבען מיטגעהאָלפען.. אבער אליין איינס...

ער בלייבט שטיל און טראכט עטוואָס ווענען א זאך נאָך; און ווען ער הויבט ווידער אָן צו רעדען, איז עס איהם שוין שווער

און אונבעהאָלפען...

— הערט, ליזאַטשקאַ, ווען איך וועל שטאַרבען... ס'איז מעג־ליך... געוויס... לאָז איך אין אייך איבער מיין ווערק... איהר זייט מיין ווערק... אין אייער ליעבע גוטע נשמה וועל איך ווייטער לעבען, און איך.. עס איז דאָך אזוי, ליזאַטשקאַ?... אויף וואָס פאַר אַ טרויריגע געדאַנקען איך בין געקומען... געדענקט איהר נאָך לי־זאַטשקאַ, ווי איהר האָט געוואָלט מיט דעם אָפיציער הייראַטען? דעם נאַרישען אָפיציער וואָס האָט זיך געוואָלט מיט אַ קאַנאַן דער־שיסען?

פּאשא אפאנאסיעוו צולאַכט זיך פרעהליך.

— איך געדענק, פּאשא... — ענטפערט ליזא טרויריג, קוקט מיט איהרע גרויסע גוטע אויגען אין זיין פנים און צווינגט זיך צו שמייכלען.

— נאַ... זאָל איהם גאָט העלפען!... ווייסט איהר, איך האָב אויף איהם רחמנות. אין אמת'ן איז ער דאָך גאָר נישט שולדיג אין דעם. זיין שיקזאַל און די אומגעבונג, אין וועלכע ער האָט גע־לעבט, האָט געמאַכט אויס איהם דאָס וואָס ער איז, און איך גלויב, אַז נעליטען האָט ער גענוג... יאַ...!

פּאשא אפאנאסיעוו בלייבט ווידער נאָכדענקליך און אין זיינע אויגען לעגט זיך עטוואָס טרויריגעס און ווייכהערציגעס.

— יאַ, די הויפּטזאַך איז, וואָס איהר זייט פון דאָרט אוועק! רעדט ווייטער פּאשא, און זיינע אויגען ווערען ווידער אויפגעלעבט. עס מעג קומען וואָס עס וויל, איצט שטעהט פאַר אייך אַלעס אָפען... ליעבע ליזאַטשקאַ!

פּאשא אפאנאסיעוו פערטראַכט זיך, עטוואָס זעלטזאַמעס, אונ־בעגרייפליכעס, עטוואָס איבערנאַטירדישעס לייכט אויף אין זיינע אוי־גען, און זיין בלאַס פּנים ווערט אַזוי ווי הימליש פערקלערט.

דאַראַ דאַכט זיך, אַז ער רעדט נישט מעהר מיט ליזאַ, און עס עראינערט זי אין אַ מאַרטירער בילד וואָס זי האָט אַ מאָל ערגעץ געזעהן. זי ווערט טרויריג און פערטראַכט.

ווען זיי האבען זיך שוין פערטיג געמאכט צום אוועקגעהן, זאגט פאשא, שוין זעהר שוואך דורך די אנשטרענגונגען, צו אנדרע־יעוו:

— מיין ליעבער! נעהם די דאזיגע שריפטען און גיב זיי אוועק באנדראנאווען... סאיז אין זיי דא זעהר וויכטיגע בעמערקונגען.. איך וויל זיך א ביסעל לעגען... נא, צום ווידערזעהן מיינע טייערע!

זיי זיינען שוין געווען ביי די טהיר, הערט מען פלוצלינג ווי פאשא רופט: „ליזא!... ליזאטשקא!...“

דארא און אנדרעוויע בלייבען שטעהן אין קארידאר און ליזא קעהרט זיך צוריק, פערבייגט זיך צו איהם, און זי פיהלט דעם טרו־קענעם שוויסיגען גרוך פון זיין קראנקען קערפער.

— ליזאטשקא, — זאגט פאשא און בלייבט ווידער שטיל. זיינע אויגען בעקומען א זעלטזאם ליכט. זיי פאנגען אן טיעף צו גלאנצען, און זעהט אוים אזוי ווי ער זאל אריינקוקען אין זיין איי־גענער נשמה...

ליזא שטעהט אזויווארטענדיג איבער איהם געבויגען און א שרעק בעפאלט איהר, זי ווייסט נישט פאר וואס... זי האט מורא אויף איהם א קוק צו טהאן...

ליזאטשקא... זאגט פאשא נאך שטילער, אזוי ווי ער זאל מורא האבען כ'זאל ווער נישט הערען. — ביי אונז אין דער היים איז שוין אוראי דער שנע צוגאנגען... ס'איז איצט פריהלינג... ליזאטש־קא!... דער דאקטאר האט געזאגט, ווען איך זאל שטענדיג אין די ווארימע געגענדען לעבען... וואלט איך נאך אפשר געזונד געווארען...

פון זיינע אויגען האבען זיך א פאר טרעהרען ארויסגעגאסען און זיינען געפאלען אויף זיינע בלאס־מאגערע באקען.

ליזא האט געפיהלט אז זי וועט זיך שטארק צואוויינען, האט זיך שנעל אבגעקעהרט פון איהם, געדריקט איהם זיין דארע האנד, און איז שנעל ארויסגעלאפען.

אין קארידאר האט זי זיך היסטעריש צואוויינט.

פינפטעס קאפיטעל.

אין א טריעבען ווארעמען פריהלינג טאג איז פאשא אפאנא־סיעוו בעגראבען געווארען.

א קלעבעדיגע בלאטע פון צושמאלצענעם שנעע איז געווען פער־שפרייט אויף אלע וועגען, און טראגענדיג דעם טויטען־קאסטען האט מען זיך אויסגעגליטשט און קוים מיט מיה, מען האט דעם טויטען פאשא צום בלאטיגען קבר צוגעטראגען.

— גלייכע שריט האלטען, מיינע העררען, גלייכע שריט, — האט איינער פון די סטודענטען וואס האבען דעם קאסטען געטראַ־גען מיט א טרויריגע שטימע געזאגט.

מען האט איהם אין קבר אראבגעלאזט. און די נאסע ערד וואס מען האט דאס קבר פערשיט, איז געפאלען אויפ'ן קאסטען עפעס מיט א טרויריג אימה'דיגע קלינגען ווי ס'וואלט ערגעץ א היימ־לאזער הונד פאר קעלט און הונגער געהאוועט...

די סטודענטען און סטודענטקעס זיינען געשטאנען ארום דעם פרישען קבר, שווייגענדיג און צוזאמענגעדריקט און האבען זיך נים געוואלט צוגעהן.

— לאריאנאוו, א רעדע... רעדט! — האבען די סטודענטען אנגעפאנגען שרייען, אויף לאריאנאווס פערשוויצטען רויט געווא־רענעם פנים האט מען געקענט לעזען, אז איהם קומט עס אויך זעהר זעלטזאם פאר, אז פון דעם קבר זאל ער אויך אזוי איינפאך אוועקגעהן נישט זאגענדיג קיין ווארט.

— יא, נא... וואס דען?... — זאגט ער ציהענדיג מיט די אק־סעל.

א יונגער שעהנער סטודענט מיט א בעגייסטערט־פעהיגען קלוגען פנים האט זיך ארויסגערוקט פון צווישען די סטודענטען. ארונטערגענומען זיין היטעל פון זיין געקרויזטען קאפ, האט זיין בליק געווארפען איבער'ן גאנצען קברות און מיט א בעוועגטער

ציטעריגע שטימע האט ער געזאגט:

— קיין זאך ווערט נישט אוועקגעגעבען אומזיסט...! דאס לע־בען פאדערט אויסלייז־געלד!...

אינגאנצען רויט ווערענדיג בלייבט ער שטיל, און כאטש ס׳איז געווען א סך מענשען, האט געהערשט א מין טויטען שטילקייט ארום. נאר די ווארענעס וואס זיינען געפלויגען ארום די בערגלעך שמור־ציגע, נאך נישט צושמאלצענע שנעע האבען מיט זייער הייזע־ריגען קול די שטילקייט געשטערט.

— וואס... מיר וועלען געהן... — זאגט דארא צו ליזא.

מיט איהרע שטארק פערוויינטע אויגען קוקט ליזא נאכאמאל צום ערשט פערשיטעטן קבר, און ענטפערט שטיל און פערשטיקט:

— יא, מיר געהען...

די ווארענעס פליהען ארום דעם קבר א פאר מאל און זייער קרעכץ - געשריי „קראה" מאכט פול די לופט.

גלייך ווי דארא און ליזא זיינען פון׳ם בית הקברות ארויס, האָ־בען זיי זיך אויפגעזעצט אויף א טראמוויי א היים צו פאהרען. זיי פאהרען איבער ברייטע און שמאלע גאסען, טונקעלע איינפארמיגע הייזער וואס זעהען אויס ווי א י י ן צוזאמענגעדריקטע טונקעל גרויע וואנד, וואס מ׳האט אויף להכעים אויפגעשטעלט צו פערשטע־לען גאטס וועלט...

אין די טראמוויי האבען די מענער געקוקט אויף ליזאס שעהנעם פולען קערפער און אין זייערע אויגען האט געפינקעלט א ליידענ־שאפטליך נאריש פייערל. ליזא זייענדיג פערטהאן אין׳ם טרויער, האט עס נישט בעמערקט, אבער דארא האט עס יא בעמערקט, און ס׳האט איהר פערדראסען. — וואס קוקען זיי די חיות? — האט זי שטיל געמורמעלט, אז אפילו ליזא האט ניט געהערט.

ווען זיי האבען די טראמוויי פערלאזען, און געהענדיג דורך די גאסען א היים זאגט דארא שווער זיפצענדיג: — אזוי איז עס, איז ער שוין בעגראבען. — און ציטערענדיג פאר קאלטקייט און אומעט לעגט זי צו: — ווי אלצדינג איז אזוי איינפאך.. אזוי שרעקליך

איינפאך...

גרויסע טרעהרען פאנגען ווידער אן צו רינען איבער ליזאס באקען.

— ארעמער, ארעמער פאשא! — זאגט זי שטיל.

— געהסט צו מיר ארויף? — פרעגט דארא צוקומענדיג צו איהר וואהנונג.

— איך ווייס ניט... איבעריגענס, יא, איך געה ארויף צו דיר, — ענטפערט ליזא שווער זיפצענדיג.

זיי געהען ביידע דורך דעם הויף־טויער, געהען דורך דעם קליי־נעם הויף און פאנגען אן די טרעפ ארויף צו געהן ביז צום פיערטען שטאק.

דארא'ן קלאפט דאס הארץ שטארק און אין איהרע הייסע שלע־פען פיהלט זי ווי דאס בלוט קאכט. אין דעם ענגען שמוציגען קארידאר, וואו עס פיהלט זיך א גערוך פון געפרעגעלטע ציבעלעס און נאסע שמאטעס טהוען זיי זייערע מאנטלען אויס און געהען ביידע אריין אין דאראס צימער.

דאס צימער איז קליין און מיט ווייניג מעבעל. א האלב־טונ־קעלהייט הערשט איבער'ן גאנצען צימער און נאך דעם פייכטקייט פון די ווענד און דעם פערשטיקטען ריח, דערקענט מען אז די זון קומט דארט קיינמאל נישט צו, און ס'איז נאר א וואונדער ווי אזא צארטע יונגע מיידעל קען דארט וואהנען.

ליזא זעצט זיך אויפ'ן שמאלען בעט און גלעט איהר גרוי קלייד וואס ליגט אזוי ווי אויסגעצויגען אויף איהרע פולע רונדע קניהען. דארא בלייבט אונבעוועגליך ביים טיש שטעהן און קוקט שטאר אין דעם ווייס האלב־טונקלען פענסטער, דורך וועלכען עס זעהט זיך א גרויע שמוציגע הויכע וואנד פון א נעבען־הויז.

אין די לעצטע פאר טעג איז אזוי פיעל אויפרעגונג געווען, אזוי פיעל בעשעפטיגונג, אזוי פיעל טרויריגע רעדערייען, צוזאמענזיין און פערזאמלונגען אט אין דעם דאזיגען קליינעם צימער. און איצט איז דא אזוי שטיל... אזוי שרעקליך שטיל... באלד וועלען זיי זיך ווי־

דער רוהיג זעצען און עסען, שלאפען, שטודירען אדער עפּעס אנ־דערע וואכעדיגע ארבייט טהאן... אזוי טראכטען ביידע כמעט דאס זעלבע, און א שמערצליכע שטימונג צוגיסט זיך איבער'ן גאנצען צימער.

— איבערמארגען איז אנאטאמיע... — זאגט ליזא שטיל און טרויריג, אין דער צייט דענקט זי גאר וועגען עפּעס אנדערש.

דארא שווייגט.

— די עקזאמענס וועלען באלד זיין צו ענדע... — פאנגט ליזא ווידער אן, און אויף איהר פּנים דערקענט זיך, אז זי בעמיהט זיך די טרויריגע שטימונג וואס דריקט איהר הארץ אזוי שווער, אביסעל גרינגער צו מאכען.

— נעכטען האב איך פון דער היים א בריעף ערהאלטען — זאגט ליזא ווייטער.

— אזוי ? — פרעגט דארא מעכאניש און טרויריג.

— יא... מיין מוטער שרייבט מיר, אז דארט איז שוין כמעט אינגאנצען פריהלינג. ס'איזווארעם און די טעג זיינען שעהן...

ליזא זיפצט און בלייבט שטיל... זי האט געוואלט זאגען, אז עס ציהט זי א היים, ארויס צווישען דער גרינער פריהלינג וועלט און ווארעמקייט. זי בענקט נאך דעם איינפאכען, שטילען, רוהיגען לעבען... אז דאס לעבען פון דאנען איז איהר שוין נמאס געווארען... אבער עפּעס א בעהאלטענע שרעק פאר דארא האלט איהר צוריק פון צו זאגען דאס.

דאס איז א קליינינגקייט... טראכט ליזא, שוואכהייט... מען דארף עס בעקעמפּפען...

דארא שווייגט נאך אלץ.

— נעכטען האבען די סטודענטען פּראטעסטירט געגען די שענדליכע האנדלונג פון וויאסניקאף... — זאגט ווייטער ליזא.

— נא ? — לאזט זיך קוים דאס איינע ווארט פון דארא הע־רען.

— נא, און ווייטער גאָר נישט...

פלוצלינג געהט דאָרא צו צו ליזא, ציהט צוזאַמען ביידע הענד אין פויסטען און זאָגט מיט א האלב פערשטיקטען טאָן: אך, ליזא, ליזאטשקא!... ס'איז לאַנגוויילינ, שוידערליך לאַנגוויילינ איז... ס'איז אַלעס נישט דאָס... נישט דאָס...!

ליזא פיהלט באלד די טרעהרען אין די אויגען, און עפּעס א מין מוטערליכע רחמנות פיהלט זי אין הארצען צו דאָרא. און אויגענ־בליקליך פערגעסט זי אין זיך אליין און מיט איהר פולע רונדע ארעמס נעהמט זי אַרום דאָרא און דריקט זי צו איהר ווייכע, וואַ־רעמע ברוסט.

— ס'איז גאָר נישט, דאָראטשקע... מיין ליעבע טייערע דאָ־ראטשקא! — זאָגט זי הארציג און קושט איהר אין קאָפּ און די באקען.

— זאָל איך אריינטראָגען דעם סאמאוואר? — הערט זיך פון הינטער דער טהיר דער בעל־הבית'טעס הייזעריגע שטימע פרעגען.

דאָרא דערשרעקט זיך און ליזא ענטפערט רוהיג: — יא, ברענגט אריין!

א דיקע שמוציגע פרוי, וואָס האָט פיינד די סטודענטקעס, ווייל זיי לעבען זיך בעסער פון איהר און זי מוז זיי צוליעב די 15 רובעל ביי זיך האַלטען, טראָגט אריין א שמוציג מיט גרינעם ראָסט בעדעקטען סאמאוואר און שטעלט איהם אויפ'ן טיש.

— אפשר וועט איהר אויך עפּעס עסען? — פרעגט זי נישט קוקענדיג אויף קיינעם.

— ניין! — ענטפערט דאָרא.

ליזא, און אזוי אויך דאָרא, פיהלען עפּעס א מין שרעק פאַר דער בעל־הבית'טע. דער דאָזיגער נארישער קאַלטער כעס פון א פרעמ־דען מענש, צו וועלכען זיי זיינען נישט געוואַחנט, וואַרפט אויף זיי ארויף א שטילע מורא און פיהלען א בעהאַלטענעם שמערץ אין גע־גענוואַרט דער בעל־הבית'טע און זיי בעגעגענען איהר א מאָל אויף די שטיגען אָדער אין קאָרידאָר, וויכען זיי איהר אויס... עפּעס

אריינברומענדיג אין זיך אריין געהט די בעל־הבית'טע ארויס מיטנעהמענדיג מיט זיך דעם בעקען מיט'ן שמוציגען וואטער, און א קלאפ געבענדיג מיט זייער טיהר.

ליזא און דארא זיצען א לאנגע צייט שווייגענדיג. אין ליזא'ס שטילע טיעפע נשמה פאנגט זיך אן עפעס אזוי ווי כוואלעס פון געדאנקען צו בעוועגען. אן אונגעהייערער שמערץ בויערט טיעף אין איהר הארצען... זי טראכט וועגען פאשא; אט האט ער ערשט געלעבט... און שוין נישטא... בעגראבען, ס'איז עפעס אזוי זעלטזאם... אט ערשט, טראכט זי, האבען זיי ביידע וועגען דער צוקונפט גערעדט... און שוין... עס דאכט זיך איהר, אזוי ווי מען זאל געוועזען ערגעץ א ליכט אוועקגעהמען און זי זעהט: אלץ ארום איהר איז טונקעל און לעער...

דארא דרעהט זיך ארום אין צימער, מאכט פארטיג די טעע, בלייבט ווידער א ווייל פערטראכט און דענקט אין עטוואס וואס ליזא ווייסט נישט. דער סאמאוואר פאנגט אן שטיל און וועהמוטיג ווי א קלאג־ליעד צו זינגען, און ליזא פאנגט ווידער אן שטיל צו וויינען...

נאך א שעה קומען די סטודענטען לאריאנאוו און אנדרעיעוו, און דער דיקער קורצזיכטיגער לאריאנאוו פאנגט גלייך אן פון פאשא אפאנאסיעוו צו ריידען.

— נאך מיין מיינונג איז פאשא אפאנאסיעוו געוועזען א מערקווירדיגער מענש, — זאגט ער טרויריג און קוקט אויף יעדען פון אונטער דער בריל. — ס'איז אין איהם געוועזען א שטארקע קראפט, און עס ווילט זיך גאר נישט גלויבען אז ער איז אזוי שנעל געשטארבען. די הויפטזאך: ס'איז אין איהם געוועזען אזא אייגענשאפט, אז ער האט געקענט ווירקען אויף אנדערע, ס'דאכט זיך מיר איצט, אז אונזער ארבייט מוז געוויסליך אויפהערען...

ס'וועט נישט אויפהערען — רופט זיך אן אנדרעיעוו, מיט'ן קאפ שאקלענדיג — נו יא...

דעם אמת זאגענדיג, איז אפאנאסיעוו ניט געוועזען קיין פראק־

טישער מענש.

— פראקטיש איז ער טאקע ניט געווען. — שטימט לאריאנעוו צו — ער האט אבער פערשטאנען ווי ארייזצוגעבען פייער... איהר זעהט דאס איז טאקע די זאך: איך האב שטענדיג גוט בעגריפען, אז אלץ איז נישט אזוי גרויסארטיג, און ווען מען וואלט אמאל פאר־שא'ן גענפרעגט: וואס מען דארף אייגענטליך טהאן?... וואלט ער אליין נישט געוואוסט צו ענטפערען, אדער ער וואלט עטוואס א פראזע געזאגט. אבער אין איהם אליין האט עפעס געברענט... און דאס האט איהם מיטגעריסען.. פערשטעהט איהר?.. אפילו ווען אין דער אמת'ן איז עס אנדערש געווען, אבער ער האט יעדען בע־גייסטערט... יא?

לאריאנאוו קוקט מיט א פערצווייפעלטען בליק אויף יעדען בע־זונדער.

— דו ביסט א שוואכער מענש, נישט ווייטער! — ענטפערט אנדרעיעוו און בייסט זיך זיינע ליפען.

— קען זיין... — ענטפערט לאריאנאוו, שוין א ביסעל אין יעם — הערט... איך האב גאר נישט געוואלט רעדען וועגען דעם... ס'איז עפעס פויל ביי אונז... אז איך דענק אמאל נאך אדער אז איך לעז עפעס... ווען איך האב זיך צוגעהערט צו אפאנאסיעוו'ס רעדען, איז גאנץ אנדערש געווען. מען האט אמאל זיך עטוואס גרויסעס יזון שעהנעס פארגעשטעלט... אבער איצט... גאר נישט!... ס'איז אזוי לעער און פוסט אויף דער נשמה... יא...

ער בלייבט א ווײלע שטיל... באלד רעדט ער ווידער מיט אב־געהאקטע זאצען.

— אין ערשטען אדער אין צווייטען יאהר איז גאנץ אנדערש געווען, דאמאלס האט נאך אלץ אינטערעסירט... מען איז געגאנגען אין טהעאטער — גוט... מען האט געשריגען ביי די פערזאמלונגען — גוט... מען איז געזעסען ביי די ביכער — אויך גוט... שטענדיג איז לוסטיג געווען, שעהן און הערליך!...

— און וואס נאך? — זאגט אנדרעיעוו א ביסעל שפעטיש.

— נו יאָ... — רעדט ווייטער לאַריענעוו — דערנאָך האָב איך פּלוצלינג אָנגעפאַנגען צו גריבלען: נאָ גוט, איך וועל שוין לערנען... אַזוי... די הויפּטזאַך איז דאָך נישט דאָס לערנען אליין? איך וועל דאָך נישט מיין גאַנץ לעבען פאַר די טרוקענע וויסענשאַפט אוועקגעבען... אָט דאָס אליין... איז דאָך שוין אַן אומזין... איך וועל פרעגען: צו וואָס טויג דאָס אַלץ? צו וואָס דאַרף מען דאָס? ס׳איז קיין ענטפער נישטאָ... ניין, נישטאָ...

— פאַרוואָס? — פרעגט דאַרא נייגעריג.

— אָט אַזוי איז עס, נישטאָ קיין ענטפער. איך האָב נאָכגעדענקט אפשר וועל איך קענען עפּעס אויסקלעהרען, וועניגסטענס מיך אליין אָבנאַרען, כ׳האָב אבער גאָר נישט געקענט געפינען... נישטאָ קיין ענטפער... לאַריאָנעוו שטעלט זיך אויף און רעדט ווייטער מיט בעגייסטערונג:

— זעהט, איך האָב מיר אַזוי געזאָגט: „מען טהוט אַלץ פאַר׳ן פאָלק“... גו־ר־ר־ט, יאָ... דאָס איז אַלע מאָל אַ שעהנע פראַזע און ס׳זאָגט זיך זעהר לייכט, אָבער אין אמת׳ן, קען מען עפּעס טהאָן פאַר׳ן פאָלק?.. דאָס ווייסט קיינער נישט! נאָ זעהט איהר שוין... וואָס צום ביישפּיעל קען איך דיענען דעם פאָלק אַז איך בין אַ ־מעדעצינער? אַ קראַנקען היילען.. איז דאָס שוין אַלץ?... — ער בלייבט שטיל און קוקט אויף יעדען דורך די ברילען.

— מיין פילאָזאָף... — זאָגט שפּאַסיג אַנדריעוו.

— איך שפּאַס ניט, איך רעד ערנסט. — זאָגט לאַריאַנאָוו שוין אַ ביסעל אין כעס.

— איך שפּאַס אויך נישט — ענטפערט אַנדרעיעוו.

לאַריאַנאָוו קוקט אויף איהם אַ ווײַלע, און ווינקט צו איהם מיט דער האַנד. ער רעדט ווייטער אין ערנסטען טאָן: — נאָ יאָ, כ׳וועל שוין זיין דאָקטאָר און היילען קראַנקע... און ווען איך וועל לערנען, וועל איך אפשר אליין שרייבען איבער מעדיצין, ערפינדונגען מאַכען, נייע ענטדעקונגען...

— אַ דו דענקסט שוין צו ווייט! אונטערברעכט איהם אנדרע־

יעוו שפאטיש.

— זאל זיין אזוי ווי דו זאגסט. איך קען קיין ענטרעקונגען נ י ש ט מאכען, איך וועל נאר בלויז קראנקע היילען... גוט... פיעל וועל איך היילען און פיעל ניט. ניט, ווייל איך וועל ניט קענען, אדער די קראנקהייט וועט שטארקער זיין ווי די וויסענשאפט, נאר ווייל די קראנקהייט וועט האבען אזא אורזאך, וואס... אך צום טייפעל! ווי רופט מען דאס?

— נא זאג שוין — לאכט ווידער אנדרעיעוו — די פערשיע־דענע אומשטענדען אין וועלכע דער קראנקער, אדער די קראנקהייט געפינט זיך.

— נא יא, זאל זיין אזוי, איהר זעהט, אזוי, אזוי איז די גע־שיכטע: איך וועל איינעם דעם צווייטען דעם הונדערטסטען גע־זונד מאכען, אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען וועל איך מענשען היי־לען, פערשיעדענע, גוטע און שלעכטע, איך וועל דאך נישט קענען מאכען קיין אונטערשיעד, כ׳וועל דאך מוזען יעדען העלפען.

— ס׳פערשטעהט זיך, וואס דען? — רייצט איהם ווידער אנ־דרעיעוו.

— ניט, ס׳פערשטעהט זיך... דו אליין וועסט מיך האלטען פאר א געמיינעם שופט, אז איך וועל נישט פריהער געהן צו א קראנקען ביז איך וועל נישט וויסען ווער ער איז.

— ס׳פערשטעהט זיך. — זאגט דארא.

— איצט זעהט אליין — זאגט לאריאנעוו שוין צופריעדען, ווייל דארא האלט מיט איהם, מען איז געצוואונגען, אהן אן אונ־טערשיעד אלע קראנקע אלס ק ר א נ ק ע צו היילען... נישט אזוי? דאס דאכט זיך, איז זעהר שעהן, מענשענפריינדליך, אבער אין דער אמת׳ן איז עס — ווייל מען ווייס זעהר ווייניג פון אמת׳ער ליעבע צו מענשען... וואס פאר אן אונזין דאס איז!

— יא! — זאגט דארא מיט א פרעהליכען טאן — ווייל ס׳איז איהר א גוטער געדאנק איינגעפאלען, איך אליין האב נאכגע־דענקט: עס קומט אויס, אז איינינע קראנקע הייל איך, ווייל זייער

ליבען איז שלעכט איינגעפיהרט, ווייל זיי מוזען שווער ארביי־טען פאר זייער עקזיסטענץ, און אפט מאל מוזען זיי הונגערען און אנ־דערע קראנקע וועל איך מוזען היילען, ווייל זייער קראנקהייט נעהמט זיך פון צופיעל לוקסוס, פון גאר נישט ארבייטען, איך מוז אזאלכע קראנקע היילען, וועלכע מאכען פאר אנדערע שווער דאס לעבען.

— אמת, אמת. — זאגט אנדרעיעוו שמייכלענדיג און בייסט זיך די ליפען.

— נא זעהט איהר שוין וואס ס'קומט ארויס, א דאקטאר איז נור בלויז אזוי ווי אן אנדערער בעל מלאכה, און איך וועל טהאן מיין ארבייט ניט אויס ליעבע צו די מענשען, נאר פשוט אזוי ווי א שוסטער מאכט א פאר שטיוועל... נא, צו וואס נוצט עס?.. איך בין שיער אמאל אריינגעפאלען אין א פערשווערונג. מען האט מיר שוין געגעבען א רעוואלווער אין האנד, איך האב דאמאלס געדענקט: איצט וועל איך עפעס אויפטהאן פאר דער מענשהייט, אבער דאס איז אויך גאר נישט, כ'האב מיך אנגעפאנגען איבערצוקלעהרען: איך וועל יענעם הרג'ענען, דערנאך וועט מען מיך הרג'ענען... יע־נער וויל נאך לעבען... און איך וויל נאך לעבען, פאר וואס זשע אוועקרויבען צוויי לעבענס, איז יענער דען טאקע שולדיג, אז ער איז שלעכט?... אזוי קלעהר איך שטענדיג, און וויים ניט קיין ענטפער...

לאריאנעוו ציהט צוזאמען זיינע אקסעל, און זיינע קורצזיכ־טיגע אויגען דרוקען אויס פערצווייפלונג. ער רעדט ווייטער:

— אין מיין נשמה האט זיך א צווייפעל אריינגעכאפט, פאר וואס זאל איך יענעם טויטען? פאר וואס זאל איך מיין לעבען פערליערען? וועט טאקע דערנאך בעסער ווערען? און אזוי, אזוי גריבעלט און עגבערט עס שטענדיג אין מיין מח, איך פרעג אייך: צי וואס? צי וואס איז דאס אלץ?...

אין צימער איז הייס און שטיקענד געווארען. דער לאמפ ווארפט א טרויעריגען שיין ארום, די לופט איז אנגעפילט מיט רויך פון ציגארעטען, אזש ס'קומט אן שווער דאס אטהעמען. מען

וואָלט גערן די טיהר געעפענט, אָבער קיינער טהוט עס ניט. לאַריאָנעוו איז שטיל געבליבען. ער קוקט אויף יעדען פון אונטער זיינע ברילען און עטוואס לײדען און צווייפעל קוקט פון זיינע אויגען ארויס... דאָרא זיצט, איהר קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די הענד און קוקט פערטראכט אויף לאַריאָנעוו'ן מיט רחמנות... ליזא זיצט אויפ'ן בעט און לאָזט פון זיך גאָר ניט הערען. זי פיהלט א מיטלייד צו לאַריאָנאָוו'ן. זי וואָלט איהם גערען ווי א קליין אינגעל ארומגענומען, געגלעט איהם און איהם געטרייסט. זי ווייסט אָבער ניט וואָס איהם צו זאָגען און זי שווייגט בעסער.

— יא, דאָס לעבען איז פערפּלאָנטערט... ס'איז שווער צו לעבען! — זאָגט דאָרא פערטראכט.

לאַריאָנעוו זעצט זיך און קוקט אויף איהר מיט א דערשראָקענעם בליק.

— און מעהר וואונדער איז — זאָגט ווייטער דאָרא — אינגאנצען איז ערשט א יאָהר... און אפשר נאָך ווענינער — איך בין אהער געקומען מיט פול בעגייסטערונג, נאָך מעהר, וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, האָב איך דאָ געפונען: צייטונגען און וויסענשאפט, פערזאמלונגען און טהעאטער... אלצדינג פון וואָס איך האָב געהערט און געלעזען און איך האָב אזוי שטארק געבענקט דארין. און דאָך, ס'איז נאָך קיין יאָהר נישט, און אין מיין נשמה הערשט א פּוסטקייט, אלץ איז מיר איבערדריסיג. פיעל מאָל ווערט מיר אלעס אזוי צוגעגעסען, אזוי עקעלהאפט, אז איך בין אזש פּאשא אפאנאסיעוו מקנה...

זי בלייבט שטיל... און אין צימער הערשט א דריקענדע שטילקייט. נאָר פון ערגעץ אויף דער צווייטער זייט הערט זיך א קלינגען פון געשיער.

— אָפטמאָל דערמאָן איך זיך, וועןאיך בין אין א דאָרף לעהרערין געווען, ווי אונערטרעגליך לאַנגווייליג ס'איז מיר אלץ פארגעקומען. דאָס דאָרף איז געווען גראָה, די פרויען — שיכורים, די קינדער — דום, און מיין לעבען איז אויך געווען אזוי טונקעל און דום

ווי אלץ ארום. איך האב דאמאלס געדענקט: ווי שעהן איז דאס לע־בען ערגעץ אנדערש! איצט דאכט זיך מיר ווי אלץ דארט איז גע־ווען אזוי שעהן, אזוי ליעב!... צום ווינען ליעב... דאס דארף, דאס קליינע ווערדעל, וואו איך בין יעדען טאג פאר לאנגווייליגקייט שפאצירען געגאנגען, און די קינדער.. איבערהויפט איינס, א שעהן, זיס קינד... און איך פערשטעה מיך אליין ניט ווי אזוי און פאר וואס איך האב דאמאלס שטענדיג פאר בענקעניש געוויינט? און איך האב אנגעפאנגען טראכטען, אפשר האב איך א טעות געהאט... און איך מוז צוריקגעהן, לעבען אזוי ווי כ'האב פריהער געלעבט... אבער ניין!... צוריקגעהן קען איך ניט. כ'האב מורא פאר'ן דארטיגען רו־היגען לעבען... און דא איז די נשמה אזוי פוסט... ס'הארץ אזוי פער־קלעמט, זאל איך שוין טאקע מיין גאנץ לעבען אזוי פערברענגען?

די פראגע פרעגט דארא זעהר פערצווייפעלט, פון ליזאס ברוסט רייסט זיך ארויס א שווערער זיפץ.

— נו גוט! — רופט זיך אן אנדרעיעוו און דרעהט זיינע וואנצען — וואס האט איהר זיך דען אייגענטליך פארגעשטעלט, ווען איהר זייט אהער געקומען?... וואס האט איהר דען געוואלט?

— וואס איך האב געוואלט?! — זאגט דארא פערוואונדערט

— לעבען... האב איך געוואלט, לעבען...

— לעבען... וואס הייסט לעבען? זאגט מיר איך בעט אייך וואס מיינט איהר מיט'ןווארט „לעבען".. לאריאנאוו! גיב מיר א ציגארעטעל.

— דאס קען מען דאך בעגרייפען — ענטפערט דארא שטיל.

— ניין! מען קען דאס נישט בעגרייפען, פון וואס בעשטעהט דאס לעבען? אז מען געהט אין טהעאטער אויף דער אוניווערזיטעט, מען לערנט און מען בעשעפטיגט זיך מיט פאליטיק? אט דאס זאל הייסען לעבען?

— נו יא, אודאי דאס אויך.

— אבער דאס האט איהר דאך אלעם — וואס פעהלט אייך דען נאך?

— איך ווייס דאָס אַליין נישט, אָבער איך פיהל, אַז עס פעהלט מיר עפּעס, עפּעס זעהר וויכטיגעס.

— איך וועל אייך זאָגען וואָס אייך אַלע פעהלט — רופט זיך אַנדרעיעוו אָן ענטשלאָסען.

— נאַ, נאַ, דארויף בין איך נייגעריג. — שמייכעלט דאָרא, און אין איהרע אויגען בליצט אויף א פערדרוס. ס'ערגערט איהר און ס'איז איהר אונאַנגענעהם, וואָס אַנדרעיעוו קען דענקען, אַז ער ווייסט עטוואס וואָס זי ווייסט נישט.

— אייך פעהלט די אייגען-ליעבע, די אַכטונג פאַר זיך אַליין, דאָס פעהלט אייך.

— פון וואַנען דערקענט איהר דאָס? — פרעגט דאָרא רויט ווערענדיג אין דעם זעלבען טאָן ווי פריהער.

— איך נעהם דאָס ארויס, ווייל דאָס לעבען וועלכעס אייגענט זיך פאַר אייך, פון וועלכען איהר האָט אמת'דיג פערגעניגען, האָט איהר פיינד... איהר ווילט פון אייער אייגענעם „איך" ארויס־שפּרינגען.

— זעלטען, אָבער אמת! — זאָגט דאָרא אביסעל בעליידיגט.

— ניין, וואָס דען... דאָס איז טאַקע אמת... — בעמערקט לאַ־ריאָנעוו.

— ווי קען עס דען אַנדערש זיין! — זאָגט ווייטער אַנדרעיעוו און ציהט מיט זיינע אַקסעל — וואו זייט איהר ערצויגען געוואָרען? איהר זייט פון די יוגענד אויף געוואָהנט צו בעטראַכטען איין לע־בען פאַר גוט און שטאָלץ און דאָס אַנדערע פאַר העסליך און קליין... צום ביישפּיעל: אַ שריפטשטעלער, אַ קינסטלער, אָדער גאָר אַ פּאָליטיקער, — דאָס איז שעהן, גרויס; אָבער אַ דאָרף־לעהרער, אַ פּויער, אָדער אַן ארבייטער זיין — דאָס איז העסליך און נידעריג...

— וואָס רעדסטו? וואָס האָסטו צוזאַמענגערעדט!.. — שרייט לאַריאָנאָוו מיט כּעס.

— לאָז, איך בעט דיך! — רעדט ווייטער אַנדרעיעוו ניט

אכטענדיג וואס לאריאנאוו וויל איהם שטערען — איך רעד די וואר־הייט, איהר זייט ווי אמת'ע יעזואיטען: איהר זייט שטענדיג בע־רייט זיך צו בויגען פאר די מיה פון'ם ארבייטער, לעהרער און דארפס־פויער, ווען עס קומט אייך אבער פאר אין אמת'ן, אדער דער שיקזאל זאל אייך צווינגען די גאסען צו רייניגען, שטיינער צו קלאפען און לעהם צו קנעטען, שמוציגע קינדער צו לערנען, דאמאלס ווערט איהר אזוי טרויעריג, אז איהר האלט די גאנצע וועלט פאר א גהינום, און שעהמט זיך מיט בעקאנטע צו בעגעגענען.. און פאר וואס?... ווייל איהר האט ניט קיין שטאלצקייט אין אייך, קיין איי־גענליעבע און קיין אכטונג פאר זיך אליין. איהר גלויבט ניט, אז דאס לעבען מאכט א י י ך שעהן, נאר איהר גלויבט אז א י ה ר פערשעהנערט דאס לעבען.. איהר דענקט, אז אלץ וואס איז אין לעבען אינטערעסאנט און וויכטיג, איז עס נאר ווייל ס'איז אייער לעבען... ווייל א י ה ר לעבט דארין...

— וואס הייסט דאס?! — רופט לאריאנאוו אויס מיט כעס:

— איך בין א פויער! — שרייט אנדרעיעוו, און דריקט צוזאמ־מען די פויסטען. — איך בין פון מיין קינדהייט אן, אויף מיר און אויף מיין אייגענער ארבייט אנגעוויזען. איך האב דאס לעבען ניט נאר פון די ביכער געלערענט!... איך האב מיין גאנץ לעבען לאנג אויף מיין ברויט געארבייט, אליין מיך פערזארגט, און איך בין גע־וואהנט צו דענקען, אז פאר מיר — איך אליין — אליין בין... און ס'איז מיר גאנץ גלייכגילטיג וואס פאר א פלאץ איך האב צווישען אנדערע מענשען, זאל זיי אלע דער רוח נעהמען... ווען איך בין נאר זאט און צופריעדען... איך האב זיך אליין ליעב, און ווייס וואס איך דארף... איך טהו נאר דאס וואס מיר געפעלט... אבער איהר, איהר ווילט זיך צופאסען צו פרעמדע אנשויאונגען, צו פרעמ־דע פעהיגקייטען, וואס יענער וועט זאגען, ווי אזוי יענער וועט אויף אייך קוקען... און איהר ווייסט אליין ניט וואס אייך פעהלט און וואס איהר קענט... אט האסטו ערשט דערצעהלט, — ווענדעט ער

זיך צו לאריאנעוו'ן — אז דו ביזט שיער ארייננעפאלען אין א פערשווערונג, מען האט דיר שוין געגעבען א רעוואלווער אין האנד. ווי לעבערליך דאס איז! ביזט שיער אין א פערשווערונג אריינ־געפאלען, דאס הייסט צופעליג, נים ווייל דו האסט אליין געוואלט, נאר ווייל אנדערע האבען דיך ארייננעשטופט. אין'ם לעבען געהט איהר נאר אויך, ווייל אנדערע זאגען, אז אזוי איז גוט... איך בין נישט אזוי, אז איך וויל מיך אין פערשווערונג בעטייליגען, טהו איך עס, ווייל איך האב עם ליעב, ווייל איך געפין א נויטווענדיגקייט אז ס'מוז אזוי זיין, אז ס'איז מ י ר אנגענעהם — מ י ר אליין!... און א רעוואלווער ווען מען מיר ניט דארפען געבען, איך וועל איהם אליין נעהמען, איך וועל יענעם טויטען און אליין שטארבען אהן מורא... אט אזוי בין איך.

אנדרעיעוו בלייבט שטיל און דרעהט זיך די וואנצען.

— ווי אזוי איינפאך און פערשטענדיג דאס קלינגט! — רופט זיך אן דארא א ביסעל פערדריסליך.

— איהר, דארא, ווילט דוקא, אז דער לעבען זאל זיין פער־פלאנטערט, דאס איז אייער אונגליק, איהר האט תמיד נאר אין זין יעענם, די היים, די מענשהייט, דער פריינד, דער קרוב... אידעא־ליזם, מארקאסיזם— וואס נישט — אז מען בעטראכט עס פון איין זייט, איז עס גאנץ שעהן, אבער פון דער אנדערער זייט — וואו בלייבט איהר אליין? וואו איז אייער אייגענעם אינדיווידועלעם לעבען?...

— נו, הער נאר דו! — וויל איהם לאריאנעוו אונטערברעכען.

אבער אנדרעיעוו לאזט זיך ניט שטערען און רעדט ווייטער:

— ס'וועט אבער אזוי ניט בלייבען, ס'קומט אנדערע צייטען, מיט צעהן — צוואנציג יאהר שפעטער וועט מען אייך בעטראכטען פאר ווילדע... מען וועט זיך נאר וואונדערען ווי אזוי ס'איז אמאל געווען אזאלכע דומע שרעקענדיגע מענשען!

— און וואס בעשטעהט, זאגט מיר, איך בעט אייך, אייער קונסט; זיך אליין ליעב צו האבען? — פרעגט דארא שפאטיש.

— אין דעם — ענטפערט אנדרעיעוו — אין דעם. ווייל איך ליעב מיך אזוי ווי איך בין, אליי א מענש פון פלייש, בלוט און א נשמה!... זיין עקזיסטענץ צו ליעבען, זיין קערפער, זיין גענוס, זיין זעלבסטשטענדיגקייט און זיין ווירקליכען אבשאצונג, ניט פאל־שע און געפארבטע בעטראכטונג פון לעבען.. יא, אזוי איז עס.

— אזוי ליעבט זיך דאך א פראסטער קרעמער אויך — זאגט לאריאנעוו.

— ניין, א קרעמער ליעבט זיך נישט אזוי — ענטפערט אנ־דרעיעוו. — א קרעמער פערשטעהט זיך אזוי צו ליעבען ווי איהר אלע. ער לעבט שטענדיג פון יענעם שטענדיג אין שרעק פאר קאנ־קורענץ. ער פערשטעהט ניט דאס שעהנע פון לעבען. ס'דאכט זיך נאר איהם אז ער לעבט, אבער אם ענדע איז ער דום און קען דאס לעבען ניט.

אנדרעיעוו ענדיגט דאס ריידען. הויבט זיך אויף נעהמט זיך דאס היטעל.

— צום ווידערזעהן! ס'איז שוין צייט א היים צו געהן, ס'איז שוין באלד 12 א זייגער.

— ניין, נאר דאס איינע זאג מיר נאך, — וויל איהם לא־ריאנאוו אויפהאלטען.

— איך זאג דיר שוין גאר ניט, געה צום טייוועל, דו דומ־קאפ! אז דו בעגרייפסט אליין ניט, קען מען עס דיר ניט אין קאפ אריינקלאפען!...

די סטודענטען זיינען אוועקגעגאנגען אין צימער איז שטיל געווארען, אזוי שטיל אז מען האט ווידער געקענט הערען די שטימען פון יענער זייט וואנד.

— נא, דאס רופט זיך אויך פילאזאפיע — זאגט דארא אי־ראניש, אויפהויבענדיג זיך — צוריקגעהן צו די פראמיטיווע צייי־טען...

ליזא זיפצט שווער, הויבט זיך אויך אויף, לענגערט זיך און דערמאנט זיך ווידער אין פאשא אפאנאסיעוו, און טרעהרען שטעלען

זיך אין איהרע אויגען, זי װענדעט זיך צו דאָרא, גיט איהר די האַנד און זאָגט איהר — אַ גוטע נאַכט דאָראטשקאַ!

זיי צוקושען זיך און ליזאַ געהט אַ היים.

דורך די לעהרע טונקעלע גאַסען געהט ליזאַ פערטראַכט, און אַלץ װאָס אַנדרעיעװ האָט געזאָגט, געהט דורך איהר מח. עס דאַכט זיך איהר אַז עמיצער רוימט אין איהר אויער אַריין אַזוי שטיל: „ער איז גערעכט“, „ער איז גערעכט“. אַזוי פערטראַכט געהט זי ביז זי קומט צו אַ טייך.

אַ פייכטער װינד בלאָזט דאָס װאַסער פון׳ם טייך היןּ און צוריק און עס הערט זיך אַ שטיל געררויש. פון דערװייטענס הערט זיך אַ בילען פון אַ הונד, און ערגעץ אין דער הויך װיינט דער װינד.

ליזאַ פערקוקט זיך צום טייך, און עפּעס אַ ציטערען כאַפּט אָן איהר גאַנצע נשמה. אַן אונבעקאַנטער שמערץ דריקט צוזאַמען איהר הארץ און זי צװאַװיינט זיך. דאָס װאַסער מיט׳ן װינד ענטפערען איהר יעמערליך צוריק.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

ליזאַ איז אַ היים געפאָהרען.

עס איז געװען פריהלינג, אָבער פאַשאַ אַפּאַנאַסיעװ איז שוין מעהר ניט געװען, און װען ליזאַ איז דעם ערשטען אָבענד אין גאָר־טען געגאַנגען און האָט זיך אין׳ם צוים אָנגעלעהנט, האָט זי אַ שטילער װעהטאָג אין הארצען געפיהלט, ס׳איז איהר פאַרגעקומען, אַזוי װי פאַשאַ׳ס װערטער קלינגען ערגעץ אין דער לופטען. ס׳האָט זיך איהר אויסגעװיזען, אַז זי הערט זיין שטילע ליידענשאַפטליכע שװאַכע שטימע, און ס׳האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ס׳איז אונמעגליך איהר זיך פאַרצושטעלען, אַז פאַשאַ איז אין די װירקליכקייט מעהר צװישען די לעבעדיגע נישטאָ, און מען קען איהם שוין אין ערגעץ ניט געפינען.

דארא באראשאווסקאיא איז געבליבען אין פעטערבורג, און כדי זי זאל עטוואס פערדיענען האט זי אין א קאנטאר פון א מעבעל־פערזיכערונגס־געזעלשאפט א שטעלע אנגענומען.

אין דער היים האט זיך יעדער געפרעהט מיט ליזאס קומען. און צום מעהרסטען האט זיך געפרעהט דער אפיציער סאוואנאוו. דעם זעלבען אבענד איז ער געקומען צו לויפען קוים דעם אטהעם ציהענדיג, מיט גלאצענדיגע אויגען, און איבער די גאנצע צייט גע־שוויגען, און שווייגענדיג געקוקט מיט זיינע פערליעבטע אויגען צו ליזא. ס'האט איהר פערשאפט פערגעניגען איהם צו זעהען אבער אוים געוואהנהייט האט זי געקוקט שטרענג אויף איהם.

נאכ'ן אבענד־עסען איז מען שפאצירען געגאנגען. אין ליזאס נשמה איז א פרעהליכעס ערווארטען געקומען. זי האט שוין ניט גע־קענט אויסהאלטען, זי האט באלד געוואלט געהן דורך די בעקאנטע גאסען, די אלטע געוואוינטע הייזער, קירכען און גערטנער.

די נאכט איז א טונקלע געוועזן, די לבנה איז ניט געוועזן, און אין פערגלייך צו די העלע ליכטיגע גאסען פון פעטערבורג, האט עס פאר ליזא אויסגעזעהן ווי א פינסטערער קעלער.

זי מיט סאוואנעווען געהען פריהער אוים און פאוועל איוואַ־נאוויטש מיט אלגא פעטראוונא זיינען געגאנגען פון הינטען.

— דו זאלסט דיך נאר ניט פערקיהלען, פאוועל איוואנא־וויטש? — פרעגט ווי אלע מאל אלגא פעטראוונא איהר מאן. ליזא ווייסט שוין פון לאנג אז איהר מוטער פרעגט אזוי און זי ווארט אויף דעם בעקאנטען ענטפער פון איהר פאטער. זי איז געווען לוסטיג און כמעט אויסגעלאסען פאר פרייד.

— פאר וואס זאל איך מיך עפעס פערקעלטען? איך פערשטעה ניט, — ענטפערט פאוועל איוואנאוויטש אביסעל ערגערליך.

די לופט איז געווען ווייך און זיס ווי האניג. ביי יעדען איינ־אטהעמען פיהלט זיך אזוי ס'זאל עפעס געוואלדיג זיסעס פול מיט לעבען אין די ברוסט אריינדרינגען און דאס הארץ מחיה זיין.

— אך, ווי שעהן... א מחיה, ווי שעהן! — זאגט ליזא נאך

אמאָל און נאָך אמאָל.

אין סאוואנאוו'ס האַרץ פער'גנב'עט זיך א שטילע ענטציקענדע האָפנונג.

— א וואונדערבאַרע נאַכט. — זאָגט ער מיט א שטילען טאָן.

און ליזא ווייזט עס אויס, אז גראַדע דעם זאַץ האָט ער אמת־דיג שעהן געזאָגט.

א טיעפע שטילקייט הערשט אין די גאַסען און די שטערען גלאַנצען פון דער ווייטער הויכקייט אזוי ווי טויזענדער גאָלד־ליכט.

דעם נעקסטען טאָג האָט אָנגעפאַנגען א איינפאַך רוהיג און זוניגעס לעבען. איין טאָג פערגעהט ווי דער צווייטער, פרעהליך און פריעדליך, און ווען ליזא האָט זיך דערמאָנט פון פּעטערבורג, אז באַלד וועט דער זומער אוועק און זי וועט דאַרפען צוריק פאָהרען, איז איהר שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

אין מאָנאַט יולי, ווען נאָך די הייסע זומער טעג זיינען די וואונדערבאַרע מילד־שעהנע נעכט, און אין גאָרטען זיינען די פייער־פליגעלעך צווישען די בוימער און גראָז אַרומגעפלויגען, און מיליאָ־נען שטערען האָבען פון הימעל אראָבגעגלאַנצט, איז ליזא מיט'ן אָפיציער אויף א שיפעל איבער'ן טייך געפאָהרען. דער אָפיציער האָט גערודערט און ליזא איז געזעסען שטיל און געקוקט אויף דעם בלויען וואַסער וואָס האָט זיך שטיל בעוועגען פון איין ברעג צום צווייטען. די שטערען האָבען זיך אין טייך געשפּיגעלט און אזוי ווי גאָלדענע שיפלעך געשאָקעלט. איין זייט ברעג איז געווען פער־שטעלט מיט א פער'חלום'טען וואַלד, פול מיט פינסטערניש און סודות'דיג האָבען די בוימער צום טייך געקוקט...

דער אָפיציער הערט אויף א ווייַלע צו רודערען און מיט א שטילע ציטעריגע שטימע ווענדעט ער זיך צו ליזא.

— אַך, ליזאַוויעטאַ פּאַוולאָוונאַ... ווען איהר זאָלט וויסען ווי איך האָב געבענקט אין אייך!.. אפשר הונדערט מאָל האָב איך געטראַכט: איך זאָל זיך דערשיסען, דערנאָך וואָלט צו אַלץ געווען אן ענדע... נאָר אז איך האָב זיך דערמאָנט, אז זומער וועט ליזאַוואַטש־

קא ווידער א היים קומען, און איך וועל שוין מעהר דא נישט זיין...
איך וועל זי מעהר נישט קענען זעהן, דורכדעם האב איך זיך ניט
דערשאסען.

— דורכדעם האט איהר זיך ניט דערשאסען! — איבערחזר'ט
נאכאמאל ליזא, און לאכט ריין, העל און מיט'ן פולען הארצען.

— ס'איז א וואונדערבארע נאכט! — זאגט דער אפיציער
נאכאמאל שטיל און נעהמט ניט אוועק קיין אויג פון ליזא'ס וויי־
בען, זים יונגען און טונקעל פערהילטען געשטאלט.

ליזא וויל אבער נאך שעהנער, נאך רייצענדער זיין, און זי בע־
וועגט זיך אזוי רייצענד און איהר שטימע מאכט זי אזוי צארט
און קלינגענדיג, אזש דאס הארץ פון דעם אפיציער ווערט פאר
שטילע בענקענדיגע ליידענשאפט פערקלעמט.

ביי א קליין אינזעל שטייגען זיי אויס פון'ם שיפעל און געהען
צוזאמענגעדריקט אין וואלד אריין. אונטער די בוימער איז פער־
שפרייט א שטילע טונקעלהייט, און פון דעם נאסען גראז האט זיך
אויפגעהויבען א זיסער ריח, אין אלע זייטען פליהען ארום די
פייער־ווערמלעך, שפיעלען זיך אין בעהאלטעניש צווישען גראז,
פליהען ווידער ארוים און סוד'ן זיך מיט זייערע גליהענדע קע־
פעלעך, עפעס אזוי ווי זיי זאלען דערצעהלען מעשה'לעך פון אינבע־
קאנטע וועלטען.

אויף א קליינעם לעהרען פלאץ בלייבען זיי שטעהן, קוקען ביידע
צום הימעל. עס זעהט זיך א שטיק טונקלער הימעל ארומגערעהמט
מיט גרינע צאקען פון די בוימער.

איין אונבעקאנטע היים און שטארק געפיהל ציהט זיי אייגס
צום צווייטען. מיט א ציטערען דריקט זיך ליזא מיט איהר ווייכע,
רונדע ווארעמע אקסעל צום אפיציערס גרויסען, שטארקען קערפער.
ער ציטערט אזש פאר שטילע זיסקייט. אן אויגענבליק ווילט זיך
איהם איהר ביי די ווייכע אקסעל אננעהמען, איהר ארומנעהמען און
שטארק זי צו זיין הארץ דריקען. ער וואגט עס אבער נים. ער לאזט
זיך ארונטער צו דער ערד, בלייבט קניהענדיג אויפ'ן פייכטען גראז,

לעגט צו זיינע הייסע ציטעריגע ליפּען צו איהר קליינע ווייכע האנד. פּרעסט אויף איהר גאַן אַ פּאָר הייסע ליידענשאפטליכע קושען און דאביי מורמעלט ער שטיל און ליידענשאפטליך: ליזא... ליזא! ליזאטשקא... ליזאטשקא!

— קומט שוין, קומט! — זאָגט פּלוצלונג ליזא — קומט שוין!

— זאָגט זי נאָך אַמאָל מיט אַ שטרענגען טאָן. אבער איהר שטימע קלינגט ליעבליך און זיס אַזוי ווי די ריטמען פון אַ דיכטער־ליעד.

דער אָפיציער שטעלט זיך אויף, דערלאנגט איהר די האַנד און זיי געהען.

דאָס וואלד שווייגט, די פייער־פליעגעלעך לייכטען צווישען דעם גראָז, זיי אָטהמעןביידע שווער, און אין זייערע הערצער בע־וועגט זיך אַ גליקזעליגקייט פון הימלישען געגוס...

אין דער צייט פון אַ היים געהן שווייגען זיי ביידע און היטען זיך איינער אויפ'ן צווייטען צו קוקען; אבער אַ גליקליכער שמייכעל רוהט אויף זייערע ליפּען און זיי פיהלען די גאנצע צייט אַ געהיימניס־פאָלען גליקליכען בונד צווישען זיך.

אין דער היים שטעהט ליזא אַ לאנגע צייט ביים שפּיגעל, קוקט אויף זיך ערענסט, פערטראַכט זיך אויף יעדער בעוועגונג פון איהר קערפּער, טהוט זיך אויס, שפּיגעלט איהר שעהנעם נאקעטען קער־פּער, איהר רונדע ענטוויקעלטע ברוסטען קוקען איהם אַקעגען. אַ שטילע הייסע בלוט־כוואַליע קומט איהר אין פּנים, מיט ביידע הענד דריקט זי איין ברוסט צו דער צווייטע, זי וואַרפט זיך אין בעט אריין און דריקט שטארק איהר קערפּער צו די קישענס...

און ווען סאוואנאוו קומט אַ היים, וואַרפט ער זיך מיט'ן קאָפּ צום קושען און שטאַרבט שיער פאר גליק...

— וואָס פאר אַ וואונדערבארע נאכט! וואס פאר אַ וואונדער־ליכע נאכט!... — מורמעלט ער שטיל אין זיך אריין, און זיין גאנצער שטארקער קערפּער ציטערט פאר ליידענשאפטליכען גליק.

זיעבעטעס קאפּיטעל.

שפּעטער מיט דריי טאג האָט ליזא א בריעף דערהאַלטען פון דאָרא בראשקאָווסקאיא.

„טייערע ליזאַטשקא! שרייבט איהר דאָרא.
„ווען דו זאָלסט וויסען ווי לאַנגווייליג און איבערדריסיג
„מיר איז דאָס לעבען דאָ אין קאָנטאָר! מיין הארץ איז שוין
„כמעט צוריסען, אין שטאָדט הערשט היץ, פוסטעניש און
„לאַנגווייליגקייט... לאַריאָנעוו איז אוועקגעפאָהרען און איך
„בין איצט גאַנץ אַליין. פריהער איז ער כאָטש אמאָל געקומען
„צו מיר, איז מיר ניט געווען אַזוי לאַנגווייליג, אָבער איצט...
„איך שטעל מיר פאָר ווי דו אמוזירסט דיך דאָרט... דו האָסט
„ווידער דיין שטילען אָפיציער?... איהר פאָהרט זיכערביידע
„אין די שעהנע לבנה־נעכט אויף א שיפעל אויף דעם שטילען
„טיעפען טייך, איהר געהט שפּאַציערען אין די טונקעלע אַלעען
„פון׳ם פער׳חלום׳טען גאָרטען... איך שטעל מיר דאָס אַלץ פאָר,
„ווי וואונדערשעהן דאָס איז! נאָר האָב נאָר נישט חתונה —
„גאָט זאָל דיך פון דעם אבהיטען!... אבער וואָס געהט עס מיך
„אָן דאָס איז דיין זאַך.. זיי נים בייז אויף מיר, דו האָסט פאָרט
„אַ נייגונג צום איינפאַכען בעל־הבית׳ישען לעבען, דאָס האָט
„נאָך פּאָשאַ אפּאנאסיעוו אין דיר דערקענט, און אפשר איז
„דאָס טאקע גוט פאַר דיר: דו וועסט חתונה האָבען מיט דיין
„אָפיציער, וועסט האָבען א טוץ קינדערלעך, און וועסט לעבען
„גליקליך און לאַנג אויף דער וועלט!... דערווייל צום ווידער־
„זעהן!

„דיין ד אָ ר א ב.

„יאָ, ליזאַטשקא, זיי מיר מוחל! איך בין א בייזע, א
„שלעכטע... איך האָב איצט מיין בריעף איבערגעלעזען און
„איך האָב געזעהען ווי אונגערעכט און שלעכט עד איז אָנגע־

„שריבען, פונדעסטוועגען שיק איך דיר איהם, כדי דו זאָלסט
„זעהן וואָס פאר א גאָרנישט איך בין... איך בין דאָך אבער אַן
„ארעם פער'יתום'ט בעשעפעניש, אזוי עלענד.... ! אלץ איז מיר
„אזוי לאַנגווייליג און עקעלדיג... איך בין אזוי אונגליקליך !...
„דו קענסט נישט בייז זיין אויף מיר, און דו וועסט זיכער
„מוחל זיין. דיין ד אָ ר א".

ווען ליזא האָט דעם בריעף צוויי מאָל איבערגעלעזען, איז איהר פנים געוואָרען ערענסט און שטרענג, שטיל האָט זי זיך ארויסגע'גנב'עט צום גארטען, וואו די זון האָט העל געשיינט, און די פויגעל האָבען הארציג געטשוויטשערט. זי איז פּאַוואליע געגאַנגען אין דעם לאַנגען טונקעלען אַלעע פון'ם גארטען ביז זי איז צוגעקומען צו דער זעלבער שטעלע ביים צוים וואו זי איז לעצטען יאהר געשטאַנען מיט פאשא אפאנאסיעוו, דאָרט שטעלט זיך ליזא אב, קוקט אונבעוועגליך אויף דעם האַלב צובראָכענעם צוים און פערטראַכט זיך.

א פּאָר זונען־שטראַהלען שאָקלען זיך און וואַרפען זיך אויף דעם זאמד־וועג פון'ם גארטען, פער'גנב'ענען זיך צווישען די פאַלבען פון איהר קלייד און שפּיעלען זיך מיט איהרע האָר. די גרינע בוימער רוישען איבער איהר קאָפּ און דערצעהלען זיך עפּעס אין דער שטיל...

און ערגעץ פון א ווינקעל הערט זיך שטיל אזוי סודות'דיג שטיל פאשא אפאנאסיעוו'ס ווערטער וואָס ער האָט איהר דאַמאָלס געזאָגט, און עס דאכט זיך איהר, אז די ווערטער האָבען זיך דאָרט איינגענם בעהאַלטען, כדי איהר צו דערמאָנען אין דאָס אמאָליגע. זי פיהלט א וועהטאָג אין איהר נשמה און פאנגט אָן צו וויינען. די טרעהרען גיסען זיך וואָס אמאָל מעהר פון איהרע אויגען, און אלץ ווערט פאר איהר בליק צושווימען, און די צוים, בלעטער, בוימער, גראז און דער הימעל זעהט פאר איהר אויס ווי איין גרינער פלעק.

ווען זי איז צוריק אין הויז געגאַנגען האָט זי זיך צוזאַמענגע־שטויסען מיט דער קעכין וואַסעליסע. די קעכין איז איבער'ן וויינ־

טער נאך דיקער געווארען, און ניט שעהמענדיג זיך פאר ליזא שפיעלט זי זיך מיט'ן קוטשער טעמיאנאוו. ליזא'ן האט זיך געדאכט אז מען פיהלט פון זיי אזוי ווי פון פערברענמען פעטס, זי געהט ווייטער און קוקט ארונטער צו דער ערד.

פארנאכט איז דער אפיציער געקומען. ליזא איז צו איהם קאלט און גלייכגילטיג... ווען זיי זיינען אליין געבליבען, פרעגט דער אפיציער אביסעל מיט מורא: — ליזאוויעטא פאוולאוונא... וואס איז אייך ?...

ליזא קוקט אויף איהם מיט קאלטען בליק.

— וואס מיר איז ?.. גאר נישט... — ענטפערט זי איהם מיט א שטרענגען טאן.

דער אפיציער שווייגט און זיין הארץ פערקלעמט זיך פאר שמערצען. ליזא קוקט ווידער שטרענג אויף איהם, נעהמט פלוצלונג ארויס דאראס בריעף און גיט איהם דעם אפיציער.

— וואס איז דאס ? — פרעגט דער אפיציער דערשראקען.

ליזא ענטפערט ניט נאר געהט ארויס אין גארטען.

דער אפיציער קוקט איהר לאנג נאך. פערטראכט זיך א ווילע, עפענט אויף דעם בריעף און לעזט. צוערשט ווערט ער טונקעל רויט, אטהעמט שווער, אזש מען קען זיך דערשרעקען פאר זיין אויס־זעהן. ער האט געוואלט דעם בריעף צורייסען... עפעס וועמען שלאגען... אבער די הייליגע שטילע מורא וואס ער פיהלט אלע מאל ווען ער איז נאהענט ביי ליזא, האט איהם רוהיג געמאכט, ער קוקט זיך אום אין אלע זייטען, לעגט צוריק אריין דעם בריעף אין קאנ־ווערט און געהט אין גארטען אריין.

ליזא שטעהט ביים גארטען טיהר און קוקט אין גאס אריין.

— ליזאוויעטא פאוולאוונא ! — רופט ער שטיל.

ליזא דרעהט זיך אום און קוקט אויף איהם ערענסט און שטרענג. דער אפיציער פיהלט פלוצלונג, אז אלץ איז אויס צווישען זיי... אז יענעם שעהנע ליכטיגע גליק, וועלכעם ער האט געדענקט איז אזוי נאהענט צו איהם, איז פערניכטעט און עס וועט שוין

קיינמאָל ניט צוריקקומען... קאַלט און פינסטער פיהלט ער אויף זיין נשמה...

— איך פערשטעה ניט, ליזאַטשקא... איך פערשטעה ניט...

— זאָגט ער מיט א גערדיקטע צו־וועהטאָגטע שטימע.

— איהר פערשטעהט ניט?! — אונטערברעכט איהם ליזא מיט אן אויסערגעוועהנליכען אויסדרוק און איהר פנים פערציהט זיך.

— איהר פערשטעהט ניט?!

— איך פערשטעה אליין ניט!... לאָזט מיך!... לאָזט מיך!

— שרייט זי פּלוצלונג היסטעריש און ווילד, לויפט אוועק צום הויז פערוויקעלט אין איהר קלייד און דער ווייכער זיידענער צאָפּ פלאַטערט אין די לופט...

דער אָפיציער איז אוועק. די גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפען, אונרוהיג און פולע שמערצען איז ער ארומגעגאַנגען אין זיין צימער אויף און אָב, אויפ׳ן טיש ברענט א ליכט און אונבעקאַנטע טונקעלע שאָטענס בעוועגען זיך אויף די וועגד און אויף די סטעליע... אין מיטען נאַכט זעצט ער זיך אוועק ביים טיש, שרייבט א געזוך, אז מען זאָל איהם געבען ערלויבעניש זיך אָבצורוהען פון דיענסט. שטעהט דערנאָך אויף, געהט צו צום מאַנטעל וואָס הענגט אין ווינקעל אויף א נאָגעל, ער וויל ארויסנעהמען דעם רעוואָלווער פון קעשענע, דערוויל וויקעלט ער איין זיין פנים אין׳ם מאַנטעל, צואווינט זיך פערצווייפעלט און מיט הארציגער וועהטאָג רופט ער א פּאָר מאָל: „ליזא... ליזא... ליזאַטשקא!...“

אכטעס קאַפּיטעל.

אין מיטען פעברואר אין א שעהנעם טאָג, דער שנעע האָט אנגעפאַנגען צו שמעלצען. אין דער לופט פיהלט זיך שוין א צייכען פון פריהלינג.

ליזא געהט מיט׳ן סטודענט קאַריענעוו, ער איז א הויכער און

א שטארקער מאן מיט שווארץ געקרייזעלטע האר, פייערדיגע טונ־קעל שווארצע אויגען און א געבויגענע נאז, זי געהט מיט איהם צו זיין וואהנונג.

קארעניעוו געהט דעם סטודענטען־מאנטעל צוגעקנעפעלט. זיין היטעל איז ארויפגערוקט און עס זעהט זיך זיינע שווארצע געקרויז־טע האר איבער'ן שטערען. זיין שטארקע קלינגענדיגע שטימע אי־בערשרייט דאס קלאפען פון די רעדער און דאס גערויש פון דעם וואסער וואס רינט פון די דעכער דורך די רעהרען אויפ'ן פלאסטער.

— איך פערשטעה אייך ניט, ליזא... — זאגט קארעניעוו, און זיינע אויגען פינקלען ווי ביי א ווילדע חיה. — ווען איהר ליעבט מיך, און איך ווייס זיכער אז איהר האט מיך ליעב, וואס זשע פאר א זין האט עס פאר מיר אזוי ווי פאר אייך, דאס אייגענע גליק מיט די פיס צו טרעטען?... מען מוז אלץ נעהמען פון'ם לעבען... אלעס וואס ס'איז נאר דא... איך האב פיינט פייגהייט, האלב־הייט און ניט ענטשלאסענהייט!

ליזא קוקט שווייגענדיג אראב צו דער ערד און פיהלט א זעל־טענע זיסע שטילע מורא, מאכט ציטערען איהרע הענד און פיס און דריקט אזוי אנגענעהם איהר הארץ. איינס פון איהרע קליינע אויערן פאנגט אן רויט צו גליהען און זעהט אויס ווי א רויטע ראזענבליטה.

ווען זיי זיינען געקומען אין קארעניעוו'ס צימער האט זי דעם מאנטעל ניט אויסגעטהאן, נור זי בלייבט שטעהן ביים טיש, און פון איהר שווארצע גלאטע יאקע פיהלט זיך דער פרישער געשמאק פון די קאלטע לופט. קארעניעוו'ס ווירטין ברענגט אריין דעם סא־מאוואר, קוקט נייגעריג אויף ליזא פון קאפ ביז צו די פיס און געהט ווידער ארויס.

קארעניעוו איז אויפגערעגט. זיינע אויגען פלאמען ווילד און ענטשלאסען. ער זעהט אויס זעהר שעהן און אלע זיינע בעוועגונ־גען ליגט איבערלעגונג און קאקעטעריי.

— טהוט דאך אויס דעם מאנטעל, ליזא! — זאגט ער, פער־שליסט די טהיר און געהט נעהנטער צו איהר צו.

ליזא קוקט אויף איהם, און א קינדישע מורא שפיעגעלט זיך אויף איהר ווייסען צארטען פנים.

— נו, טהוט שוין אויס דעם מאַנטעל! — זאָגט נאָכאמאָל קארעניעוו, און פאנגט אָן מיט ציטעריגע הענד איהר מאַנטעל אויפ־צוקנעפּלען.

— איך וועל אליין... — זאָגט ליזא שטיל, זי נעהמט אראָב איהר הוט פון קאָפּ און זעצט זיך צום טיש.

—ניין, וואָס טהוט איהר, טהוט אויס דעם מאַנטעל! — זאָגט קארעניעוו.

זי הויבט זיך אויף פון טיש, פאנגט אָן איהר מאַנטעל אויס־צוטהאָן. קארעניעוו העלפט איהר. פּלוצלונג נעהמט ער איהר ארום... ציהט ארונטער איהר מאַנטעל פון איהר,ווארפט איהם אוועק ערגעץ אין א ווינקעל, רייסט אויף איהר בלוזע... דריקט איהרע יונגע פרישע ברוסטען מיט ליידענשאפט.. און אטהעמט שווער.

ליזא שטעהט און ציטערט.

מיט ברענענדיגע ליפּען פאלט ער צו צו איהר, קושט איהר פנים, אויגען, ליפּען, פאלט צו צו איהר ווייסען נאקעטען בוזעם, קושט און בייסט מיט א ווילדען ליידענשאפט. פּלוצלונג הויבט ער זי אויף אין דער הויך, דריקט איהרע נאקעטע ברוסטען צו צו זיין געקרויזטען קאָפּ, טראָגט זי צו צום בעט און לעגט איהר אוועק...

פאר ליזאס אויגען דרעהט זיך אלץ אין א רונדען קרייז. א פערצווייפעלטע מורא גיסט זיך אויס אין איהר נשמה... זי פיהלט אזוי ווי איינער פיהלט אין חלום, אז ער פאלט ארונטער אין אבּ־גרונד... אין אָנפאנגס פרואווט זי זיך צו בעפרייען פון איהם. זי ווארפט זיך א פּאר מאָל ארום אויף די קישענס, אבער דער־נאָך בלייבט זי ליגען שטיל און פערמאכט די אויגען. און אלץ פערשווימט פאר איהר אין א פלאמענדיגען כאָאָס פון ליידען און גענוס....

שטיל הויבט זי זיך אויף נים קוקענדיג אויף קארעניעוו'ן.

זי קוקט אוים שעהן און צוגלייך רחמנות'דיג מיט איהר צוקנייטשטען קלייד און צוואווארפענע האָר.

קארעניעוו אטהעמט שווער און פאוואלע. זיינע אויגען גלאנ־צען און זיינע נאָז־פליעגעל בעוועגען זיך פאר ענטציקען און קראפט־געפיהל.

א וואונדערליכער ווארעמער געשמאק נעהמט ליזא'ן ארום, און דאָס גאנצע צימער, דאכט זיך איהר, איז פערזונקען אין א פער'חלומ'טען נעבעל...

גאנץ שפּעט געהט ליזא א היים... אין קארידאר איז זעהר טונקעל געוועזן און ליזא פרואווט שטיל דורכצוגעהן מען זאָל איהר נישט בעמערקען... פון דער ווירטין'ס צימער קוקט ארוים דורך א שפּאלט פון דער טיהר א שמאָל פּאסעקל ליכט, און די מאגערע דינע בעאמטען־פרוי קומט ארוים אויף דער שוועל.

— פערמאכט איך בעט אייך די טיהר — זאָגט די ווירטין צו איהר מיט א הייזעריגע שטימע, פון וועלכע עס קלינגט ארוים פעראכ־טונג און כעס.

אויף די טרעפּ בלייבט ליזא שטעהן, פרעסט איהר ברוסט צו דעם הארטען אנלעהן, פערמאכט די אויגען און שטארבט שיעור פאר חרטה...

ארום איז אַלץ קאַלט און לעהר. הינטען פערמאכט ווער די טיהר מיט א קלאפּ און דער אבקלאנג הערט זיך אזוי טאנלאז אי־בער'ן גאנצען הויז. ליזא'ן דאכט זיך אז זי איז אזוי קליין... אזוי גאָר קליין... — וואָס האָב איך געטהאָן ? — מורמלען שטיל איהרע ליפּען, אבער באלד זעהט זי פאר זיך אין גייסט קארעניעוו'ן, אזוי ליכטיג און העל... אזוי שעהן און רייצענדיג, באלד ווערט ער ווידער אין דער טונקעלהייט פערשוואונדען... זי צוואויינט זיך שטיל, און וויינענדיג קומט זי אין גאס. טונקעלע שאטענס קומען איהר אקע־גען און דאָס געלע ליכט פון די גאסען־לאָמפּען לאכען איהר אין פנים אריין...

נייntעס קאפיטעל.

כמעט יעדען טאג זיינען לאריאנאוו און אנדרעיאוו געקומען צו דארא און ליזא, וועלכע האבען שוין יעצט געוואוינט צוזאמען אין איין צימער, און יעדעס מאל פלעגען זיי זיך ארומקריגען איבער איין און דיזעלבע פראגע.

— איצט פערשטעהע איך עס, — זאגט דער דיקער לאריאנאוו אויפשפרינגענדיג פון שטוהל און פאכענדיג מיט די הענד — איצט אין די צייט פון קאמפף צוליעב דעם קאמפף — יא, אזוי איז עס טאקע!... פריהער האט מען געקוקט אויפ׳ן קאמפף ווי א פליכט אדער נויטווענדיגקייט — פערשטעהט איהר?... אבער איצט גע־פינט מען בעפריעדיגונג אין קאמפף אליין... דאס איז א ריינע טהירישע עגאאיסטישע בעפריעדיגונג — יא, אזוי איז עס!

— יא, ריכטיג! ריכטיג! — שטימט אנדרעיעוו צו.

— נא יא, דאס איז גאנץ איינפאך, יעדער איינער ווערט ווי א חיה.

— ניין, ברודער, דאס איז נישט אמת, — לאכט אנדרעיעוו, מען מוז דאס קענען... א חיה ווי דו זאגסט, א חיה אזוי ווי איך שטעל מיר פאר, מוז מען געבוירען ווערען, אדער וועניגסטענס פון קינדהייט אן ערצויגען ווערען... אז ניט ביזטו איינפאך א בהמה, ווייטער ניט.

ליזא זיצט אויפ׳ן בעט, הערט זיך צו צו זייער דיסקוסיע און טראכט פון קארעניעוו׳ן וואס איז זייט יענעם אבענד... אין דער צייט ווען דארא איז ניט געווען, צו איהר געקומען. אין אנפאנג האט זי געפיהלט צו איהם מיטלייד, זי האט איהם געוואלט צערט־לען, זיך צודריקען צו איהם, און עפעס שעהנעס און זיסעס מיט טרעהרען אין די אויגען זאגען. אבער דערנאך איז ער געווארען ווילד, לוסטיג און הארט. געקוקט אויף איהר און אומגעארעמט איהר מיט ווילדער ליידענשאפט, און נאך זיין יעדעס מאל אוועק פון

איהר האט זי זיך געפיהלט שוואך און קראנק. עפעס א מין קרעפטיגע קאלטקייט האט זיך געפיהלט פון איהם און ליזא האט אנגעפאנגען פאר איהם נאך מעהר זיך צו שרעקען ווי פריהער; דאס וואס ער האט געטהאן מיט איהר האט איהר הארץ אנגעפילט מיט עקעל און שאנדע, אבער זי האט ניט געוואגט איהם ניט נאכצוגעבען און שטענדיג האט זי זיך מיט עקעל אין הארצען צו איהם איבערגעגעבען... איצט ווי זי הערט וואס אנדרעיעוו זאגט, טראכט זי, אז קאראניעוו איז אזא חיה, שאנדע, שמערץ און ענטזעצען פיהלט זי אין איהר נשמה, זי ציטערט שטיל דערמאנענדיג זיך אז ס'קען ווער זיך דערוויסען ווי נידעריג זי איז און ווי עקעלהאפט קארעניעוו נוצט איהר אויס.

דארא זיצט שוויגענדיג, זי אכטעט גאר ניט אויף די דעבאטען. זי דענקט וועגען איהר נעכטיגע ארבייט וואס זי האט אפילו ליזא ניט געזאגט דערפון. זי דענקט, אז ענדליך האט זי דאס געפונען וואס זי דארף. אפטמאל ביינאכט געהט זי ארום אין צימער אויפגערעגט. אין איהר קאפ ברענען געדאנקען, איהרע אויגען עפענען זיך ווייט אויף, אז אונערקלעהרליכע זיסע אויפרעגונג פרעסט צוזאמען איהר ברוסט, זי גלעט דאמאלס מיט איהר האנד איהר הייסען שטערן, און פון איהר בליק לייכט ארויס עטוואס העלעס, געוואלטיגעס און גרויסעס.

אבער אין א קאלטען טונקעלען טאג האט מען איהר אין דעם גרויסען צימער פון דער רעדאקציע איהר מאנוסקריפט גלייכגילטיג צוריקגעגעבען.

ביים א היים געהן איז איהר אויסגעקומען צו געהן איבער א גרויסע בריק, און מיט א מיעדען שמערצליכען אויסדרוק פערקוקט זי זיך אויף דעם טריעבען גרינעם וואסער, וועלכעס ס'ווערט ערגעץ ווייט, ווייט — פערלוירען. אין איהר נשמה פיהלט זי מיט א מאל קאלט און פוסט. זי ציטערט... לעבענס־מיעד...

אויפ'ן וועג בעגעגענען איהר צוויי בעקאנטע סטודענטקעס: איינע א הויכע, דיקע און א שעהנע, די צווייטע א קליינע און דאר

ווי א קעצעל. זיי האלטען איהר אויף, און לאכענדיג פאנגען זיי אן איהר פון דער סטודענטען־פערזאמלונג צו דערצעהלען.

— ווען דו וואלסט געווען געהערט ווי מאטשניקאוו האט גע־רעדט! — זאגען זיי ביידע צוזאמען, און איבערגעבען איהר פער־שיעדענע שטעלען פון דער רעדע מיט א לאכעדיגען טאן.

— איך קען דעם בלאנדען ניט ליידען! — זאגט די קליינע סטודענטין און איהרע ווערטער זיינען אזוי ווי פערעל זאלען זיך פון ערגעץ שיטען. — אבער ס'איז עטוואס דאך דא אין איהם.

איהרע אויגען בליצען אויף, און איהרע קליינע בעקעלעך ווערען רויט, אזוי ווי פון א קוש. די גרעסערע צולאכט זיך אויפ'ן קול צוריקווארפענדיג איהר קאפ, אבער דארא'ן זיינען ביידע אי־בערדריסיג. זי לאזט זיי שטעהן און געהט אוועק. די מיידלעך געהען מיט א שטארקען לאכען ווייטער, און דארא בייסט צוזאמען די צייהן און דענקט

ווי ווענינ זיי דארפען צו זייער לעבען, אזעלכע געמיינע! אזעלכע גארנישטען! גאט! ווען מען זאל גאר קענען שטארבען...

א ווילדער כעס ערגרייפט איהר, זי וויל הויך שרייען, וועמען שלאגען, מיט'ן פנים זיך אין שמוציגען שניי אריינווארפען, מיט די הענט דארט ארומגראבלען און עמיצען פערשטעלען: אזוי פערצווייפעלט און בייז פערשילטען, ווי זי האט אמאל געזעהן א דארע אידישע פרוי האט פערשאלטען גאט און די מענשען, ווען איהר איינציגער זוהן איז ביי אן אויפשטאנד דער'הרג'עט געווא־רען.

ס'איז געווען אזא שרעקליכער געפיהל, אז זי האט אליין זיך דערשראקען פאר די מורא'דיגע געדאנקען..

— יא, וואס איז דען אין דער ווירקליכקייט געשעהן? — פרעגט זי זיך אליין: איך פערמאג איבערהויפט גאר נישט... ביי די פערזאמלונגען שוויג איך, דאס לערנען איז מיר לאנגווייליג... איך בין א גאנץ איינפאכע, איך טויג צו גאר נישט... דאס דארף אבער אזוי נישט זיין... בעסער וויל איך שטארבען!

אין דער היים איז זי אריינגעפאלען אין א שווערע האפנונגס־לאזע גלייכגילטיגקייט, ליזא קען זי פון דעם שטומען שווייגען ניט אפמינטערען.

— דאראטשקע טייערע.. זאג, וואס פעהלט דיר דען? — פרעגט זי שטיל און גערידהרט, — וואס איז געשעהן מיט דיר?

אין א געוויסער מאס פיהלט זיך דארא פון ליזא'ס רחמנות פראגע א ביסעל בעלעדיגט, און א וואונש קומט איהר אין די גע־דאנקען: זי זאל פאר ליזא א פינסטערען טיעפען אבגרונד פאר־שטעלען, און זיך אליין אין א טרויריגע לאגע שילדערען...

איינמאל שפעט אין דער נאכט, הויבט זיך דארא פלוצלונג פון בעט אויף, בארוועס און אין העמד מיט צולאזטע האר זעצט זיך צו ליזא אויפ'ן בעט.

— ליזא, — זאגט זי שטיל און אויפגערעגט, ראנגלענדיג זיך מיט איהר דארע פון דער זון פערברענטע הענד — איך זאג דיר, אז איך קען עס מעהר נישט אויסהאלטען!... איך האב גע־האפט אז איך וועל זיך קענען אויפהויבען העכער פון דער מאסע... איך וויים ניט וואס איך זאל נאך טהאן און וואס איך זאל ווינשען! איך זעה אלעס אהן האפנונג, טונקעל... און אזא לעבען! ווען דו וויסט וואס איך האב דורכגעדענקט און דורכגעפיהלט דעם גאנצען זומער, אין דער פערשאלטענער קאנטאר, וואו מען האט מיר אזוי ווי א גאר נישט בעטראכט... וואו יעדער מינדסטער אנגעשטעלטע־ר האט אויף מיר פון אויווען אראב געקוקט!

— דאראטשקא, דאס אלץ געהט אריבער...

— וואס געהט אריבער? — זאגט דארא כמעט שרייענדיג און הארכט זיך אליין צו מיט עטוואס קראנקהאפטער בעפריעדיגונג צו איהרע מורא'דיגע שארפע ווערטער.

— איך בין שוין מעהר קיין קינד ניט, אז איך זאל דורך א צר־פעליגען פאל פערצווייפעלט ווערען... ניין! איך פיהל אז איך פער־מאג ניט אין מיין נשמה דאס וואס א מענש דארף צום לעבען. איך בין ניט גענוג נאריש אז איך זאל זיך בעגעניגען מיט נארישע שפיע־

לערייען... נאָר דאמאָלס וועל איך קענען לעבען, ווען איך וועל וויסען אז איך בין העכער פון יעדען... איבער אַלע!... גרויס, מור־טהיג און שטאָלץ! אָבער אַזוי, נאָר לערנען און דערנאָך אלס איינע פון טויזענדער ערגעץ אוועק אין א ווילדעניש, און דאָרט מיין לעבען לאנג קראנקע אידיאָטען היילען; אַזוי אַלט ווערען און דערנאָך אַזוי אונבעמערקט שטארבען, אזוי ווי איך האָב געלעבט... פערשטעהסט דו דען ניט ווי ענטזעצליך נאריש דאָס איז?!... בעגרייף עס נאָר, א לעבען לאנג! ליעבער דער טויט! — שרייט דאָרא מיט ליידענשאפט און שטרעקט מיט א טראגישער פאזע איהר מאָגערע נאקעטע הענד אויס.

ליזא קוקט אויף איהר מיט גרויסע, ערנסטע און שטרענגע אויגען; בלייבט ליגען שטיל און ריהרט זיך ניט. פון צווייטען צימער וואו די ווירטהין וואהנט, הערט זיך א גערויש, אזוי ווי ס'זאָל ווער מיט א צובראכענע וויגע שאקלען.

דאָרא שווייגט. זי קוקט מיט איהרע שווארצע אויגען ערגעץ אין דער לופט און דענקט אז ליזא ווייס עטוואס טרויריג־שעהנעס אין איהרע אויגען דערזעהן. עס דאכט זיך איהר, אז דיעזע געדאנקען וואס זי האָט ערשט אויסגעשפראכען זיינען ערהאבען און אמת, און קיין בסערס איז ניט דאָ, נאָר זיך צו טויטען.

— ליבער דער טויט! — זאָגט זי נאָכאמאָל. ציהט צוזאָמען איהרע אויגען־ברעמען און האָרכט זיך צו צו איהרע אייגענע ווערטער.

ליזא לעהנט זיך אָן אויף איהרע עלעבויגענס און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך האָב אויך אנדערש ניט געדענקט... — זאָגט ליזא איינפאך און ערנסט.

דאָרא שווייגט לאנג און דענקט נאָך. ליזאס ווערטער און דער טאָן קלינגען איהר עטוואס זאָנדערבאר, אבער זי קען לאנג דאביי ניט בלייבען, זי דענקט ווידער ווענגען זיך, ליזא וויל נאָך עטוואס זאָגען. זי קוקט אויף דאָרא, בעוועגט מיט די ליפּען. זיפצט

שווער און בלייבט שטיל. דארא הויבט זיך אויף שטיל און זאגט:

— קום. לאמיר געהן אויף די לופט... איך פיהל ניט גוט.

ליזא ווארפט פון זיך ארונטער די בעט־דעק און שטעהט אויף צום ערשטען מאל זייט זיי וואהנען צוזאמען, קוקט דארא אויפ־מערקזאם אויף ליזא'ס ווייכע שעהן־געבויטע רוקען, שעהן גע־פארעמטע אקסעל, און ווייכע רונדע פיס.

זיי טהאן אן די קליידער און געהען. אויף די טרעפ הערשט א פינסטערניש און נעבען דער הויז־טהיר ליגט דער סטרוזש איינגע־וויקעלט אין א פעלץ און זעהט אוים ווי א בארג מיסט. די גאס־סען וואס זיינען שוואך פון די געלע לאמפטערען ליכט בעלויכטען זענען לעהר און פוסט ווי אויף א בית הקברות.

אזוי געהען זיי ביידע לאנג דורך די פוסטע גאסען און די שטומע הייזער מיט די שווארצע בלינדע פענסטער. טונקעלע מענ־שען־געשטאלטען קומען זיי אקעגען און פערשווינדען ווידער אין די שאטענס פון דער נאכט.

דארא רעדט ווידער צו ליזא מיט א שטילען טאן פון דעם נארישען צוועקלאזען לעבען און איהר ענטשלוס צו בעגעהן זעלבסט־מארד. זי בעמיהט זיך מיט אלע קרעפטען צו מאהלען פאר איהר דאס לעבען אין די טונקעלסטע פארבען, ליזא הערט זיך צו און שווייגט פערטראכט.

אזוי געהען זיי ביז זיי קומען צום ברעג. קומענדיג אהין, האט זיך שוין אין מזרח־זייט מיט א רויטקייט דער טאג דורך די טונ־קעלהייט דורכגעבראכען. אויך דאס וואסער, וואס האט זיך רויזען־רויט בעפארבט און א קאלטקייט צוגאסען אין דער לופט. די וועל־לען פאלען איבער שטיינער, און עס זעהט זיך ווי א רויט־געפארב־טע שוים צוגיסט זיך איבער'ן גאנצען וואסער־שפיעגעל. די פענס־טער־שויבען פון די קעגענאיבערדיגע הייזער, נעהמען שוין אויך אויף זיך די רויטע פארב פון'ם מארגען, אלץ זעהט אוים ווי אין גאלד איינגעטונקט. דער מארגען איז געקומען...

זיי זעצען זיך ביידע אויף א באנק און קוקען שווייגענדיג אויפ'ן

וואסער.

ווייט הינטען, קוים זעהענדיג, שיינט די זון אויף. איהרע שטראהלען זעהען זיך שוין אויף די טורמעס שפּיצען פון דער פעסטונג וואָס שטעהט אין עק שטאָדט און די דעכער פון די הייזער פארבען זיך שוין רויט. אָבער אויפ'ן וואסער ליגט נאָך אַלץ א פוסטע קאַלטקייט.

ליזא און דאָרא זיצען שווייגענדיג אויף די באנק, קוקען מיט מידע טריעבע אויגען אויף די פערגאָלדעטע וואסער־פלעכע און זיינען פערזונקען אין א טיעפען — טיעפען שווייגען.

צעהנטעס קאפּיטעל

זייט דעם טאָג איז דאָס לעבען פון די ביידע מיידלעך געװארען טרויעריגער און שווערער, קוים זיינען זיי ביידע אליין געבליבען, האָט דאָרא אָנגעפאנגען תמיד דאָס זעלבע צו ריידען, אזוי ווי עפּעס א שטארקערע מאכט וואָלט איהר געצוואונגען צו דעם. דער געדאנק, אז אַלץ ליגט אין איהר האנד, פולט אן איהר נשמה מיט א שוידערליכען פערגעניגען. אויף ליזא קוקט זי שטענדיג מיט בעדויערען און רחמנות. זי בעפריעדיגט זיך, וואָס זי פּלאָגט זי און זיך אליין מיט די שרעקליכע רעדען.

די געדריקטע מורא וואָס צוגיסט זיך שטענדיג, ווען דאָרא רעדט פון'ם טוידט, ווירקט שרעקליך אויף ליזאס נשמה און עס פיהלט זיך א נויטווענדיגקייט די ביידע מיידלעך צוזושיידען.

כאָטש דאָרא שרעקט אויף פאר די מורא, פונדעסטוועגען פיהלט זי בעפריעדיגט פון איהר ווירקען... אָט טהוט זי עפּעס... ווען אפילו טיעף אין איהר נשמה גלויבט זי אליין ניט אין די מעגליכקייטען זיך אין דעם טונקלען אבגרונד פון'ם טויט אריינצוװארפען, וויל זי עס, אז ליזא זאָל גלויבען... און אז עס געלינגט איהר, פיהלט זי זיך שטארק, גרויס און שטאָלץ, און ווען אמאָל עס קומט

איהר פאַר צו לאַכען אָדער אַזוי פרעהליך זיין, שעהמט זי זיך דאָס צו טהאָן, דאָס טהאָן דאָך אַלע פּראָסטע מענשען... וואָס טראַכטען נישט איבער׳ן לעבען אַזוי ווי זי... און זי צווינגט זיך שטענדיג צו בלייבען ערענסט און פערצווייפעלט. אַז ליזא ווערט וואָס אַמאָל בלייבער, און פיעל מאָל מיט טרעהרען און טרויעריג זיך צו איהרע רעדען צוהערט, דאָס מאַכט איהר נאָך קרעפטיגער און שטאַרקער צו ווירקען אויף ליזא, אַז זי זאָל גלויבען אין איהר ענטשלוס.

אין אַן אויגענבליק פון העכסטער אויפרעגונג, ווען דער גע־שפּרעך צווישען דאָרא און ליזא האָט אָנגענומען דעם גרעסטען קוואַלפולען שמערצליכען כאַראַקטער, האָט דאָרא בעשטימט דעם טאָג זיי זאָלען זעלבסט מאָרד בעגעהן, אין דעם טאָג איז ליזא געגאַנגען צו קאַראַניעוו׳ן.

— דו וואַרט פאַר מיר! — זאָגט זי צו דאָרא מיט אַן ערענס־טען טאָן, — איך מוז... נאָך איינמאָל...

דאָרא קוקט אויף ליזא׳ס פערשעהמטען געזיכט מיט מיסטרוי־ען, זי זאָגט אָבער גאָר נישט, זי גלויבט, אַז ליזא האָט מורא און אַנטלויפט פאַר׳ן טויט.

דער סטודענט קאַרעניעוו איז אין דער היים געוועזען, און ווען ליזא איז אַריינגעקומען איז ער מיט פרייד אויפגעשפּרונגען.

— אַה, ליזא! — רופט ער מיט העלער שטימע — דאָס האָב איך ניט ערוואַרטעט.

ליזא געהט שווייגענדיג אַריין און ניט אַראָבנעהמענדיג די יאַקע פון זיך זעצט זי זיך צום טיש.

קאַרעניעוו פּרוּאווט איהר די יאַקע אויסצוטהון, פאַנגט מיט ציטערענדע הענד די יאַקע פון איהרע ווייכע רונדע אַקסלען אַרונ־טערצונעהמען, אין זיינע אויגען בליצט אויף אַ ליידענשאַפטליך פייער׳ל, און די נאָז־פליגלען בעוועגען זיך שטאַרק.

ליזא וויל זיך ווידער צום טיש זעצען, אָבער קאַרעניעוו נעהמט זי אין זיינע אָרעמס, זעצט זיך אויפ׳ן בעט און נעהמט זי אויף די שויס. געדולדיג און איבערגעבען זיצט ליזא שווייגענדיג.

— וואס איז דאס ? — פרעגט קארעניעוו, וואס גיט אונז די עהרע ?

— איך וועל באלד שטארבען... — קלינגט עס פלוצלונג פון ליזאס ליפען, אין איהרע אויגען בעווייזט זיך אויף איין אויגענבליק א קלעגליכער בעטענדער אויסדרוק.

— אהא !... מיט דיר איז עפעס ניט רעכט... — זאגט קארעניעוו לאכענדיג, — דו וועסט דאך ניט !... נאריש מיידעל, — זאגט ער און פרעסט זיינע קניהען צו איהרע פולע רונדע פיס, און זיין גאנצער קערפער ציטערט פאר ליידענשאפט.

ליזא קוקט אויף איהם מיט טרויעריגע אויגען און שווייגט.

קארעניעוו לעגט איהר ווי א קינד אויפ'ן בעט, קושט איהר ווייסען האלז, דריקט זיך צו צו איהר ווייכען ווארעמען בוזעם און פערגעהט אזש פאר ליידענשאפט....

ליזא וועהרט זיך ניט און גיט זיך איהם שווייגענדיג אזוי ווי שטענדיג איבער... דערנאך שטעהט זי אויף, קוקט ווי פעסט און ערענסט אין זיינע אויגען, אזוי ווי זי זאל עפעס זוכען אין זיי און בלייבט שטעהן נאכדענקענדיג...

— נא, וואס איז... ווילען מיר אפשר טעה טרינקען ? — פרעגט קארעניעוו א ביסעל דערהיצט און גליקליך.

— איך געה... — ענטפערט ליזא שטיל.

— פאר וואס אזוי שנעל ?

— אזוי, — ענטפערט ליזא טרויריג־שמערצליך, און נעהמט צעגערענד און ריהרענד־צערטליך זיין האנד.

קארעניעוו ציהט מיט די אקסעל.

— ביזט עפעס היינט זאנדערבאר... — זאגט ער— איך פערשטעה דיך ניט. נא, ווי דו ווילסט.

ליזא לאזט שטיל זיין האנד אב, קוקט פערטראכט צום באדען, נעהמט אויף זיך מעכאניש די יאקע, ביי די טיהר בלייבט זי נאכאמאל שטעהן און ווארפט א טרויעריג שמערצליכען בליק אויף קארעניעוו'ן.

— איך דאנק דיר וואס דו ביזט געקומען... — זאגט קארע־ניעוו, ניט וויסענדיג אליין צו האט ער רעכט וואס ער זאגט.

ליזא זיפצט שווער און געהט ארויס. קארעניעוו הערט ווי די ווירטהין זאגט צו איהר אין קארידאר:

—אזא ארומטרייבערין... און דאס איז נאך א פריילין, א סטודענטקע

עלפטעס קאפיטעל

ליזא געהט נאס אויס גאס איין, ביז ס'פאנגט שוין אן נאכט צו ווערען. די לאמפטערען ווערען שוין אנגעצונדען. זי געהט שנעל און לייכט אביסעל איהר קאפ געבויגען און קוקט אויף די פייכט־קייט פון'ם פלאסטער; פלוצלונג איבעריאגט זי ווער, א קליין ווייס הינטעל דרעהט זיך נעבען איהרע פיס. ליזא דערשרעקט זיך און הויבט אויף איהרע אויגען.

א יונגער, קליינער גימנאזיסט געהט מיט לאנגזאמע טריט פערהילט אין א גרויען מאנטעל און אין א גרויס סטודענטען־הי־טעל וואס פאסט זיך ניט צו זיין קליינעם קערפער, און דאס ווייסע הינטעל לויפט איהם נאך פון הינטען און יעדער ווײלע שמעקט ער מיט זיין נאז צו דעם אינגעלס פיס.

איין אויסערגעוועהנליכעס הארציגעס געפיהל לויפט דורך ליזאס ברוסט, און איהרע אויגען ווערען פייכט. זי דערמאנט זיך אין סאריאשע מיט'ן ליעבען קליינעם הינטעל... איהר טרויעריגע פערצווייפלונג טרעט אב, און זי פיהלט עפעס א צערטליכע שטילע זיסקייט אין איהר נשמה. זי געהט אוועק פון איהר וועג און געהט נאך דעם קליינעם סטודענט מיט'ן הינטעל. אזוי געהט זי א לאנ־גע צייט, א ווײלע ווערט זי טרויעריג און א ווײלע לוסטיג. זי פערגעסט אז זי מוז באלד א היים געהן, און זי געהט נאך מיט איהר מוח צו די ברוסט צוגעדריקט. ניט אוועקנעהמענדיג איהרע אויגען פון דעם גרויען מאנטעל און דאס גרויסע היטעל פון'ם

יונגען סטודענט. פון צייט צו צייט קוקט זיך דער קליינער סטו־דענט אום, און פערוואונדערט זיך וואס אזא הויכע קרעפטיגע דאמע געהט איהם נאך. זי שמייכעלט קוים בעמערקענדיג צו איהם; ער אבער דרעהט זיך אוועק און רופט, כדי זיין זעלבסטשטענדיג־קייט צו צייגען מיט א פייפעדיגער שטימע דאס הינטעל.

— פארספיק! אהער!... ניט אוועקלויפען!... נא ווארט!...

דאס קליינע הינטעל שטעלט אויף זיינע ווייסע אויערן און שפרינגט אזוי ווי א צוזאמענגעוויקעלטע ווייסע קנויל אויף דעם קליינעם סטודענט.

ליזא לאכט שטיל.

— א היים, א היים! — זינגט עפעס זים און פרעהליך אין איהר ברוסט.

דער קליינער סטודענט בלייבט פלוצלונג שטעהן ביי א גאר־טען־טהירעל, קוקט זיך נאך אמאל אום צו ליזא און שרייט: „פארס־פיק, אהער!

דאס ווייסע הינטעל שפרינגט אריבער די שוועל און דאס אייזערנע טיהרעל פערמאכט זיך נאך זיי.

ליזא איז ווידער אליין. און אזוי שנעל ווי די הארציג־זיסע היימליכקייט איז געקומען, אזוי שנעל איז עס פערשוואונדען. די גאסען זעהען אוים שמוציג און לעהר, דאס ליכט פון די לאמפטערען זעהן אוים געל און טרויעריג, א פאר מענשען געהען דורך. איהר אין טונקעלהייט פערהילטע געשטאלט שפיגעלט זיך אן אין די נאסע שטיינער פון גאס.

ליזא שטעהט נאך א ווײלע נאכדענקענדיג, און געהט דער־נאך מיט שווערע מיעדע שריט צוריק.

סעריאשא, דאס הויז, דער פאטער, אלץ קומט פלוצלינג אזוי ווי פערנעבעלט אין איהר קאפ און ווערט באלד ווידער פערשוואונ־דען. נאר דער איינער טרויעריגער געדאנק בעהערשט איהר, אז זי קען ניט מעהר צוריק געהן... זי קען פון דער היים ניט מעהר דענקען... זי איז שוין ניט מעהר דיזעלבע ליזא ווי א מאל, וואס

איז פרעהליך און ריין אין דעם אַלטען הויז מיט סאַריאשא און דעם הינטעל רוהיג און לוסטיג ארומגעשפרונגען... זי וועט שוין י ע נ ע ליזא מעהר ק י י נ מ אָ ל ניט זיין...

איהר דאכט זיך, אזוי ווי זי זאָל ערגעץ אין א טיעפען שמוציג גרינעם וואסער זיך טרינקען... דאס וואסער רוישט אין איהרע אויערן, מאכט וואָס אמאָל טונקעלער איהרע אויגען, און אלץ — אלץ! ווערט פערשוואונדען פון איהר נשמה...

איהרע אויגען ווייט אויפגעריסען, ביידע הענד פאר שרעק אויפגעהויבען, דריקט זי פערצווייפעלט די מוח צו איהרע שלייפען און בלייבט שטעהן.

אלץ איז אויס!... רופט עס אין איהר נשמה, אלץ!... אלעס ווערט פערלאָשען אין איהר און פערזינקט אין פוסטקייט און טויט...

צוועלפטעס קאפיטעל

ווען ליזא איז א היים געקומען, איז דאָרא געלעגען אין בעט מיט'ן פנים אין קישען איינגעגראבען, ווען זי האָט דערהערט דאָס גערויש פון אויפמאכען און צומאכען די טיהר, איז זי אויפגעשפרונגען פון בעט, געקוקט מיט פייערדיגע אויגען אויף ליזא.

— אה, דו ביזט עס... — זאָגט זי מיט אן אונזיכערער שטימע — דו האסט מיך אזוי דערשראקען...

ליזא נעהמט פון זיך ארונטער די יאקע, צינדט אן דעם לאמפּ, זי געפינט אויף'ן טיש ליגענדיג א בויגען פּאפּיער, וואס דאָרא האָט אנגעשריבען און א שווארצען רעוואלווער, וועלכער גיט ארויס פון זיך א שרעקליך העסליכען גלאנץ.

דאָרא הויבט זיך אויף פון בעט און געהט צו צו ליזא.

— זעה וואס איך האָב געשריבען... — זאָגט זי מיט אונגאַטירליך טראגישען טאָן, ציינענדיג אויפ'ן פּאפּיער.

ליזא לעהנט זיך מיט איין האנד אַן אויפ'ן טיש און לעזט שווייגענדיג:

— „אין אונזער טויט איז קיינער נישט שולדיג. מיר שטארבען“ „ווייל דאָס לעבען האָט איבערהויפּט נישט קיין ווערט צו לעבען“.

— איך דענק, אַז דאָס איז געַנוג, — זאָגט דאָרא מיט א גע־צוואונגענע ענטשלאָסענהייט, ווייל זי פיהלט, אַז אלץ וואָס זי זאָגט איז קינדיש און נישט אמת.

ליזא שווייגט, בלייבט שטעהן אזוי מיט איין האנד אויפ'ן טיש אנגעלעהנט. איהר צאָפּ פאלט אריבער איבער איהר אקסעל און קווי־לערט זיך צוזאמען אויפ'ן טיש, אַן אויגענבליק וויל זי די פעדער נעהמען און נאָך צושרייבען ד אָ ס וואָס דריקט אונגעהייער שרעקליך איהר נשמה... זי טהוט עס אבער נישט, לאנגווייליג שטעלט זי זיך אויף, בעריהרט מעכאניש דעם רעוואָלווער מיט די פינגער און לאָזט איהם ליגען.

— יא, גוט... מיר איז אלץ איינס... — זאָגט זי שטיל.

ס'פאָלגט א דריקענדע שטילקייט, מען מוז דאָך עפּעס טהאָן...

— טראכט דאָרא, ווי אלץ קומט אזוי דום און קינדיש ארויס.—

— מען מוז די טיהר פערשליסען. — זאָגט דאָרא אזוי ווי ניט ענטשלאָסען און רויט־ווערענדיג.

ליזא געהט שטיל צו צו די טיהר און פערשליסט איהר.

ווידער ווערט א דריקענדע שטילקייט אין צימער און ס'ווערט זיי שווער אויפ'ן הארץ... ליזא שטעהט ביי די טיהר און דאָרא ביים טיש. עפּעס אויסערגעוועהנליך שרעקליכעס קריכט ארויס פון אלע ווינקעלעך און פילט אַן דאָס גאנצע צימער... דאָרא דאכט זיך, אַז דער לאָמפּ פערלעשט זיך...

— יא, וואָס וועט דען דאָ זיין? — וויל זי ארויסשרייען, אבער אנשטאָט דעם פרעגט זי: — וואו ביזטו געווען? — זי פרעגט עס מיט אזא טאָן אזוי ווי ס'זאָל איהר ווער ביים האלז שטיקען.

ליזא קוקט אויף איהר מיט א טיעף־טרויעריגען בליק און ענט־

פערט גאר נישט.

— נו, וואס איז דען... מען מוז דאך אן ענ...דע מאכען — זאגט דארא מיט א שטאמעלדיגען טאן.

ליזא ענטפערט קאלט: — יא...

דארא שטרעקט אויס איהר האנד און ניט געגוג פערטרויענ־דיג איהר מוטה, נעהמט זי דעם רעוואלוועה. א קאלטער ציטערן לויפט דורך איהר גאנצען קערפער. זי פאנגט פלוצלינג אן צו פי־בערען, אלע טענער קלינגען פלוצלונג פערשטיקט און הערען זיך אזוי פון ערגעץ אן אונענדליכע ווייטקייט. פון אלע זייטען דאכט זיך, אז א נעבעל גיסט זיך ארויס, און דער נעבעל צושיידט זי פון דער וועלט... און ווען זי לעגט צו דעם רעוואלוועה צו איהר שטערען, און דאס קאלטע אייזען דרינגט אריין אין איהר גאנצען קאפ, פער־ציהט זיך איהר פנים שמערצליך און זי ווערט אהנמעכטיג...

— דערנאך ועט ליזא זיך ניט שיסען, און מיך פאר א נאר האלטען! — געהט איהר אין קאפ אויף א געדאנק... נאך מעהר... איז דאס נישט אן אונזין... טראכט זי, זיך טויטען... פאר וואס?

זי הערט פלוצלינג אזוי ווי דורך א וואנד אז ליזא זאגט עפעס, זי נעהמט שנעל דעם רעוואלוועה אוועק פון׳ם שטערען, ס׳ווערט איהר אביסעל לייכטער אויפ׳ן הארצען, אבער א שוואכקייט בע־הערשט איהר און זי פאלט צו צו א שטוהל.

— צוערשט... איך... — זאגט ליזא רעזעגניערט אין פולער הארץ־וועהטאג.

דארא שווייגט און קוקט אויף איהר מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען. עס קלאפט איהר א צאהן אין א צאהן.

— דערנאך וועסט דו... — זאגט ווייטער ליזא.

זי געהט צו נעהנטער צום טיש, נעהמט ארויס דעם רעוואל־וועה פון דאראס שוואכע האנד, לעגט איהם רוהיג און גענוי צו דער לינקער ברוסט און דריקט צו איהר ווייכען קערפער צו איהם...

דארא זעהט דורך דעם האלב־טונקלען צימער ווי ליזאס פנים ווערט בלייך און פערצויגען, און עס קומט איהר פאר, אז זי איז

שולדיג אין דעם... זי האט צו דעם יעצטיגען מאמענט געברענגט. ס'איז דאך א שענדליכער אונזיניגער שפאס... וואס האט זי געטהאן? מאטערט איהר די פראגע. פלוצלינג דערהערט זי א שרעקליכען קלאפ; א קלאנג פון א צובראכען גלאז. ליזא שאקעלט זיך, כאפט זיך אןביים טיש, איהרע אויגען ווייט אויפגעריסען... שלעפט מיט דאס גלאז טהע, און פאלט מיט א שמערץ געשריי אויפ'ן רוקען... א שטוהל רוקט זיך פון ארט און פאלט אוועק אין מיט צימער...

— איי! — שרייט דארא מיט אן אונגעהייערען שרעק און כאפט זיך מיטביידע הענד ביים קאפ... ליזא!!

עטוואס אזוי ווי א בלוטיגע מאסע שווינדעלט פאר איהרע אויגען... אלץ דרעהט זיך ארום איהר אזוי ווי א משוגענער קאראהאד, זי לויפט צו די טהיר.

— א — א — א — אה! — שרייט זי ענטזעצליך און שרעקליך. רייסט די פערשלאסענע טיהר אזוי ווי א וואהנזיניגע. די טיהר ווערט אויפגעריסען און פיעלע מענשען מיט צושראקענע געזיכטער און ציטעריגע שטימען קומען אריין אין צימער.

דרייצעהנטעס קאפיטעל

אויף די גאס איז נאך ליכטיג געווען, און דאך האבען לאמפּטערען געברענט און זייער גאלדען ליכט האט זעלטען שעהן געשימערט דורך די בלויע לופט פון'ם זומער אווענד.

א דריקענדע שטילקייט הערשט אין דער גאנצער וואהנונג, נאר אין עם צימער ברענט שוין דער לאמפ; אונבעוועגליך הענגט ער איבער'ן ווייס-געדעקטען טיש, און זעהט אוים ווי א גרויסע שמעטערלינג מיט אויסגעשפרייטע פליגעל. ערגעץ וואו קלאפט דער זייגער אן איינטאניגען טיק-טאק און צעהלט פאר לאנגווייליגקייט די שטענדיג גלייכע צייט. אלע פארהאנגען זיינען ארונטערגעלאזען און עס זעהט אוים, אזוי ווי אונטער די שווארצע מויערן זאל

הערשען א געדיכטע פינסטערע נאכט.

דארא ליגט איינגעהילט אין א גרויס ווארעם טוך אויפ'ן בעט פון'ם קליינעם שלאף־צימער און קלעהרט.

שוין א יאהר איז אוועק זייט ליזא טשומאקאווא איז טויט, אויף איהר קבר וואקסט שוין אודאי דאס צווייטע גראז, פאר דארא איז דאס יאהר געווען אזוי ווי א שווארצער פלעק, קראנקהייט און חרטה האט איהר הארץ אויפגעגעסען. איהר פנים איז נאך מאגערער געווארען, איהרע אויגען פאנגען אן קרענקליך צו גלאנצען. דער קאפ זעהט אויס גרעסער און דער קערפער קלענער... אבער אין איהר נשמה איז נאך פעסט דער רצון און עס ברענט אין איהר הארץ נאך שטארקער דער ווילען צו זיין גרויס און שטארק, מו־טהיג און שטאלץ. אין דעם איינעם יאהר, איז זי גאנץ רוסלאנד אויסגעפאהרען, פיעל געפאהר אויסגעשטאנען, צום סוף האט זי זיך דא אין דעם גרויסען אונהיימליכען הויז בעזעצט; וואו ס'איז פאר־בערייטעט געווארען א גרויסע פערשווערונג.

דער געדאנק וואס מארגען וועט געשעהן, געהט דורך א קאלט ציטערען דורך איהר קערפער, און ס'לעגט זיך זעהר שווער אויף איהר הארץ, פון דעסטוועגען, ווייסט זי, אז זי וועט מארגען אהין געהן און אלעס טהאן. זי ווערט פון דעם בעגייסטערט, אז גראדע איהר האט מען אזא אונגעהייער געפעהרליך גרויסע ראלע איבער־געגעבען. די גאנצע פערשווערונג און די פיעלע ארבייט וואס איז געטהאן געווארען, פערשווימט פון איהרע אויגען; זי זעהט נאר זיך אליין, און שטעלט זיך פאר ווי שטאלץ און מוטהיג זי וועט עס דאמאלס צווישען די גאנצע מעננע קלייגליכע מענשען שטעהן.

זי ליגט שטיל און צופריעדען און איהרע אויגען גלאנצען אין דער טונקעלהייט, אזוי ווי פון א בעהעלטעניש א מויז.

פון'ם שכן'ס שטוב הינטער די וואנד פאלט עטוואס צו דער ערד, און דער קלאפ וועקט אין איהר שמערצליכע עראינערונג וואס זיינען א גאנץ יאהר ווי א שווערער שטיין געלעגען אויף איהר ברוסט. ווידער פייניגט איהר דער געדאנק: פאר וואס זי האט ניט געקענט

אזוי איינפאך און שעהן ווי ליזא שטארבען, שוין צום הונדערסטען מאל פרואווט זי זיך די אורזאך צו ערקלעהרען, און שוין צום הונ־דערטסטען מאל געפינט זי קיין ענטפער ניט. די נאך ניט פער־היילטע וואונד רייסט זיך ווידער אויף און צופט אזוי שטארק ביי איהר הארץ....

שרעק, שאנדע, איינזאמקייט און שמערץ ליגט נאך אויף איהר אזוי ווי פריהער...

עס הערט זיך א קלינגען, און דער טאן פון'ם גלאק מאכט פול די גאנצע וואהנונג. צוערשט שטיל, דערנאך שטארקער און אבגע־האקט, און א ווײלע שפעטער ווידער שטיל און אויסגעצויגען, אזוי ווי עס זאל זיך ווער בעטען מען זאל איהם ארײנלאזען...

ס'ציטערט עטוואס אין דאראס ברוסט. אלע עראינערונגען פערשווינדען און ס'ווערט איהר לייכטער אויף'ן הארץ. זי שטעהט שנעל אויף, געהט ארײן אין פאדער־צימער, דער שאטען אויף די וואנד געהט איהר נאך און ווערט צוזאמען פערשוואונדען מיט איהר אין קארידאר.

אויף די טרעפ איז ליכטיג. אנדרעיעוו'ס געשטאלט אין מאנ־טעל או זבריימען הוט ערשיינט דורך די טיהר פון קארידאר.

— אה, איהר זיינט דאס? — פרעגט דארא שטיל, — און די איבעריגע?

ניט איילענדיג זיך צו ענטפערען, פערמאכט אנדרעיעוו די טיהר, טהוט זיך אויס דעם מאנטעל מיט'ן הוט, דאן ענטפערט ער ביין א זייגער ווע̃לען זיי אלע קומען, ניעסנאמאוו מוז עסען האבען. ער וועט דא נעכטיגען.

— ביי מיר איז אלץ אנגעגרייט — ענטפערט דארא.

זיי געהען ביידע אין עס־צימער, דארא זעצט זיך אויף די זאפא און הילט זיך ווידער איין אין דעם טוך. אנדרעיעוו ברענגט ארײן פון פאדער־צימער אן איינגעוויקעלטע זאך, עפענט דעם שראנק און לעגט עס פארזיכטיג אוועק; אזוי ווי ס'זאל זיין עפעס פון גלאז.

— גיט אכטונג אויף דעם, דארא... — ווארענט אנדרעיעוו.

זיי שוויַיגען ביידע. אנדרעיעוו געהט שטיל אין צימער אויף און אב. דאָרא קוקט איהם נאָך שווייגענד מיט די אויגען. עס דאכט זיך איהר, אז עפּעס א שווערקייט ליגט אויף די גאנצע וואהנונג און דריקט צו איהר קאָפּ און איהר ברוסט.

— נא, ווי... איז אלץ גרייט? — פרעגט זי, כדי צו אונטער־ברעכען דאָס שווערע שווייגען.

אנדרעיעוו ענטפערט נים.

— ווער איז דאָס דער ניעסנאמאוו? — פרעגט ווידער דאָרא.

אנדרעיעוו בלייבט פלוצלונג נעבען איהר שטעהן, הערט אויף זיינע וואנצען צו דרעהען און שמייכעלט.

— איך קען אייך דאָס נים זאגען... דאָס איז אייך גאנץ גלייכ־גילטיג... אן אמת... גוטער מענש... דאָס איז די הויפּטזאך.. איבע־ריגענס וועל איך אייך זאגען, אז ער איז א סטודענט...

ער פאנגט אָן ווידער צו געהן אויף און אב אין צימער און זיי־נע וואנצען צו דרעהען.

— איך ווייס נישט ווי אזוי דאָס אלץ וועט זיך ענדיגען... — זאָגט ער נאָכדענקליך, — נאָר ווען איהר זאָלט פערלוירען געהן, וואָלט געווען א שאנד... אזעלכע מענשען קען מען אזוי לייכט נים ווידער האָבען... אין אן אנדער לאנד וואָלטען זיי גרויסע זאכען אויפגעטהאָן, און דאָ ווערען זיי פאר גאָר נישט אונטער־געהן.

— ווי אזוי פאר גאָר נישט? — פרעגט דאָרא.

— איהר מיינט אפשר, אז איך וועל אייך פאר עפּעס א הויי־כען אלטען געאדעלטען אָפּ אוועקגעבען?

דאָרא שמייכעלט.

— איהר רעדט אזוי ווי איהר אליין וואָלט דאָס נישט וועלען טהאָן, — זאָגט זי מיט א שמייכעלדיגען טאָן.

אנדרעיעוו ווינקט מיט די האנד.

— ניין, ווענען מיר... מיין ראלע וועט מיך העכסטענס ברענ־קען קיין שליסעלבורג, אָבער איהר דריי געהט דירעקט צום גאלגען...

דאס טהוט מיר באנג, איך קען דאך אייך אלע אזוי גוט... און איך האב איך אזוי ליעב... פון מיינעטוועגען וואלט איך געגאנגען...

— פאר וואס זשע געהט איהר נישט?

— ס'קענען דאך נישט אלע מיט אמאל געהן... — שמייכעלט אנדרעיעוו, — איך וועל אויך קומען אין די רייהע...

— אזוי, קענט איהר הייסט דאס ניעסנאמאוו'ען?

— יא, איך קען איהם... אויך קארעניעוו — איז א שטארקע נאטור... ער איז א קעמפפער פון די נאטור... פון זיין טעמפעראַמענט... ער האט זיך צו דעם דאזיגען קאמפף איבערגעגעבען, ווייל אין דער איצטיגער צייט איז נישט דא קיין העכערע אידעאַליסטישע זאך, ווי די רעוואָלוציאנערע בעוועגונג!...

— נאר אין קאמפף פאר פרייהייט, ווען אלע מענשליכע קרעפטע זאלען זיך אנשטרענגען, אדער מען וועט די קייטען צוברעכען אדער אונטערגעהן... דאס איז גרויס!... ערהאבען און הייליג. קארעניעוו איז אמת'דיג א הארטהערציגער מענש... ער איז פערביטערט, אבער אזוי איז ער דער בעסטער מענש וואס קען נאר זיין. אלע אמת'ע אנארכיסטען זיינען גוטע פיהלענדע מענשען. נאר די גרויסע מאסע בייזהייט, רויהייט און אונגערעכטיגקייט פון דער וועלט, וועלכעס בעדרייט נאר פאר אונז בלויז א טרויעריגע זאך... איז פאר זיי אנגעהייער שרעקליך און עס מאכט פול זייער הארץ מיט האס און עקעל...

אנדרעיעוו בלייבט שטעהן נאכדענקליך, און פון זיינע אויגען קוקט ארויס א מין צארטער ווייבער געפיהל.

— ס'איז דא אזעלכע נאטורען — זאגט ער ווייטער — וואס נעהמען אין זיך אלעס בייזע פון דער וועלט, און לעבען עס דורך אין דער טיעפקייט פון זייער נשמה... זיי האבען א בלוט־בעפלעקטע נשמה... עס איז זיי אונמעגליך מיטצופיהלען אויפגערעגט צו ווערען, ווייל עס פעהלט זיי דער מיטלייד צו יענעם, זיי בעטראכטען אלע לײדען פאר זייערע אייגענע נישט קיין אלגעמיינע... אזעלכע מענשען, אדער זיי בעגעהן זעלבסטמאָרד אדער זיי ווערען אין

גאנצען גלייכגילטיג צום לעבען... ניעסנאמאוו אבער, האט א ריינע נשמה !... א היילינע !... א שאד ער זאל פערלוירען געהן..

אנדרעיעוו מאכט א טרויעריגע האנדבעוועגונג און געהט ווי־דער אין צימער אויף און אב.

עס הערט זיך ווידער דער לאנגווייליגער טיק־טאק קלאפען פון'ם זייגער ; דארא זיצט פערזונקען אין עפעס פאר איהר געהיימ־ניספולע גערדאנקען, און זי טראכט : זי איז אויך אזוי ווי יענער... אזוי ריין.... אזוי מוטהיג !... אויף איהרע דינע ליפען בעוועגט זיך א צופריעדענער שמייכעל...

— יא אזוי איז עס, דארא באראשקאווסקאיא — זאגט ווייטער אנדרעיעוו. — דענק נאר אין דעם : איהר וועט שטעהן אין עק גאס, כדי איהר זאלט קענען פון דארט זעהן דעם באהנהאף און די דורכלויפענדע גאס. ווען דער צוג וועט צום באהנהויף צופאהרען און דער פירשט וועט פון וואגאן ארויסגעהן, וועט די אקושערקע אויף די פאדערטרעפ ארויסקומען און וועט צורופען א דראשקע, אין דעם אויגענבליק מוזט איהר מיט אייער טאשענטוך פאכען. ס'זאל אויס־זעהן אזוי ווי איהר ווישט אייך דעם שוויים פון שטערען, דער צייכען וועט אין נעקסטען קאפע־הויז ווייטער גענעבען ווערען. ביים צווייטען צייכען וועט קאריאנאוו און ניעסנאמאוו אייך אקעגען קומען — אזוי...

— איך געדענק אלעס גאנץ גוט... גלויבט איהר דען, אז איך קען דאס פערגעסען ? — פרעגט דארא פערוואונדערט.

— ניין, דאס גלויב איך נישט — ענטפערט אנדרעיעוו רוהיג, אבער אויף מיר ליגט די פליכט צו קאנטראלירען. די הויפט זאך איז : נישט אויפגערעגט זיין.

דארא שאקעלט מיט'ן קאפ.

ס'איז שטיל געווארען. און די שטילקייט האלט אזוי לאנג אן ביז ס'הערט זיך ווידער א קלינגען אין קארידאר.

— נא, אט זיינען די אנדערע אויך שוין דא — זאגט אנדרע־יעוו רוהיג און געהט עפענען.

ס'הערט זיך א טיהר עפענען און דאס אריינקומען פון מענ־שען. דארא הויבט אויף איהר קאפ און קוקט ערוואַרטענדיג צו די טיהר.

קאריענעוו זעהט אויס אזוי גרויס, שעהן און קרעפטיג אזוי ווי פריהער. ניעסנאמעוו איז אויך גרויס, אבער א ביסעל מאגערער און עלעגאנטער, ער האט אן עדעלען פנים, גרויסע אויגען, בלאנדע ווייכע האר און ער דערמאנט דארא אין פאשא אפענאסיעוו... זיי דריקעןביידע דארא'ס האנד.

ווען איהר ווילט אונז טעה געבען, גענאסין באראשקאווסקאַ־יא — זאגט קאריענעוו א ביסעל שפאסיג מיט זיין פול־טענענדיגע שטימע. דארא פיהלט אזוי ווי א פרישער קוהלער הויך זאל פון איהם ארויסגעהן, אזוי ווי ער זאל קומען פון די ווינטער־לופט....

— גוט. — ענטפערט דארא מיט געמאכטע רוהיגקייט און געהט אין קיך אריין. דארט בעשעפטיגט זי זיך מיט'ן סאמאוואר, און איהרע נישט געוואהנטע הענד ציטערען און זי צוואווארפט קויהלען אויף דער ערד.

פון'ם עס־צימער הערט זיך קאריענעוו'ס קול, ער דערצעהלט וואס פאר א קונצען ער האט געמוזט מאכען, כדי אבצונארען דעם געהיים־פאליציסט וואס איז איהם נאך נעגאנגען, און ווען דארא איז צוריקגעקומען, זאגט קאריענעוו, — מיר געפעלט די אקושערקע!... דאס איז א מענש! זי וועט זיך אזוי רוהיג פערהאלטען ביים בע־שאפען פון א גאנצע וועלט אזוי ווי ביים געבוירען ווערען פון א קינד! ווייסט איהר, אין די לעצטע צוויי טאג פיהל איך ערשט אז איך לעב... ס'איז נאר א שאד, אז באלד וועט אלץ צו ענדע זיין...

— ווארט נאר א ביסעל... — זאגט אנדרעיעוו א ביסעל טרויע־ריג.

— ניין, ברודער, — לאכט קאריענעוו — מיר האבען נאך א י י ן טאג דערנאך — פסט...

דער בלאנדער ניעסנאמאוו קלאפט מיט זיינע דינע פינגער אויפ'ן עק טיש און קוקט פערטראכט ערגעץ אויף איין פונקט, ביי

דעם קלאנג פון קאריענעווס פרעהליכע שטימע געהט א שוידער דורך דאראס רוקען. איהרע פיס ציטערען. עס ערפאסט זי א פלוצ־לינגע שוואכקייט. זי זעצט זיך אויף די זאפא און ווי דורך א נעבעל הערט זי קאריעניעוו׳ס שטימע.

— ס׳איז נאר שלעכט, ווייל מיר האבען אזוי ווענינ מענשען...

— זאגט קאריעניעוו, — צוערשט זיינען אלע דאפיר, און ווען עס קומט צו טהאטען, זיינען אזוי ווענינ פארהאן!..

דארא הויבט זיך אויף, פון תמיד פיהלט זי שמערצליך פאר־וואס דער הויך־געוואקסענער שעהנער סטודענט האט איהר נישט ליעב און אין זיין געגענווארט נעהמט זי זיך אלע מאל צוזאמען.

זי שמייכעלט, ווארפט א בליק צו ניעסנאמאוו׳ן און פרעגט:

— איהר וועט טרינקען טעה מיט לימענע?

— איך?... יא... — ענטפערט ניעסנאמאוו מעכאניש.

ביים טעה, וועלכען ס׳טרינקט קיינער נישט, נאר קאריענעוו ווערט מעהר געשוויגען ווי גערעדט. און פון דער שטילקייט הערט זיך כמעט דער גאנג פון דער צייט, און דאס דערנעהנטערען פון דעם שרעקליכען מארגענדיגען טאג...

— נו, לאמיר געהן... — זאגט קאריעניעוו אויפהויבענדיג זיך — צום ווידערזעהן מארגען.

— דארא וועט אייך ציינען וואו אלעס ליגט — זאגט אנ־דרעיעוו צו ניעסנאמאוו׳ן מיט אן ערענסטען טאן.

— גוט! זייט געזונד. — ענטפערט ניעסנאמאוו.

א מאמענט שוויינען זיי אלע, אזוי ווי זיי זאלען נים וויסען וואס זיי זאלען ווייטער טהאן.

— יא, — זאגט אנדרעיעוו שטיל — ס׳איז מעגליך, אז מיר וועלען זיך מעהר נישט זעהן...

ער געהט צו צו ניעסנאמאוו׳ן, נעהמט איהם ארום און דריקט איהם ליעבליך צו זיין ברוסט.

— זיי געזונד, מיין טייערער, — זאגט ניעסנאמאוו צערטליך.

דאס צערטליכע געזעגענען פון די צוויי ווירקט אזוי אויף דאר־

ראָ'ס געמיטה, אַז די טרעהרען פאַנגען אָן פון איהרע אויגען צו רינען, לויפען איבער איהרע באקען און פאַלען אויף איהרע ציטע־רענדע לפּען...

קאַרעניעוו דריקט ניעסנאַמאַוו'ס האַנד שוויינענדיג און שמייכעלט טרויריג. ניעסנאַמאַוו ענטפערט איהם מיט דעם זעלבען טרויריגען שמייכעל.

קאַרעניעוו און אַנדרעיעוו געהען אַוועק. דאַראַ בעגלייט זיי ביז אין קאָראַדאָר. האָרכט זיך צו, ביז ס'פערמאַכט זיך הינטען דאָס טויער. זי פערשליסט די קאָראַדאָר־טיהר און געהט צוריק אין עס־צימער.

ניעסנאַמאַוו שטעהט ביים פענסטער און קוקט אויף די גאַס אַרויס. ס'איז נאָך נאַכט און די גאַסען זיינען פּוסט, אָבער דער הימעל איז שוין אַ ביסעל ליכטיג פון'ם מאָרגען־שיין. דער לעצטער שטערן פאַנגט שוין אָן בלאַס צו ווערען... ס'ווערט שוין באַלד טאָג..

— ס'טאָגט שוין... די נעכט זיינען ביי איך קורץ — זאָגט ניעסנאַמאַוו שמייכלענדיג, ווען ער הערט דאַראַ'ס שריט.

— יאָ! — ענטפערט דאַראַ, און נעהמט מעכאַניש דאָס גע־שיער פון'ם טיש אַראָב. אַ זעלטען געמישטע געפיהל קומט איהר אין האַרץ: צום ערשטען מאָל קומט איהר אויף די געדאַנקען אַז זי איז גאָר נישט פעהיג צו אַזאַ טהאַט... און צוגלייך דענקט זי ווידער ווי שטאַלץ דאָס איז... זי פערבערענגט די לעצטע נאַכט צו־זאַמען מיט אַ מענש, וועמענס נאָמען ס'וועט מאָרגען אין גאַנץ רוסלאַנד קלינגען, און אַלע שטיינערנע הערצער פון די הערשער צי־טערען מאַכען...

אין דרויסען ווערט וואָס אַמאָל ליכטיגער. דער טאָג פון גרויסקייט קומט אָן... טראַכט דאַראַ, און איהר האַרץ ציטערט פאַר וועה און שטאָלץ...

ניעסנאַמאַוו זיפצט שווער, געהט אַוועק פון פענסטער, און זאָגט ווייך און שמייכלענדיג צו דאַראַ: — ס'איז מעגליך, אַז דאָס

איז דער לעצטער מארגען וואס איך לעב... נאר דאס איינע טהוט מיר באנק... אפען געזאגט, בין איך א סענטעמענטאלער.... איך האב ליעב די זון, דעם הימעל, דעם הערבסט, און דעם פריהלינג... איך האב ליעב דאס גראז, אלע שעהנע זאכען, דאס שטילע לעבענס־פריידיגע... איך וויל קיינעם נישט טויטען.. און איך וויל אויך נישט שטארבען...

— פאר וואס זשע געהט איהר צום טויט? — פרעגט דארא פעראינטערעסירט, און ווידער טראכט זי אין'ם שטאלצען בעוואוסט־זיין; אז דאס איז איהר פראגע... די פראגע וואס זי פרעגט איצט וועט בלייבען היסטאריש...

— ווי זאל איך אייך זאגען?... — ענטפערט ניעסנאמאוו, — אפשר טאקע נאר דורכדעם, ווייל כ'האב טאקע דאס לעבען אזוי ליעב, שמערצט מיך, פאר וואס אנדערע מאכען עס שלעכט...

ער שטעהט פאר דארא, שטאלץ, שעהן, אינגאנצען פון דער מארגענזון בעלויכטען, ער קוקט איהר אין די אויגען מיט זיין מילדען בליק, און שמייכעלט מיט זיינע דינע ליפען. דארא'ן פרעסט עס די קעהל צו, און כדי זי זאל זיך נישט צואויינען, שטרעקט זי שנעל אויס די האנד, און ניט קוקענדיג אויף איהם זאגט זי — זאל גאט געבען ס'זאל זיך אלעס צו גוטען ענדיגען...

— ניין, וואס דען.. — וועגדעט ניעסנאמאוו איהר אב — אלץ איינס... איז נישט היינט, וועט זיין אנ'אנדערס מאל... אלץ איינס... אלע די וואס האבען אונזער פאלק צו אזא טרויריגען צו־שטאנד געבראכט, זיינען מיינע פיינד, און ווען ס'וועט איצט גע־לונגען זיך צו רעטען, וועל איך ווידער געהן און אן אנדערען טויטען... אלץ איינס...

דארא הויבט אויף דעם קאפ און קוקט איהם אין די אויגען; זיי זיינען העל און טרויריג, און עטוואס אונבעקאנטעס טייערעס געהט ארויס פון די דאזיגע אויגען אין איהר נשמה אריין... און זי זעהט זיך, אזוי קליין... אזוי קליין...

די פענסטער ווערען וואס א מאל העלער און העלער, און פון

דרויסען הערען זיך שוין איינצעלנע טענער פון'ם ערוואכטען לעבען...

— האט איהר נישט פאפיער מיט טינט? — פרעגט ניעסנאמאוו — איך וועל צו מיין מוטער שרייבען... שפעטער וועל איך נישט קענען.

דארא זאגט קיין ווארט נישט, זי גיט איהם פאפיער, בלייבט א ווײלע שטעהן. זי וויל עפעס זאגען, און קען נישט... געהט זי אין שלאפצימער.

לאנג ליגט זי דארט, איינגעהילט אין איהר ווייסען טוך נישט ריהרענדיג זיך. זי הערט זיך צו צום קריצען פון די פעדער און צו ניעסנאמאוו'ס בעוועגונגען... איהר קליין־פערלאזען הארץ וויל זיך צוברעכען פאר רחמנות, עפעס א היילינע הויך אידעאליסטישע ליעבע פיהלט זי פאר דעם מענש, זי וואלט גערן זיך אויפגעהויבען צו איהם געגאנגען, איהם ארומגענומען, און קושען אזוי הארציג... שיצען איהם אין איהרע ארעמס און איהם פערטיידיגען פאר דעם אנקומענדיגען שרעק.

זי בלייבט אונבעוועגליך שטיל ליגען אויף איהר פלאץ און וויינט שטיל ער זאל נישט בעמערקען...

פיערצעהנטעס קאפיטעל.

איבער דער שטאדט העגנט א שטויביגער און רויכיגער הימעל, און די לופט איז אזוי געדיכט, אז ס'פערבלענדעט אזש די אויגען.

אויף דער הויפט גאס פאהרען ארום די דראזשקעס הין און צוריק און זיי זעהען אויס אזוי עהנליך איינע צו די אנדערע און עס דאכט זיך, אז אבזיכטליך האט זיי ווער אבגעקויפט זיי זאלען אזוי ארומפאהרען, אויף ביידע זייטען גאס געהען מענשען בעשעפטיגט איינס אונטער דעם אנדערען און זיי זעהען אויס ווי

און אונענדליכער פערשיעדען־פארביגער שטריימ. די הייזער וואר־פען שאטענס און ס'איז אזוי היימ אז פערכאפט יעדען דעם אטהעם.

דארא'ן איז זעהר שווער צו שטעהען. די שלאפלאזע נאכט וואס זי האט פערבראכט, די קראנקהייט וואס זי האט ערשט דורכגעמאכט און די אויפרעגונגען וואס זי האט לעצטע צייט געהאט, האט איהר קערפער אזוי אבגעשוואכט, אז זי האט בעקומען קאפ־שווינדעל. זי שטעהט אין עק גאס אונטער דעם שאטען און קוקט אנגע־שטרענגט איבער די קעפ פון די דורכגעהענדע צום באהנהאף.

אויף א ברייטען פלאץ שטעהען טרעגער מיט ווייסע שירצען, געהען און קומען מענשען, ס'פאהרען דראשקעס הין און צוריק, אויף א פראנט פון אן אייזערנעם סלופ שטעהט א גרויסער זייגער און עס זעהט אויס אזוי ווי ער זאל אכטונג געבען אויף אלעם וואס עס קומט פאר אין גאס.

דארא'ן דאכט זיך, אז זי שטעהט שוין דארט זייט תמיד. שוין לאנג קוקט זי אויף דעם זייגער, אויף די טרעגער מיט די ווייסע שירצען און אויף אלץ וואס ס'איז דא אין גאס. דאס אלטע בע־קאנטע באהנהויף שטעהט שוין לאנג אזוי פון דער גאנצער וועלט אבגעזונדערט און קוקט אונבעוועגליך אין די לופט אריין. ווען דארא זאל אפילו וועלען קען זי אויך נישט די אויגען פון דארט אוועק־נעהמען. עפעס ציהט זי נאר זי זאל דארט אהין קוקען.

די געדרוקטע אונרוהיגקייט וואקסט וואס אמאל שטארקער אין דאראס ברוסט. ס'איז איהר היימ, אבער אונטער איהר הארץ פיהלט זי א מין קאלטקייט, און איהרע קניה ציטערן לייכט, דאס ציטערן איז קוים צו בעמערקען. אבער דארא'ן דאכט זיך, אז יעדער מוז עס זעהען. ארום איהר איז א גערודער. זי הערט פערשיעדענע שטימען אזוי ווי פון חלום. איהר איז דאס אלעס גלייכגילטיג. די אלע שמילע טענער שניידען אין איהר מוח אזוי ווי א וואר־נונג, מאכט שטורמיש קלאפען איהר הארץ און א קאלטער שוויים קומט ארויס אויף איהר שטערען; די מענשען געהען און קומען און טויזענדער אונבעקאנטע פנים'ער שווינדלען דורך איהרע אויגען

אפט בעפאלט איהר אזא שרעק, אז זי וואלט ערגעץ אין עק וועלט אנטלאפען, זיך אין א בעט אריינגעווארפען, מיט'ן פנים צום וואנד צוגעקעהרט, אין א שטיל־שטילען איינזאמען צימער, לאנגע שטונדען... דאס גאנצע לעבען לאנג דארט ליגען און אייביג אויף דעם געפארבטען פאפיער פון דער וואנד קוקען.

ווען דאס איז אזוי שרעקליך, ווער צווינגט מיך דען צו דעם?

— בליצט אויף אויף א געדאנק אין איהר מח, און עס וויל זיך איהר אויסדרעהען און גלייכגילטיג אוועקגעהן פון דארט. זי מאכט אבער א פערצווייפעלטע אנשטרענגונג, אונטערדריקט אין זיך די שרעק, און אין איהר מח שטעלט זיך די פראגע: — בין איך ווירקליך אזוי שרעקענדיג?

ביי דיזען טראכטען זעהט זי פאר זיך ניעסנאמאוו'ס פנים, זיינע שעהנע שמערצליך־פלוע אויגען, און עס ווערט איהר אויף אן אויגענבליק לייכטער; דאס ציטערן פערשווינדט פון איהר, איהרע פיס שטעהען פעסטער און איהרע אויגען קוקען שטארקער צו דעם פלאץ וואו זי דארף...

א הויך געוואקסענער הערר, מיט א שעהנעם אויסזעהענדען פנים, לאנגע האר און עלעגאנט געקליידעט, געהט גלייך מיט איינ־געהאלטענע טריט נעבען איהר פאראיבער. דארא קוקט אויף איהם אזוי ווי זי האט אויף אלע פאראיבערגעהענדע געקוקט, אבער פלוצלינג קומט ער איהר פאר בעקאנט, זי קוקט נאכאמאל אויף איהם שוין מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, זי דערקענט קארעניעוו'ן. ער זעהט רוהיג און פרעהליך אויס, אבער זיין פנים איז אונבע־וועגליך אזוי ווי א שטיין...

ביים דורכגעהן, האט ער נישט קוקענדיג אויף איהר געזאגט:

— פאסט אויף... שוין באלד...

דאס לעצטע ווארט האט דארא ניט געהערט, נור זי פיהלט וואס ער האט געזאגט. קארעניעוו איז צווישען די אנדערע פער־שוואונדען. אבער אין דארא'ס אויערן זיינען די ווערטער געבליבען.

נאך קארעניעוו'ן קומט אן עלטערער הערר מיט א צילינדער און גלאט ראזירטען פנים. דארא קוקט אויך אויף איהם, אבער איהם קען זי ניט, ער איז א פרעמדער.

די צייט געהט... דארא שטעהט נאך אלץ. זי האלט זיך קוים אויף די פיס; יעדער נערוו איז אין איהר אזוי אנגעצויגען, אז עס דאכט זיך איהר אז איהר גאנצער קערפער וועט צוזאמענברעכען. צואווייאלען וואלט זי זיך וועלען ביי דער וואנד אוועקזעצען, איהר מיעדען קאפ דארט אנלעהנען און איהרע אויגען צושליסען...

— א, גאט! ווען ס'זאל שוין שנעלער זיין... ווען ס'זאל שוין שנעלער זיין... — מורמעלט זי שטיל, און ווידער ווערט זי אזוי ווי גלייכגילטיג און קוקט שטארק צום באהנהויף.

אויף די גאס געהט דאס געוועהנליכע לעבען אזוי ווי פריהער — פערד און מענשען בעוועגען זיך אויף אלע זייטען, געהען אוועק און קומען צוריק. דער הימעל איז נאך אלץ אין רויך פערוויקעלט און די שטראהלען פון דער זון פינקלען מיט א היץ און פאלען צו דער ערד.

— וואס שטעהסטו דא? — שרייט מיט כעס א יונגער דוואר־ניק צו א קוטשער וואס איז געבליבען שטעהן מיט די דראזשקע.

— פאהר ווייטער! דו טייוועל!...

דער קוטשער דערשרעקט זיך און פאהרט אוועק. אבער דארא האט שוין אין דעם קוטשער לאריאנעוו'ן דערקענט...

וואס טהוט ער!... ער האט דארט נישט נעדארפט בלייבען שטעהן! — טראכט דארא מיט שרעק, און דערמאנט זיך וואס קארעניעוו האט געזאגט: „אז אלע זיינען בערייט... אבער ווען עס קומט עפעס צו טהאן, ווערען זיי דערשראקען און טהוען אלץ פערקעהרט“... זי איז דורכדעם אין כעס געווארען אויף קארע־ניעוו'ן; ער דארף דאס נישט זאגען... אבער פלוצלינג ווערט זי פערצווייפעלט, אפשר איז טאקע אמת וואס ער זאגט? אז זיי ווערען דערשראקען, טהאן אלעס פערקעהרט, און דורכדעם פאלען זיי אריין צו די פאליציי.

דאַראַס גאַנצער קערפּער בעדעקט זיך מיט קאַלטען שווייס, מיט שרעקענדיגע אנשטרענגונג, הויבט זי אָן צוריקצורופען אַלע איינצעלהייטען און עס דאַכט זיך איהר אַלץ, אַז זי האָט עפּעס פערגעסען...

ווען די אַקושאַרקע וועט פון באַהנהויף ארויסגעהן, און וועט אַ דראָזשקע צורופען... דאַמאָלס מוז... מוז איך... נאָ יאָ, יאָ...

— אַזוי דרעהט זיך ניט פאַרעמדיג אַבגעריסענע זאַצען אין דאַראַ'ס געהירען... און ווען זי קוקט זיך פערטראַכט אום זעהט זי אַ פּאָר נייגעריגע אויגען אויף איהר קוקען...

אַן איינפאַכער געקליידעטער מאַן געהט איהר אַריבער און קוקט שטאַרק אויף איהר, אַבער אַזוי ווי בעהאַלטען, און ווען דאַראַ דרעהט זיך צו איהם צו, געהט ער שנעל אַוועק אויף דער צווייטער זייט גאַס, און שפּאַציערט הין און צוריק...

— אַ דעטעקטיוו... ענטדעקט! — געהט דורך מיט אַ שווידער־ליכע קאַלטקייט דורך איהר קאָפּ.

כאָטש ס'איז אַלעס געווען אַזוי ווי פריהער, דאָס בעוועגען אין גאַס, די מענשען און יעדער זאַך, אַבער עפּעס אַ מין בעהאַלטענע מורא און אַ שרעקען פאַר עטוואַס, אַזוי עס זאָל שטיל און גע־היימניספול קומען וואָס אַ מאָל נעהנטער און נעהנטער.

דאַראַ ציטערט פאַר שרעק, און קוים זי האַלט איהרע צעהן צוזאַמען זיי זאָלען ניט קלאַפּען...

— נאַרישקייטען... פאַר וואָס עפּעס שרעקען? — זי בע־וועגט זיך הין און צוריק, קוקט אין אַלע זייטען, זי זעהט אויס ווי אַ געפאַנגענע חיה...

גראַד אין דער מינוט קומט די אַקושאַרקע פון באַהנהויף ארויס און ווינקט צו אַ קוטשער...

דאַראַ פיהלט פּלוצלינג אַזוי ווי אַ שטאָך אין קאָפּ. פאַר איהרע אויגען דרעהט זיך אַלץ אַזוי ווי אַ מין טייוולישער ראָד... איצט... טראַכט זי מיט שרעק.

דערמאָנענדיג וואָס זי דאַרף טהאָן, נעהמט זי ארויס איהר

ווייס טאַשען־טוך און פאַבעט דאַמיט אין די לופט קעגען די זון. זי בעמערקט נאָך ווי אַ שווארץ געדעקטער וואַגען פאָהרט צו צום באַהנהויף.

אבער פּלוצלינג זעהט זי פאר זיך דעם דיקען גלאַט־דאַזירטען מאַן מיט׳ן צילינדער, מיט אַ דורכדרינגליכען בליק קוקט ער אויף איהר און מיט אַ שטרענגע שטימע פרעגט ער זי: — וואָס מאַכט איהר דאָ?

דאָראַ קוקט זיך מיט שרעק צו איהם אום, פון איהר טויט־בלייכעם געזיכט קוקען אַרויס איהרע דערשראָקענע שוואַרצע אויגען, און נישט בעגרייפענדיג וואָס זי טהוט אבער דאָך ווּיסענדיג, אַז עטוואָס שרעקענדיגעס מוז דאָ געשעהן, נעהמט זי אַרויס אַ רעוואָלווער און שיסט צו דעם דיקען מאַן, מיט׳ן גאַנצען פעטען קערפּער פאַלט דער מאַן, דער צילינדער רוקט זיך אַריבער זיינע אויגען, ער פאַלט אין מיט גאַס אַריין, נעבען אַ פערד פון אַ דראָזשקע. דאָס פערד דערשרעקט זיך און שפרינגט אַוועק אין דער זייט.

ס׳ווערט אַ צומישט געראַויש, דאָראַ זעהט נאָר פאַר זיך ווי דער צילינדער פליהט אַרום אין דער גאַס. אַ ווילדער געראויש פון די פיעלע מענשען פילט אָן די לופט.

— פערלוירען! — בליצט עס אויף אין איהרע געדאַנקען און מאַכענדיג זיך אַ וועג צווישען די מאַסע מענשען אַנטלויפט זי. אין עק גאַס, פערהאַווקעט זי זיך אין עפּעס. זי פיהלט, אַז מען האָט איהר געכאַפּט, מיט עפּעס זעהר אַ שווערע זאַך אין איהר קאָפּ געשלאָגען, זי שליסט די אויגען און פאַלט מיט די הענד אויסגעשטרעקט אויפ׳ן פּלאַסטער...

— צ ענדע! — דאַכט זיך איהר, שרייט די גאַנצע לופט איבער איהר קאָפּ און זי בלייבט אין חלשות...

ווען זי עפענט ווידער די אויגען, שטעהן ביי איהר צוויי פּאָליציייליים, שלעפען איהר צו אַ דראָזשקע און זעצען איהר אַריין. עפּעס אין אַ מין משוגע׳נעם ווירוואַר דרעהט זיך אַלעס פאַר איהרע אויגען, אין איהרע שלעפען שטעכט און שניידט אונאויפהערליך.

און איבער איהרע ליפען רינט דיק, ווארעם בלוט...

אין מיטען גאס זעהט זי לאריאנאוו'ן ווי ער זיצט אויף זיין דראזשקע אלס א קוטשער פערקליידעט. אייניגע מענשען האלטען איין זיין פערד. א שטארקער פאליציי־בעאמטער האלט איהם ביי זיין מאנטעל... אבער לאריאנאוו מיט ארויסגעסטארטשעטע אויגען, טרייבט אזוי ווי א משוגע'נער דאס פערד און שלאגט עס ווילד מיט די בייטש, דאס פערד שטעלט זיך אויף די אונטערשטע צוויי פיס.

— האלט איין! האלט איין! — שרייט עס פון אלע זייטען, און דער געשריי הערט זיך אזוי ווי פון טויזענדער טייוואלים, אלעס שרייט... דארא'ן קומט אלעס אויס ווי א חלום...

דארא איז ווידער אין חלשות געפאלען...

די דראזשקע מיט דארא האט זיך אנגעפאנגען בעוועגען; און ווען זי איז דעם באהנהויף דורכגעפאהרען, האט דארא די אויגען געעפענט, און ווי דורך א נעבעל זעהט זי ווי אייניגע דיקע לייטע אין יוניפארמס שטעהען רוהיג און קוקען זיך צו און אונטער זיי שטעהט די אקושארקע אין א זייל אנגעלעהנט, שטארק און גרויס זעהט זי אויס, און קוקט מיט א בייזען בליק און פעראכטונג אויף אלץ וואס איז ארום איהר.

— פערלוירען! אלץ פערלוירען!... — טראכט דארא, און אין הארצען איז זי צופריעדען... וואס ס'וועט באלד א סוף נעהמען...

ע נ ד ע.

איך האב איהר גענלויבט.

מיר זיינען געזעסען און געשמועסט וועגען אייפערזוכט און וועגען פאלשקייט און אונטרייהייט פון פרויען. א בעקאנטער אלטער ערצעהלונגס־שרייבער האט אונז דערצעהלט פאלגענדע געשיכטע:

דאס האט מיר דערצעהלט א קאווקאזער פרינץ, אן אינטעליגענטער מענש. דיעזער פרינץ האט געטוידטעט זיין פרוי אויס אייפערזוכט: ער האט איהר געכאפט כמעט ביים סאמע פערברעכען... שפעטער האט איהם דער געריכט בעפרייט: זיין אייפערזוכט איז אנגענומען געווארען פאר א גרינדליכע אורזאכע. ווען איך האב זיך מיט איהם בעקענט, האט ער שרעקליך געליטען, ניט אזוי פיעל פון דעם, וואס זי האט איהם פערראטהען, און אויך ניט פון דעם, וואס ער האט איהר געטוידטעט, נאר א שארפער, נאגענדער צווייפעל, צו זי איז גאר שולדיג, האט איהם געפרעסען דאס הארץ... די צייט פערגלעט אלעס! עס זיינען אריבער יאהרען, די ערמארדעטע איז שוין לאנג צופוילט געווארען אין קבר: איהר קערפער, וועלכער האט פעראורזאכט אזוי פיעל ליידען און שמערצען, איז פערוואנדעלט געווארען אין אש. דער מאן, איהר מערדער, האט שוין זאגאר ניט געקענט דייטליך זיך פארשטעלען איהר געזיכט, איהר פיגור, איהר שטימע... עס איז אבער ביי איהם פערבליעבען א שרעקליכע געהיימניספאלע פראגע: האט זי איהם טאקע פערראטהען?... צי האט ער אפשר גאר אומזיסט איהר גע׳הרג׳עט?... אפשר איז זי גאר ניט געוועזען א פעררעטהעריז, נאר א ריינע, אונשולדיגע, ליעבענדע פרוי?... אפשר האט ער גאר געטוידטעט זיין גליק?

דאס האט איהם שרעקליך געמאטערט, און ער איז צו זעקס

און דרייסיג יאהר שוין גרוי און אלט געווארען... און געליטען האט ער מורא׳דיג. דאס האב איך דייטליך געזעהן אן זיין ציטערנ־דע שטימע, אן זיינע ברענענדע אויגען, וועלכע האבען געקוקט אויף מיר מיט אזא מאטערענדען פראגענדען בליק.

פאסירט האט עס אזוי: צו זיין פרוי, וועלכע ער האט שטארק געליעבט, האט זיך צוגעשארט אן אפיציער, א שעהנער יונג, און גענומען זיך נאכשלעפען נאך איהר... דער פירסט איז אנפאנגס ניט געווען אייפערזיכטיג: ער האט אויף דעם געקוקט מיט א גוט־מוטהיגען שמייכעל. ער האט זיין פרוי היים געליעבט און געהאט צו איהר שטארקען צוטרויען. זי קאקעטעוועט בלויז, האט ער גע־טראכט. אט דאס איז דאך אויך א ניעדעריגער כאראקטער־שטריך ביי א פרוי: א מאנסביל, אז ער יאגט זיך נאך א פרוי, האט ער א בעשטימטען צוועק דערביי: ער וויל איהר בעזיצען... עס הייסט, די פרוי געפעלט איהם... א פרוי אבער קאקעטעוועט, רייצט אויף די פארשטעלונגס־קראפט ביים מאנסביל, פלאקערט פערנאנדער זיין תאוה אפילו דאן, ווען זי אליין דארף עס גאר ניט. זי האט הנאה בלויז פון דעם, וואס מען בעגעהרט איהר, מען וויל איהר האבען!.. נו, האט דעם פירסט׳ס פרוי אויך קאקעטעוועט... זי האט אבער קאקעטעוועט מיט אלעמען. קאוואליערען וואס האבען איהר פערגעטערט און זיך נאכגעשלעפט נאך איהר, האט זי געהאט א סך, ווארים זי איז געווען זעהר א שעהנע, א רייצענדע, און א בע׳טעם׳טע...

אין יענער צייט האבען זיי געוואהנט אין עפעס א קור־פלאץ אין קאווקאז, דאכט זיך אין קיסלאוואדסק... זי איז געווען זעהר פרעהליך, לעבעדיג און דעריבער טאקע איז זי געווען א סך איני־טערעסאנטער ווי געוועהנליך. איהר מאן האט איהר דערפאר נאך מעהר ליעב געהאט. מעגליך, אז איהם איז אריין אין מח א גע־דאנק, דאס איהר לעבעדיגקייט און פרעהליכקייט האבען אזא צווי־בערליכען פראכט טאקע צוליעב דעם, וואס זי איז אויפגערייצט פון דער געזעלשאפט פון מאנסבילען, וועלכע שטעהען צו איהר צו

פון אַלע זייטען און זוכען בלויז איהר קערפּער... מעגליך, אַז דאָס איז איהם געווען אונאַנגענעהם, ער האָט זיך פון דעם געפיהלט ערניעדריגט, אָבער דערפאַר איז זי געווען אַזוי שעהן, אַזוי ברע־נענדיג געשמאַק!...

דערנאָך זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צוריק אַהיים. דאָ האָט דער מאַן צופעליג געפונען ביי איהר אַ בריעף פון יענעם אָפּי־ציער מיט אַ פייערדיגע ליעבעס־ערקלעהרונג, און אין דעם בריעף האָט דער אָפיציער צו איהר געשריעבען אויף „דו".

אַזוי ווי אַ דונער וואָלט דעם פירסט געטראָפען! זי האָט אָבער מיט אַ ריינעם, אונשולדיגען פּנים איהם געענטפערט, אַז ס'איז גאָר ניט איהר שולד וואָס דער שוטה דער אָפיציער האָט זיך אין איהר פערליעבט, אַז זי דאַרף איהם אויף כפרות; און דאָס, וואָס ער ווענדעט זיך צו איהר אויף „דו", איז עס בלויז אויס פּאָעטישער בעגייסטערונג!...

דער פירסט האָט איהר געגלויבט.

אין אַ קורצע צייט נאָכדעם איז צו איהר פון אָפיציער אָנגע־קומען אַ דעפּעשע, און ווידער אויף „דו" און אונטערגעשריע־בען „דיינער"...

האָט זי ווידער אַמאָל ליידענשאַפטליך אומאַרמט איהר מאַן, היים געקושט איהם און פערזיכערט, אַז נאָר איהם ליעבט זי.

— דענקסטו דען — האָט זי גע'טענה'ט — אַז איך קען דיר פערראַטהען אַט צו אַזאַ אידיאָט? ווי אַזוי קענסטו זיך שטעלען אויף איין שטופע מיט איהם?

ווען איך האָב געהערט דעם פירסט'ס ערצעהלונג, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז דער געוועהנליכסטער פּרויען־מיטעל: צו ווירקען אויף דעם מאַן'ס אייגען־ליעבע.

אי, ווי קומט עס, וואָס ער שרייבט „דו" און „דיינער"? האָט זי עס ערקלערט אַזוי: אין די בערג, ביי אַ פּיק־ניק, האָט מען עפּעס אויף שפּאַס געטרונקען „לחיים"... און מען איז געוואָרען ווי אייג־נענע מענשען...

דאס איז, פערשטעהט זיך, געווען נאריש, און איצט האט זי אויף דעם שטארק חרטה.. אייגענטליך, האט זי אויף מאר־גען אן דעם אלעמען גאר פערגעסען, אבער דער אפיציער, דער פערליעבטער אידיאט, האט געמיינט וואהרשיינליך אויף אן אמת...

און זי איז געווארען צום מאן ליעבליכער און ליידענשאפט־ליכער ווי אירגענד ווען פריהער, און דער אונגליקליכער פירסט האט איהר ווידער געגלויבט!

אין הארצען האט ער אבער געקראגען א וואונד; זיין צו־טרויען צו איהר איז צוריסען געווארען, און פון איצט אן האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון צרות און ליידען.

איינמאל האט זי איהם אליין דערצעהלט, אז זי האט אין גאס בעגעגענט יענעם אפיציער, האט מיט איהם גערעדט און געעבעטען איהם, אז ער זאל איהר צורוה לאזען.

— שטעל זיך פאר — האט זי געזאגט מיט א כלומרשט פער־עבטליכען געלעכטער, פון וועלכען עס איז אבער קענטיג געווען, אז זי פיהלט זיך געשמייכעלט — אט דער שוטה איז געקומען צופאהרען אהער בלויז צוליעב מיר! איך וועל זיך אבער מיט איהם ניט זעהן, קענסט זיין רוהיג!... ער ווערט שוין פרעך, און ער האט מיר דערעסען!...

דער פירסט האט איהר ווידער געגלויבט. האט אבער באלד נאכדעם געטראפען, אז זי איז געקומען שפעט אהיים. זי האט ניט געוואוסט, אז דער מאן איז שוין לאנג אין הויז, און זי האט איהם געזאגט, אז זי איז ארום בלויז אויף א פערטעל שעה זיך דורכשפאציערען. און זי איז ווידער געווען זעהר מונטער און לאשצענד. דער פירסט האט דיעזען מאל ניט געגלויבט, וואס זי זאגט. די אייפערזוכט האט זיך שוין פריהער אריינגע׳גנב׳עט צו איהם, האט ער איצט אין איהר צופיעל ליעבליכקייט דערשפירט עפעס שלעכטעס, פאסקודנעס. מען האט זיך גענומען קריגען און ער האט ביי איהר גע׳פועל׳ט, זי זאל זיך מודה זיין, אז זי האט זיך געזעהן מיט׳ן אפיציער און זאגאר געשפאציערט מיט איהם,

אבער, האָט זי ערקלערט, זי האָט די גאנצע צייט נאָר געבעטען איהם, ער זאָל איהר צורוה לאָזען, און זי האָט איהם זאָגאר גע־סטראשעט, אז זי וועט דערצעהלען דעם מאן. דער פירסט איז אן אויפגעקאָכטער געוואָרען און האָט געוואָלט גלייך לויפען צום אָפיציער, אבער זי האָט איהם אָבגעהאלטען.

— ווילסטו דען ער זאָל דענקען, אז דו קענסט זיין אייפער־זיכטיג צו איהם? דו וועסט מיט דעם ערניעדריגען אי מיר, אי זיך!

האָט ער איהר ווידער געגלויבט. איהרע לאַסקעס, איהר צערטליכקייט און ליידענשאַפט האָבען עס אויפגעטהאָן, און הויפט־זעכליך איז איהם געווען מורא'דיג שווער זיך פאָרצושטעלען, צו אנערקענען, אז זי האָט איהם פערראַטהען.

און ענדליך האָט אויסגעבראָכען דער אונגליק:

געוואָהנט האָבען זיי אין א האָטעל. דער פירסט איז איינ־מאָל געקומען אהיים האָט פלוצלונג און עפען געטהאָן די טהיר און דערזעהן זיין פרוי ביים אָפיציער אין די אָרמס. זי איז געווען בלויז אין אן אונטער־קליידעל און א העמדעל, וועלכע איז אראָב־טערגעפאלען פון די פּלייצעס. דער אָפיציער האָט בערעקט מיט קושען איהר געזיכט, די הויכע שולטערען, די נאַקעטע ברוסט...

א שרעקליכע אבשייליכע סצענע האָט זיך אָבגעשפּיעלט: אין עקעלהאַפטער געשלעג צווישען צוויי מאנסבילען, וואָס האָבען זיך פערוואַנדעלט אין חיות, די האלב־נאַקעטע פרוי האָט זיך פערדרוקט אין א ווינקעל... די בעדיענער פון האָטעל זיינען צוזאמענגעלאָ־פען...

ענדיגען האָט זיך עס בעדאַרפט מיט א דועל צווישען דעם פירסט און דעם אָפיציער, אבער אין דערזעלבער נאַכט האָט דער פירסט דערשטיקט זיין פרוי.

ווען דער אָפיציער איז אנטלאָפען פון צימער, האָט דער פירסט צום ערשטען מאָל גוט אָנגעבראָכען די ביינער זיין פרוי, וואָרים ער איז געווען אין א ווילדען פערדיקטען צושטאַנד... זי האָט נאָר

געווייגט... און ווען ער איז מיעד געווארען און איז געבליעבען זיצען אין פערצווייפלונג, האלטענדיג זיך מיט ביידע הענד פאר'ן קאפ, איז זי צוגעגאנגען און שטילערהייט זיך געשטעלט אויף די קניע פאר איהם... פון אנפאנג האט ער איהר א שטוים גע־טהאן פון זיך, אז זי איז אומגעפאלען, אבער דערנאך האט ער זיך גענומען צוהערען צו דעם, וואס זי רעדט.

זי האט געזאגט, אז זי איז אין קיין זאך ניט שולדיג, אז דער אפיציער האט אויסגעשפירט ווען איהר מאן איז אין הויז ניטא און דאן האט ער זיך אונערוואַרטעט אריינגעריסען אין צימער, ווען זי איז געשטאנען אן אויסגעטהאנענע פאר'ן שפיגעל און צוגעריכט די האאר. ווען ער האט איהר דערזעהן א האלב־נאקעטע, איז ער צורייצט געווארען ווי א ווילדע חיה און געכאפט איהר קושען. דאס איז אלעס!

און דער פירסט האט איהר צום לעצטען מאל געגלויבט — געגלויבט מיט יסורים, מיט פעראכטונג צו זיך זעלבסט, מיט האס צו איהר. ווארים ער האט דאך פארט געליעבט און עס איז גע־ווען צו שוידערליך ניט צו גלויבען.

אבער טאקע אין יענער נאכט, נאך די לײדענשאפטליכע לאסקעס, וואס זי האט איהם אויסגעטהיילט, האט ער דערפיהלט אז ער קען מעהר ניט גלויבען איהר, אז די יסורים פון צווייפעל וועלען שוין אויף אייביג פערבלייבען אין זיין נשמה, ווארים אויב ער זאל איהר אלעס גלויבען, קען זי דאך אויסקומען אונשולדיג אפילו דאן, ווען ער וועט איהר כאפען מיט א פרעמדען מאנסביל אין בעט: מען האט איהר פערגוואלטיגט, וועט זי דאן טענה'ן... ער האט דערפיהלט ביי זיך אין הארצען א געוואלד־דים אויפ'ן גאנ־צען לעבען, און אזוי ווי איינער, וואס טרינקט זיך, כאפט זיך אן כאטש פאר א שטרויעלע, האט ער זיך גענומען ביי איהר בעטען, זי זאל אויסזאגען דעם אמת. ער האט שוין מעהר ניט געטראכט וועגען גליק און רוהיגקייט: ער האט געפיהלט, אז דאס איז שוין אויף אייביג פערשוואונדען, ווארים אויב אפילו זי וועט זאגען, אז

זי האָט איהם פערראטהען, וועט ער איהר סיי־ווי ניט גלויבען.. און ווען ער זאָל איהר היינט גלויבען, וועט ער מאָרגען ווידער נעהמען צווייפלען און זיך מוטשען אויף דאָס ניי. האָט ער זיך געבעטען, אז זי זאָל זאָגען „יע“. וואָרים דאַן, כאָטש דאָס וואָלט געווען א שרעקליכער אונגליק, וואָלט עס אבער געווען אן אמת, און דער שרעקליכסטער אמת וואָלט פאר איהם איצט געווען א סך לייכטער צו פערטראָגען, ווי יסורים פון ספק, פון אונבעשטימטקייט. ווען ער וויים דעם אמת, האָט ער גע'טענה'ט, וואָלט ער גובר געווען אין זיך זיין ליעבע, ער וואָלט אוועק און זיך געסטאַרעט צו געפינען פערגעסענהייט אין עפּעס אנדערש, אבער מיט דעם צווייפעל אין הארצען מוז ער לעבען מיט איהר און ליעבען, אבער אָהן צוטרוי, אָהן אכטונג, פער'מיאוס'ענדיג זיך און האַסענדיג איהר.

און ער איז צו איהר אזוי צוגעשטאַנען מיט זיין בעטען זיך, אז ער האָט איהר כמעט פערמאַטערט. האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און א זאָג געטהאָן איין מאָל:

— אויב דו ווילסט עס ניט אנדערש, איז — יאָ!

האָט ער עס אָנגענומען, אז זי וויל מיט דעם „יאָ“ בלויז יוצא זיין, אָב'פּטר'ן איהם מיט אן ענטפער, צופריעדענשטעלען איהם; און ער האָט ווידער גענומען זיך בעטען ביי איהר, געפאָדערט זי זאָל זאָגען דעם אמת, כאָטש ער האָט געפיהלט, אז ער וועט שוין קיין טאָלק ניט דערגעהן, ער וועט דעם אמת ניט וויסען. ער האָט געוויינט, געשלאָגען זיך מיט'ן קאָפּ אַן וואַנט... ענדליך האָט ער איהר אָנפאַנגס גענומען די הענד ברעכען, מוטשען, און דערנאָך האָט ער איהר אָנגעכאַפּט פאר'ן האלז און גענומען שטיקען, אזוי ווי א שרץ.

א טיעפער האַס האָט זיך אין איהר דאַן אויפגעכאַפּט פאר אזא טיראַניי: מיט פינסטערע בליקען, ווי ביי א חיה, האָט זי איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען און ארויסגערעדט בייז מיט גיפט:

— נו, יע, יע... פערראטהעו, געמאכט חוזק פון דיר, און ניט נאר מיט איהם אליין... איך האב געהאט א סך געליעבטע, און אלע האבען עס געוואוסט... בלויז דו, אידיאט, האסט עס ניט גע־זעהן!... איך פערראטה דיר, איך קען דיר ניט אנקוקען, האסט מיר דערעסען!... אוועק פון מיר!...

דאס איז שוין געווען צופיעל פאר זיין צומאטערטער הארץ. ער איז געווארען א צומישטער, צי ער האט איהר עס געגלויבט צי ניט. א פערריקטער פון צארן האט ער איהם אנגעכאפט און פערשטיקט, אליין ניט געדענקענדיג ווי אזוי און ווען.

צו זיך איז ער געקומען ערשט דאן, ווען זי האט אויפגע־הערט צו ציטערען אין די לעצטע קאנוואולסיעס, און פאר איהם איז געלעגען א צוקאליעטשעטער, נאקעטער, שרעקליכער, טוידטער קערפער.

דעם אמת האט ער זיך אבער אלץ ניט דערוואוסט.

יענער אפיציער איז באלד אוועקגעפאהרען אויף מלחמה, ווען דער פירסט איז נאך געזעסען אין טורמע. צוריק איז ער ניט גע־קומען.

ווען דער פירסט האט מיר געענדיגט דערצעהלען די געשיכ־טע, האב איך אין זיינע אויגען געזעהן מאוים׳דיגע יסורים. ער האט ביי מיר געפרעגט:

— איהר זייט דאך א שרייבער, איהר פערשטעהט דעם מענשענס נשמה, זאגט מיר: האט זי מיר פערראטהען? זאגט! איך האב איהם גאר ניט געקענט זאגען... איך ווייס ניט!

ע נ ד ע.